STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04307

DER DAMEN-HELD

A. Verbitskaia

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

АННА ВЕРБИЦКАЯ.

דער דאַמען-העלד

(Духъ времени)

ראמאַן אין 4 טהיילען

פון

אַננאַ ווערביצקאַיאַ

איבערזעצט פון רוסיש פון

מ. אַשעראָוויטש

צווייטער באַנד

(ערשטער און צווייטער טהיילען).

ארויסגעגעבען פון
פארלאג „ליטעראטור“
1919

Copyright, 1919 by
Literature Publishing Co.
New York, N. Y.

דריטע טהייל

דריי און צוואנציגסטער קאפיטעל

פרעהלאך און מונטער איז דאס יונגע פאר פאלק געקומען פון קיעוו נאכדעם ווי זיי האבען דארטען א פאר וואכען פערבראכט. פונ'ם וואקזאל זיינען זיי גלייך אוועקגעפאהרען אויף דער דאטשע, וועלכע איז געווען אן אויסנאהם אין דעם גאנצען געגענד. דאס איז אייגענטליך געווען מעהר ווי א דאטשע, נור א גרויסער הויף מיט א געדיכטען פארק ארום און ארום, מיט א בלומען־גארטען און מיט צוויי גרויסע וואסער־שפריצענדע פאנטאנען.

טאקע נור אזעלכע גרויסע גבירים ווי די טאבאלצעווס האבען זיך געקענט פערגינען אזא אייגענע דאטשע צו האבען.

ווען טאבאלצעוו האט ארויסגעפיהרט זיין יונגע ווייבעל אויפ'ן ברייטען באלקאן און דער בלומען־גארטען מיט זיינע פערשיעדענערליי קאלירען האט געגעבען א פערכאפ דאס אויג, האט זי, די יונגע ווייבעל, פאר גרויס שמחה און ענטציקונג אזש מיט די הענד א פליעסקע געטהאן און, ארונטערלאזענדיג זיך אויף די קניע, האט זי צערטליך גענומען קושען די רויזען. אזא רייכקייט האט זי זיך קיינמאל אפילו אין חלום ניט פארגעשטעלט...

— איך האב גאר ניט געוואוסט, קאטיא, אז דו ביזט אזא גרויסע ליעבהאבערין פון בלומען, — האט ער איהר געזאגט.

— איך אליין האב דאס אויך ניט געוואוסט, — האט זי מיט א געלעכטער געענטפערט. — ווייל ווי האב איך גאר געקענט אין זינען האבען בלומען, ווען איך האב געדארפט אין זינען האבען א קראנקע מאמען מיט א קלענערער שוועסטער...

— און געשיקט זיך, אז אט דא, אין אזא רייכקייט, וועל איך וואהנען? — האט זי מיט פרייד אויסגערופען, ווען זי איז אריינגעגאנגען אין דעם גרויסען, שעהן אויסגעמעבלירטען צימער, וואס מען האט פאר איהר און טאבאלצעוו'ן צוגעגרייט.

ליזא האָט זיך צוגעקוקט ווי קאַטיא פרעהט זיך. זי האָט גע־פרעגט:

— נו, קאַטיא, געפעלט דיר דאָס מעבעל?

— דאָס האָט זי אַלעס אויסגעקליבען — האָט זיך די שוויגער אריינגעמישט, אַנווייזענדיג אויף ליזא׳ן. — אַלעס זי...

אינ׳ם צימער האָט אַלעס געשיינט און געפינקעלט. עס האָט ממש דאָס אויג פערכאַפּט. און אַלעס איז געווען מיט אַזוי פיעל קינסטלערישען געשמאַק, אַלעס האָט זיך געפּאַסט אהער: דער ווייכער טעפּיך אונטער די פיס האָט זיך געפּאַסט צו די פאָרהאַנגען, צו די ווענט. אַ שפּיגעל־שאַפע, אַ ווייסע, אַ לאַקירטע איז אין ווינקעל געשטאַנען און אין דער אַנדער זייט — אַ ווייסער, לאַ־קירטער שרייב־טיש, פערשפּרייט מיט אַ שטיק געוואַנט.

— און זעה נור, — האָט זיך קאַטיא מיט אַ שמחה אַ כאַפּ געטהאָן — אָט איז דאָך אַ קאַמין אויך. אַך, איך האָב אַזוי ליעב אַ קאַמין!

— און אָט איז אַ ווייכע זאָפע אויך! — האָט טאַבאַלצעוו מיט אַ געמיטליכען שמייכעל איהר אָנגעוויזען. — דו האָסט דאָך די לעצטע צייט געטרוימט וועגען אַ ווייכער זאָפע...

קאַטיא האָט זיך גאָר גענוג זאַט ניט געקענט אָנקוקען אָן דעם שעהנעם, טייערען מעבעל, וואָס מען האָט אין איהר צימער אריינגעשטעלט. און ווען זי האָט דערזעהן דאָס טואַלעט־טישעל, האָט איהר אַזש דאָס הארץ גענומען קלאַפּען אונרוהיג... פונקט אַזא טישעלע האָט זי פאַראיאָהרען איינמאָל געזעהן פון דער ווייטענס ביי דער גרעפין, די פערוואַלטערין פונ׳ם אינסטיטוט, וואו זי איז אַ פּיאַנאָ־לעהרערין געווען... הייזנט די טהייערע רויטע פּליר־שענע סטעזשקע איבער דער גאַנצער לענג פונ׳ם צימער! נו, און דער שפּיעגעל! אַלעס פערכאַפּט דאָס אויג!...

עס איז שוין ביי איהר גאָר קיין צווייפעל ניט געווען, אַז די אויסשטאַטונג אין איהר צימער איז אַ סך שעהנער און רייכער ווי ביי דער גרעפין... „און דאָס אַלעס איז פון היינט אָן און ווייטער מיינס... — האָט זי מיט פערגניגען געקלעהרט. — מיינס... איך

בין דאָ די בעל־הבית׳טע." און זי איז שטיל צוגעגאנגען צו דער שווינער און זי א הייסען קוש געטהאָן.

— ווי אזוי האָט איהר דאָס אזוי שנעל אוספּעיעט אַלעס צו קויפען און אויסשטעלען? — האָט זיך טאַבאַלצעוו געוואונדערט.— עפּעס אזוי ראַפּטאָם האָט איהר דאָס א גאנצע צויבער־וועלט אויס־געבויט!

פון׳ם דאָזיגען צימער האָט א גרויסע טהיר געפיהרט אין דעם שלאָף־צימער פון׳ם יונגען פּאָר־פאָלק. פון׳ם שלאָף־צימער, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי איינגעטונקט אין זיידענס און קרושע־וועס, האָט א טהיר געפיהרט אינם באדע־צימער. חוץ דעם איז אין גרויסען רייך־מעבלירטען צימער געווען נאָך א טהיר, וואָס האָט געפירט אין א זאַל, וואָס איז בעשטימט געוואָרען ספּעציעל פאַר דער יונגער ווייבעל.

— מיין גאָט! וואָס איז דאָס? — האָט זי אויסגערופען מיט התפּעלות, בלייבענדיג שטעהן אויפ׳ן שוועל פון דער זאַל.

אין מיטען דער גרויסער זאַל, וואָס האָט זיך געבאָדען אין זונענליכט, איז געשטאנען א גרויסער ווייסער ראָיאַל (אזא פּיאַנאָ) און אין א ווינקעל איז געשטאנען א ווייסע שאַפקעלע מיט נאָטען. דאָ זיינען קיינע פּליושענע טעפּיכער ניט געווען, און די לייכטע ווייסע שטוהלען זיינען וואזשע געשטאנען לעבען די ווענט. פון דער סטעליע איז אין מיטען צימער אַרונטערגעהאנגען א גרויסער בליץ־לאָמפּ. אין אַלגעמיין האָט דאָס צימער אויסגעקוקט עפּעס ווי א מין קדשי קדשים, וואוהין בלויז אויסדערוועהלטע מענשען קענען אריינקומען...

קאַטיא׳ן האָבען זיך פאַר פרייד געשטעלט טרעהרען אין די אויגען. זי האָט ווידער ארומגענומען די שווינער און איהר א הייסען קוש געטהאָן.

— מיין גאָט! מיר האָט זיך דאָס גאָר קיינמאָל ניט גע־חלום׳ט... — האָט זי צוגעגעבען.

אין דער מינוט איז א גערטנער מיט באָרפוסע פיס אריינגע־קומען און געבליבען שטעהן ביי דער שוועל.

— וואו זאָל איך אוועקשטעלען די בלומען? — האָט דער גערטנער אונטערטהעניג געפרעגט.

— שטעלט זיי אוועק דאָרטען אויפ׳ן קאמין — האָט די אַלטע מאדאם טאבאַלצעוו איהם אָנגעוויזען וואו זיי אוועקצושטעלען. און ווען ליזא האָט דערזעהן די אויסגעריסענע בלומען האָט איהר אזוי באַנג געטהאָן, פארוואָס מען האָט זיי אויסגעריסען...

ליזא און די אַלטע האָבען אָנגעוויזען טאבאַלצעוו׳ן דאָס ציממער, וואָס זיי האָבען פאר איהם אַליין אויך צוגעגרייט. דאָס איז געווען א גרויסאַרטיג צימער, מיט א גרויסען שרייב־טיש און מיט א סך ביכער־שראנקען און מיט א פענסטער אין גאָרטען אריין. אויף די וועגט זיינען געהאנגען שעהנע בילדער. און ווען טאַבאַלצעוו האָט דערזעהן ווי ליזא׳ס פאָטאָגראפיע א׳ז צווישען די בילדער ניטאָ האָט איהם דאָס האַרץ אונרוהיג גענומען קלאַפען...

— און דאָ וועלען מיר טרינקען טהעע! — האָט קאטיא אויסגערופען, אָנווייזענדיג אויפ׳ן באַלקאָן, און איהר האַרץ איז געווען פול מיט פרייד.

די אַלטע אַליין האָט פארנומען פאר זיך פיער שעהנע צימערען און נאָך א צימער פאר איהר אויפפאַסערין פעדאָסיא.

דער באַלקאָן איז אויך געווען זעהר א בעקוועמער און א שעהנער. און ווייטער א ביסעל פונם באַלקאָן, צווישען הויכע געדיכטע בוימער, איז געשטאנען א גרויסער לאַנגער טיש, גע־פלאָכטענע גאָרטען־בענק און ארום און ארום גרויסע וואזאָנעס.

— אַך, ווי שעהן דאָס איז! — האָט זיך קאטיא גאָר ניט געקענט אָנקוקען זאַט אויפ׳ן גאָרטען. — און אָט וואקסען דאָך ליליען אויך! דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען שטעה איך אזוי נאָהענט לעבען ליליען!

דאָ האָט זי מיט אמאָל א קוק געטהאָן אויף ליזא׳ן און געזאָגט:

— דו ווייסט, ליזא, דו קוקסט אויך אוים ווי א ליליע...

אַלע האָבען געלאַכט און ליזא׳ס פנים האָט זיך אָנגעהויבען רויטלען.

— און איצט, ליזאַטשקאַ, — האָט קאַטיאַ פריינדליך געזאָגט, — ווייז אונז ווי אַזוי דו האָסט דיינע צימערען אויסגעשטעלט. איך שטעל זיך פאָר אַז דו האָסט זיי געמוזט אויסשטעלען אויסערגעוועהנליך שעהן. דו האָסט דאָך אַזאַ שעהנעם געשמאַק...

האָט זיי ליזאַ אריינגעפיהרט אין איהר וואָהנונג, און ווען זיי האָבען דאָרט דאָס נייע מעבעל דערזעהן, האָט זיי אַזש דער אָטהעם פערכאַפּט. דאָס מעבעל און אַלעס אין דער נייער וואָהנונג איז געווען אויסגעשטעלט אַזוי אויסערגעוועהנליך, אַז עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז עפּעס אַ וועלט פון חלומות און שעהנע טרוימען.

טאַבאָלצעוו האָט דאָס בעוואונדערט:

— דאָס איז ניט קיין וואָהנונג, — האָט ער געזאָגט, — נור אַ קעניגרייך פון טרוימען — און דו ווייסט, ליזאַ, — האָט ער צוגעגעבען, קוקענדיג אויף איהר מיט יענעם בעקאַנטען בליק, וואָס האָט אַלע מאָל איהר ליידענשאַפט געררייצט, — ווען איך וועל אַמאָל וועלען פאַנטאַזירען, וועל איך אריינקומען אהער צו דיר אין דעם צימער... דאָ איז דאָס ריכטיגע פּלאַץ צו פאַנטאַזירען... וועסטו מיר ערלויבען?

ליזאַ האָט בגנבה געכאַפּט אַ קוק אויף קאַטיאַ'ן און גאָרניט געענטפערט.

טאַבאָלצעוו האָט הינטען ארום אַלע מאָל געכאַפּט אַ קוק אויף ליזאַ'ן, און ער האָט בעמערקט, אַז אויסער דעם וואָס זי איז פאַר די פאָר וואָכען געוואָרען נאָך שעהנער ווי פריהער, איז זי גלאַט געוואָרען אַן אַנדער מענש... עפּעס מוז דאָ זיין...

אַ פערטראַכטע, ווי אונטער'ן איינפלוס פון אַ שעהנעם טרוים, האָט ליזאַ אויפ'ן גאָרטען געקוקט. איהרע בעוועגונגען זיינען איצט געווען גאָר אַנדערע ווי מיט אַ פּאָר מאָנאַטען צוריק, און טאַבאָלצעוו האָט פערשטאַנען, אַז עפּעס מוז דאָ זיין.

„געשיקט זיך אַז זי איז שוין טאַקע פערליעבט אין פּאָטאַפּאָוו'ן און צו מיר איז זי שוין אין גאַנצען גלייכגילטיג?” האָט

טאַבאַלצעוו זיך געפּרעגט, נאָכפאָלגענדיג מיט די אויגען ליזאַ׳ס יעדע בעוועגונג.

איז ער אומיסטען געבליבען ביי איהר אין צימער, נאָכדעם ווי זיין מוטער און זיין פרוי זיינען שוין פון דאָרטען ארויסגע־גאַנגען. ער האָט גלייך געהאַט א טענה צו איהר:

— ליזאָטשקאַ, דו האָסט דאָך אויפגעהאַנגען די בילדער אין מיין צימער, טו זאָג זשע מיר פאַרוואָס האָסטו דיין בילד דאָרטען ניט אויפגעהאַנגען?

— צו וואָס דאַרפסטו האָבען מיין בילד? — האָט ליזאַ מיט א זיפץ געזאָגט און איז בלאַס געוואָרען.

מיט זשענדע בליקען האָט זיך טאַבאַלצעוו ווי איינגעגעסען אין איהרע ברייט פאַנאַנדערגעעפענטע אויגען. און ווען זי האָט זיינע בליקען אויף זיך דערפילט און זיך גענומען רוקען צוריק, האָט ער זיך פרעהליך פאַנאַנדערגעלאַכט, אָנגעכאַפּט איהר פּנים מיט ביידע הענד און עס בעדעקט מיט קושען.

— ליזאָטשקאַ, טהייערע מיינע... — און דערנאָך איז ער שטיל, אויף די שפּיץ פינגער אוועק און איהר איבערגעלאָזט אליין.

מיט פערמאַכטע אויגען איז ליזאַ געבליבען שטעהן א פער־ווירטע, און אונבעהאָלפענע. אין הארצען האָט עס עפּעס אזוי שווער גענאָגט. האָט זי זיך אוועקגעלייגט אויף דער ווייבער זאָפע מיט׳ן פּנים אראָפּ און זיך ווידער פערטראַכט.

„ווי לעבט מען איצט און צו וואָס טויג גאָר דאָס גאַנצע לעבען, ווען ער האָט ליעב אן אנדערע?”...

נאָך מיטאָג האָט זיך קאַטיאַ געקליבען פאָהרען אין שטאָדט אריין, זעהן איהר מוטער און איהר שוועסטער. די שוויגער האָט געהייסען דעם קוטשער יערמאָלאַי איינשפּאַנען די פערד אין דער בעסטער קאַרעטע און פאָהרען מיט דער שנור אין שטאָדט אריין.

איידער זי איז אין שטאָדט אריין ארויסגעפאָהרען, איז זי צוגעגאַנגען צו ליזאַ׳ן מיט א בקשה:

— טהייערע, איך וויל דיך עפּעס בעטען. טהו מיר א טובה און געפין דאָ אין דעם געגענד עפּעס א ביליגע דאַטשע פאַר מיין

מוטער און שוועסטער. אָבער אזא, וואָס זאָל קאָסטען ניט מעהר ווי הונדערט און פופציג רובעל איבער׳ן זומער.

און דאָ האָט זי שוין געהאַט אַ געלעגענהייט אַ ביסעל צוצו־קלאָגען טאַבאַלצעוו׳ן פאַר איהר.

— דו ווייסט, ליזאַ, — מאַכט זי אַזוי צו איהר, — ער איז אַ מאָדנער מענש, מיין אַנדרעי! געלד איז ביי איהם בלאָטע... ווען מיר זיינען געווען אין קיעוו, האָט ער געוואָרפען מיט געלד רעכטס און לינקס... איך האָב געזעהן, אז אויב איך וועל דאָס אַזוי לאָזען געהן, וועלען מיר ניט האָבען אויף הוצאות אהיים. וואָס־זשע מיינסטו האָב איך געטהאָן?

— וואָס אַ שטייגער?

— איך האָב ביי איהם צוגענומען דאָס גאַנצע געלד און האָב איהם ניט געלאָזט אויסגעבען אפילו אַ גראָשען אָן איבעריגען...

און זי האָט נאָך צוגעגעבען:

— איך בין ניט אַזאַ מענש ווי ער... איך וועל איהם שוין מאַכען פאַר אַ לייט...

מיט דער שעהנער קארעטע איז קאַטיאַ צוגעפאָהרען צו דעם שטיבעל וואו איהר מוטער האָט געוואָהנט. און דאָס האַרץ האָט איהר דערביי פאַר פרייד געקלאַפּט. איהר שוועסטער סאָניאַ האָט זי נאָך דורכ׳ן פענסטער דערזעהן און מיט אַ גדולה איהר אַקעגען געלאָפען:

— קאַטיאַ, טהייערע!

דאָס האָט קאַטיאַ׳ן געמאַכט פיהלען נאָך בעסער און זי האָט זיך מיט סאָניאַ׳ן אַזוי היים צוקושט.

— וואָס מאַכסטו עפּעס, סאָניטשקאַ? און וואָס מאַכט עפּעס די מאַמאַ?

— גאָר ניט, מיר זיינען געזונד, — האָט סאָניאַ געענט־פערט. — און ווען דו וואָלסט געוואוסט ווי אומעטיג אונז איז דאָ געווען אָהן דיר! איך זאָג דיר, מיר זיינען שיער פון זינען ניט אַרונטער.

— אַרעמינקע מיינע! מאַמעלע טהייערע, דיר איז אויך געווען אומעטיג אָהן מיר?

— נאָך ווי אַזוי אומעטיג! — האָט די מוטער אַ וויינענדע געזאָגט.

און דאָס איז טאַקע געווען אמת. פאַר די פּאָר וואָכען וואָס קאַטיא איז דאָ ניט געווען, האָבען זיי ערשט דערפיהלט, ווי עלענד און אונבעהאָלפען זיי זיינען אָהן איהר.

— דערפאַר, מיינע טהייערע, האָב איך אייך געבראַכט זעהר שעהנע מתנות פון קיעוו, — האָט קאַטיא געזאָגט, — זיי ליגען דאָרטען אין מיין קאַרעטע... וואו איז די דיענסט? שיקט זי אריינ־טראָגען די פּעקלעך.

סאָניא האָט אַזש אַ שפּרונג געטהאָן.

— וואָס, קאַטיא, דו פאָהרסט שוין אין אַן אייגענער קאַ־רעטע? אוי, איך בעט דיך, נעהם מיך אויך אריין. איך וויל זיך אַ ביסעל דורכפאָהרען אין אַ קאַרעטע.

— וואַרט, שפּרינג ניט אַזוי, — האָט קאַטיא גוטמוטהיג גע־זאָגט. — דו וועסט זיך נאָך אָנפאָהרען גענוג. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער וועל איך אייך ביידען ארויסנעהמען אויף אַ דאַטשע, ניט ווייט פון אונזערער... מיין גאָט! דאָרטען איז דאָך אַזוי גוט, אַז עס איז גאָר אונמעגליך מיט ווערטער איבערצוגעבען! איבער׳ן זומער וועלען מיר וואָהנען בעזונדער... דערפאַר אָבער וועלען מיר ווינטער וואָהנען צוזאַמען.

אַלע דריי האָבען זיך אוועקגעזעצט ביים טיש און קאַטיא האָט געהאַלטען אין איין דערצעהלען, ווי אַזוי זי האָט מיט איהר מאַן פערבראַכט די צוויי וואָכען אין קיעוו.

— וואָס זאָל איך אייך זאָגען, מיינע טהייערע, מיר האָט זיך אפילו קיינמאָל ניט גע׳חלומ׳ט אַז איך וועל אַמאָל אַזוי לעבען! און מיט אַנדריאושאַ׳ן איז אַזוי גוט צו זיין אין אַ נייער גרויסער שטאָדט, אַלעס ווייסט ער, אַלעס קען ער... איבער אַלע מוזעאומס זיינען מיר געגאַנגען, אַלע בילדער און סטאַטוען גע־זעהן. יאָ... אין איין מוזעאום איז איין סטאַטוע גע־

ווען זעהר א שעהנע. פאלט איהם איין. אנו, טרעפט וואס? אז די דאזיגע סטאטוע קוק אוים פונקט אזוי ווי דו. סאניא... נו, נו, האט ער שוין פון איהר די אויגען ניט אראפגע־נומען... א מאדנער מענש איז ער, אנדריושא!...

סאניא איז רויט געווארען און אראפגענומען די אויגען פון דער שוועסטער...

עס איז בעשלאסען געווארען, אז מארגען זאל מען שוין אנ־הויבען איינפאקען די זאכען און זיך מאכען גרייט ארויסצופאהרען אויף דער דאטשע. קאטיא האט ארויסגעוויזען איהר געטריישאפט און געזאגט, אז זי וועט אהער צושיקען דעם סטאראזש, ער זאל העלפען איינפאקען די זאכען.

— דאס איז ניט נויטהיג, — האט זיך סאניא ארויסגע־כאפט. — איינפאקען די זאכען וועט אונז טשערנאוו.

דערהערענדיג טשערנאוו'ס נאמען, איז קאטיא געווארען אן אנגעצונדענע, אזוי, אז איהרע גרויסע, בלויע אויגען זיינען אזש מיט אמאל דונקעל געווארען.

— ווי קומט טשערנאוו אהער?... וואס האסטו איהם זאגא־דיעט אהער? — האט זי שטרענג, אויפ'ן אלטען שטייגער זיך צו־שריען אויף סאניא'ן.

סאניא האט אין גרויס פערלעגענהייט גענומען דערצעהלען א מעשה, אז עס האט זיך גראדע אזוי געמאכט. זי האט איהם צו־פעליגערווייזע אין פארק בעגעגענט, האט ער זי אפגעפיהרט אהיים און דערפאר האט שוין ניט געפאסט ניט איינצולאדען איהם אין הויז אריין... מען קען דאך אזוי גראב ניט זיין...

— וואס דען? — פרעגט זי אזוי תמ'עוואטע. — ער איז דאך אזא פיינער און אזא וואוילער יונגערמאן.

און די אלטע, קאטיאס מוטער, האט זיך אויך ארייגעמישט:

— נו, טאקע, ער איז א גאנץ פיינער יונגערמאן.

— אבער איך קען איהם ניט אנקוקען! — האט קאטיא מיט פעראכטונג אויסגעשריען.

סאָניא׳ן האָבען זיך געשטעלט די טרעהרען אין די אויגען און זי איז ארויס מיט טענות:

— וואָס איז דאָ פאַר אַ פערברעכען אויב ער קומט אריין אהער ?! ווען ניט ער, וואָלטען מיר דאָ געווען געשטאָרבען פון אומעט און לאַנגוויילינקייט! מיר זיינען דאָ געווען אזוי עלענד. אין דרויסען איז שעהן, ווארעם. אלע לייטישע מענשען זיינען זיך צופאָהרען אויף די דאַטשעס... און דו, קאַטיא... דו טאָרסט ניט זיין ברוגז! דו ביזט געווען אין קיעוו, דו האָסט דאָרטען אזוי גוט פערבראַכט מיט דיין מאַן... און מיר זיינען דאָ געווען אליין... איז וואָס־זשע פאַר אַ פערברעכען איז דאָס אויב ער איז אָפט אריינגעקומען צו אונז? זאָג דו אליין, מאַמאַ: דאַרף זי זיך ניט שעהמען דערמיט וואָס זי איז נאָך ברוגז אויף אונז?

— נו, טאַקע, קאַטיא, — האָט זיך די אלטע אָבגערופען, — דו דאַרפסט ניט זיין ברוגז אויף אונז.

אין דער מוטער׳ס ווערטער האָט קאַטיא געפיהלט דעם טאָן פון פאָרוואורף. און דאָס האָט איהר אזוי וועה געטהאָן, אז זי האָט זיך קוים איינגעהאַלטען ניט צו וויינען... ווען מען מאַכט מען דאָס פאָרווירפע? ווען מען זאָגט מען דאָס מוסר? איהר?... פאַר־וואָס קומט דאָס איהר? דערפאַר וואָס זי איז גליקליך איצט, נאָך דעם ווי זי האָט זיך די בעסטע יאָהרען געפּלאָגט און געמוטשעט?... פאַרוואָס פרעהען זיי זיך ניט מיט איהר גליק פונקט אזוי ווי זי?... געשיקט זיך, אז זיי פערגינען איהר ניט?... פאַרוואָס בעציהען זיי זיך אזוי מאָדנע צו דעם, וואָס ס׳איז איהר אַצינדערט אזוי גוט?... האָט זי דען ניט געאָפּפערט איהר קינסטלער־קאַריערע און אלע טרוימען אויפגעגעבען, אבי עס זאָל זיי, איהר קראַנקער מוטער און איהר קליינער שוועסטער, קיין זאַך ניט פעהלען?... אָט דערמ׳ט בעלוינען זיי זי פאַר אָט די אלע יאָהרען און פאַר דער גאַנצער מיה וואָס זי האָט זיי אוועקגעגעבען?...

ביז וועהטאָג האָט זי פאַר פערדרוס די ליפּען געביסען. נור אזוי ווי איהר ליעבע צו דער מוטער און צו דער שוועסטער איז

דאָך געווען שטאַרק, האָט זי גלייך אויפ'ן שטעל איהר מיינונג געביטען:

— כ'ווייס... אפשר איז ער טאַקע גאָר ניט אַזוי שלעכט ווי מיר דאַכט זיך... אָבער פונדעסטוועגען, סאָניטשקאַ, איז מיין עצה, אַז דו זאָלסט מיט איהם זיין זעהר פאָרזיכטיג, ווייל דאָס איז אַזאַ פוילענצער, אַז די וועלט האָט דאָס ניט... צוויי יאָהר נאָכאַנאַנד האָט ער דאָך געלעבט אויף אַנדריושאַ'ס חשבון... נו, ווי־זשע קען מען האָבען אַכטונג פאַר אַזאַ מאַן?

די אַלטע און סאָניאַ האָבען ביידע געשוויגען, נאָר ווען קאַטיאַ האָט שוין גאָר געהאַט אָנגעהויבען ריידען פון עפּעס אַנדערש, איז סאָניאַ אין מיטען דערינען אריינגעפאַלען:

— דו ווייסט, קאַטיאַ, ער איז דאָך שטאַרק ברוגז אויף אַנ־דריושאַ'ן...

— ווער איז ברוגז אויף אַנדריושאַ'ן?

— ער, טשערנאָוו. און ער איז גערעכט אויך. פאַרוואָס האָט איהם אַנדריושאַ ניט געבעטען אויף דער חתונה? ער איז געווען זיכער, אַז מען וועט איהם איינלאַדען...

— און איך שפּיי דאַרויף וואָס ער איז געווען זיכער — האָט קאַטיאַ מיט כעס אויסגעשריען. — ווי געפעלט עס אייך? ער איז ברוגז! אַזאַ פוילענצער, אַזאַ גאָרניט! איבער דער שוועל פון מיין הויז וועט ער קיינמאָל ניט וואַגען אריבערטרעטען!... און איך זאָג אייך אויך אָן, אַז איך וויל איהם דאָ ניט טרעפען!

אוועקגעפאָהרען פון דאָרטען איז זי אַ צורודערטע, מיט אַ שווער געמיטה, און דערנאָך איז זי נאָך צוגעפאָהרען צו דעם הויז וואו טאַבאָלצעוו האָט געוואָהנט.

די אַלטע דיענסט, די ניאַניטשקאַ, האָט זיך גאָר דערפרעהט איבער איהר און זיך טיעף פערנייגט, ווי געוועהנליך, פאַר אַ בעל־הבית'טע. און זי האָט זיך שוין טאַקע געהאַלטען ווי אַ בעל־הבית'טע. אויפמערקזאַם האָט זי בעטראַכט די זאַפעס, די טישען, די שטוהלען, זיך איינגעקוקט אין יעדען ווינקעלע, און טאַקע שוין ארויסגעגעבען אַ בעפעהל:

— די קישען זאָלט איהר וואַס אָפטער אויסשלאָגען; די פּליושענע טעפּיכער זאָלט איהר צונויפלייגען און אַוועקשטעלען אַן א זייט, און די בילדער זאָלט איהר איבערציהען מיט א דינעם לייוועגט, זיי זאָלען ניט פאַרשטויבט ווערען!

נאָך איהר אַוועקגעהן איז די אַלטע דיענסט געבליבען שטעהן ווי א צוטומעלטע. ביידע הענד פערלייגט אויף דער ברוסט, איז זי אזוי געשטאַנען און געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. דערנאָך האָט זי פאַר זיך שטיל געזאָגט:

„אָבער דאָך... אַ דאָס הייסט א בעל־הבית׳טע!“

פיער און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

ליזא און טאַבאַלצעוו האָבען אויף זיך גענומען די ארבייט צו געפינען א ביליגע דאַטשע פאַר קאַטיא׳ס מוטער. זיינען זיי ביידע אַוועק מיט׳ן וואַלד, און געהענדיג אזוי אין שאָטען, האָבען זיי ווי צוויי גוטע פריינד צווישען זיך גערעדט.

נור ווען ער האָט אָנגעהויבען דערצעהלען ווי ער האָט מיט זיין קאַטיא׳ן פערבראַכט אין קיעוו, איז ליזא געוואָרען שטיל און אויף איהר פּנים האָט מען גלייך געקענט דערקענען, אז דאָס ער־נערט זי שטאַרק...

א גאַנצע שטונדע זיינען זיי ביידע אזוי געגאַנגען. ענדליך האָבען זיי געפונען א קליינע דאַטשע, פאַר וועלכען מען האָט גע־בעטען צוויי הונדערט רובעל, האָט טאַבאַלצעוו געגעבען האַנד־געלד און האָט געהייסען אויסוואַשען די פּאָדלאָגעס און די פענסטער אויף מאָרגען.

ליזא איז שוין געווען מיעד, האָט זי זיך צווישען די געדיכטע בוימער אויף א געפלאָכטענער באַנק אַוועקגעזעצט אַן אומעטיגע, פערטיעפט אין געדאַנקען און שטיל געזאָגט:

— אַך, ווי גוט דאָ איז!

טאַבאַלצעוו האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— איז דאָ דען בעסער ווי דאָרטען, ביי דיר, אין דער קע־ניגרייך פון טרוימען?

— אָבער וואָס קומט מיר ארויס דערפון, וואָס דאָרטען איז א קעניגרייך פון טרוימען, אז איך בין דאָרט עלענד, אליין... דאָרטען פיהל איך זיך ווי אויפ'ן אָבגרונד פון א טיעפען תהום... דאָ איז אזוי שעהן און שטיל... אך, ווען איך וואָלט געהאט דאָס גליק אָב־צולעבען דאָ כאָטש איין זומער מיט דעם מענשען, וועמען איך האָב ליעב!...

טאַבאָלצעוו'ן האָט דאָס הארץ אָנגעהויבען קלאַפּען און ער האָט שטארק חשק געהאט צו פרעגען וועמען זי האָט ליעב. אָבער ער האָט דאָך ניט געפרעגט.

ווען זיי זיינען ביידע געגאנגען צוריק, האָט שוין די זון גע־נומען אָבגילדען די שפּיצען פון די בוימער.

— ליזא... איך וויל דיך עפּעס פרעגען, — האָט ער עפּעס אזוי ניט זיכער און שוין צו שטיל געזאָגט:

— און איך האָב דיך אויך וואָס צו פרעגען... אָבער... פרעג דו מיך פריהער...

— ליזא... עפּעס א מאָדנע, אונפערשטענדליכע זאך, א רע־טענים, מוטשעט מיך און לאָזט מיך ניט רוהען... אָבער איך וויל דיך בעטען, אז דו זאָלסט מיט מיר ריידען אזוי אָהן פאָרוואורף, אָהן הינטערגעדאנקען, נאָר פשוט און... און אזוי... שטאָלץ.

זי האָט א ציה געטהאָן מיט די אקסלען, געוואָרען בלייך און סטארענדיג זיך אויסצומיידען זיין שארפען בליק, האָט זי גע־ענטפערט:

— קיין ליגען קען איך ניט זאָגען... ערשטענס איז דאָס ניט אין מיין נאטור, און צווייטענס לוינט זיך עס ניט... אָבער לאָמיר זיך דאָ אוועקזעצען, ווייל איך בין זעהר מיעד...

זיי האָבען זיך ביידע אוועקגעזעצט צווישען די בוימער און ער האָט ווידער אָנגעהויבען:

— פאַרוואָס, ליזאַטשקא, האָסטו זיך צו מיר אָנגעהויבען בע־ציהען אזוי ווי א פרעמדע? און פאַרוואָס ביזטו בכלל געוואָרען

עפּעס גאָר אַן אַנדערע?... אָבער איך בעט דיך, רייס ניט אַרויס דיין האַנד! גלויב מיר, אַז איך בין דיר ניט קיין שונא... און איך וויל, אַז דו זאָלסט מיר זאָגען דעם אמת: רעכענסטו מיך נאָך פאַר אַ גוטען פריינד צי ניין?

אַן איינגעבוירענע איז ליזאַ געזעסען און פערטראַכט מיט'ן שירם אויסגעקריצט פּאַסיקלאַך אויפ'ן זאַמד.

— איך פערשטעה ניט, — האָט זי געזאָגט. — דאַרפסטו דען חוץ קאַטיאַ'ן האָבען נאָך איינע?...

— אַך, ליזאָטשקאַ, ליזאָטשקאַ, ווי נאַאיוו דו ביזט! קען דען איין מענש, ווי אינטערעסאַנט ער זאָל ניט זיין, אויספילען אין גאַנצען די נשמה און דאָס לעבען פון אַן אַנדער מענשען? און בפרט נאָך אַזאַ ווי איך... ניין, ליזאָטשקאַ, דאָס איז אונמעגליך! איך... איך בין אַ ברייטע גרויסע לאַנקע!... שטעל זיך פאָר וואָס פאַר אַ פּנים ס'האָט איין קליינינקע פינטעלע — אַ מענשעלע אויף אַ גרויסער, ברייטער לאַנקע! מעג דאָס מענשעלע זיין אפילו אַזאַ פּערזענליכקייט ווי קאַטיאַ, אָבער אין דער ברייטקייט פערליערט זי זיך... און מען דאַרף דאָך ווירקליך זיין זעהר אַ פלאַכער מענש, צו פערמאַכען די אויגען און זיך פערשטאָפּען די אויערען אַזוי שנעל ווי מען פערליעבט זיך אין איין פרוי... דאָס וואָס איך פאָדער ביי קאַטיאַ'ן פאָדער איך ניט ביי דיר... און ווען איך וואָלט דאָס אפילו יאָ געפאָדערט, וואָלט זי מיר ניט געקענט געבען דאָס וואָס דו... בלויז דו אַליין ביזט די איינציגע אויף דער גאַנצער וועלט, צו וועמען איך קען זיך בעציהען אַזוי ווי איך בעציה זיך...

— הייסט עס, — האָט זי איהם מיט אַ פערשטיקטער שטימע איבערגעשלאָגען — אַז בלויז אין אונז ביידען, אין מיר און אין קאַטיאַ'ן, ביזטו פערליעבט? האַ?

— וואָס מיינסטו דערמיט, ליזאַ?

— איך מיין: וועסטו זיך אין אַ דריטער ניט פערליעבען?...

דערביי האָט זי מיט אַמאָל דעם קאָפּ אויפגעהויבען. און ווען ער האָט דערזעהן איהרע גרויסע אויגען, וועלכע זיינען געווען

פול מיט בענקשאפט, אונרוהיגקייט און ליעבע, האט ער זיך אזש א צאפּעל געטהאן.

— ליזאטשקא !!! זאג מיר דעם אמת : האסטו מיך נאך איצט אויך ליעב ?

ער האט זי מיטביידע הענד א כאפּ געטהאן און איהר גע־וואלט א קוש טהאן אין די ליפּען, אבער זי האט זיך מיט אלע כחות געגעבען א ריס פון זיינע הענד.

— ניין, זאלסט זיך ניט דערוועגען מיר א קוש צו טהאן! דו הערסט ? זאלסט זיך ניט דערוועגען ! איך וויל ניט... איך... איך וועל דאס ניט ערלויבען, אז דו זאלסט מיך אזוי פּייניגען ! גענוג !...

— וואס ? וואס טהוט זיך מיט דיר, ליזאטשקא ?

— איך וויל ניט, — האט זי מיט א פערשטיקטער שטימע און מיט טרעהרען אין די אויגען אלע די זעלבע ווערטער איבער־גע׳חזר׳ט.

— אבער אום גאטעס ווילען, פּאַרוואס ?

— ווייל... ווייל דו ביזט א געמיינער מענש... — האט זי קוים מיט צרות די שרעקליכע ווערטער פון מויל ארויסגעבראכט. — פריהער האסטו מיך א קוש געטהאן אין די ליפּען... און איך האב געזעהן, ווי דערביי האט זיך אויף דיין פנים אזא פּאסקודנער, ציינישער שמייכעל פערשפּרייט... איך האב דאס גוט געזעהן... „נאך א ווייבעל“ — אזוי האסטו זיך געקלעהרט.

— אבער, ליזאטשקא, ענטשול...

זי האט איהם ניט געלאזט ענדיגען.

— אך, ווען דו וואלסט געוואוסט, ווי איך האב דיך אין יענעם מאמענט געהאסט ? דו הערסט ? געהאסט... בעסער וואלסטו מיר א פּאטש געטהאן... בעסער וואלסטו מיך אויסגעזידעלט... דאס איז ניט געוועזען קיין קוש, נור א שפּיי אויף די ליפּען...

— ליזאטשקא, דו האסט מיך שלעכט פערשטאנען. — האט ער געפּרואווט זיך פערענטפערען. אבער זי האט זיך אלץ ניט געקענט בערוהיגען.

— איך האָב דיך ניט שלעכט פערשטאַנען, — האָט זי גע־זאָגט דרייסט. — מיך קען מען ניט אָפּנאַרען... און דיך אָפּנאַרען לוינט זיך ניט... בעסער פון אַלעס איז — זאָגען איינער דעם אַנדערען דעם אמת! לאָמיר וויסען, וואו מיר זיינען אין דער וועלט... מיר מוזען זיך איין מאָל פאר אַלע מאָל דורכריידען און זיך זאָגען איינער דעם אַנדערען דעם אמת... אַט האָסטו מיר נאָר וואָס געזאָגט, אַז דו האָסט מיך ליעב, אַז איך בין ביי דיר אין אַ געוויסען הינזיכט די איין און איינציגע אויף דער גאַנצער וועלט... אָבער אַנדריושאַ... רוק ניט אַריין אַט די ליעבע אין שמוץ! ליעבע מוז זיין ריין, וויים... אַט אַזוי ווי דאָס ווייסע קלייד וואָס איך טראָג איצט...

טאַבאַלצעוו'ן איז דאָס גאַנצע בלוט געקומען אין פּנים אַריין. פון איהרע ווערטער איז פאר איהם געוועזן קלאָהר, אַז קוקען אויפ'ן לעבען און אויף ליעבע אַזוי ווי ער קוקט, וועט זי שוין קיינמאָל ניט, ווייל זי איז פון די נאַטורען, ביי וועמען ליעבע קען ניט זיין קיין גענוס, נאָר אַ טראַגעדיע...

ער האָט צערטליך אָנגענומען איהר האַנד און זי צוגעטראָ־גען צו זיינע ליפּען.

— ליזאָטשקאַ, מען טאָהר זיך ניט בעציהען אַזוי ערנסט צו זאַכען!... מען דאַרף ניט אַריינלייגען אַזויפיעל נשמה אַזויפיעל האַרץ און אַ געפיהל אין אַ מענשען!... דאָס לעבען איז דאָך פול און פיל מיט אינטערעסאַנטע פּאַסירונגען, און דערפאַר טאַקע איז עס אַזוי אינטערעסאַנט!.. ליעבע... געפיהלען... פערלאַנגען... אַט די אַלע זאַכען זיינען אונטערוואָרפען פערשיעדענערליי צופעליגע פּאַ־סירונגען און קאַפּריזען... אַט זיינען זיי אַזוי, און אַט גאָר אַנ־דערש... פאָלג מיך, ליזאָטשקאַ, נעהם ניט צו ערנסט דאָס לעבען...

אָלס אַן ענטפער האָט זי שטאָלץ מיט'ן קאָפּ אַ מאַך געטהאָן, און ערשט אין אַ ווײַלע ארום זיך אָבגערופען:

— פאַרוואָס?.. פאַרוואָס זאָל איך ניט נעהמען דאָס לעבען צו ערנסט? דאָס לעבען, זאָג איך, איז ניט קיין שפּילכעל און דאָס שענסטע אין דעם איז די ליעבע, און אויב אַ ליעבע איז אַ

פאלשע, אויב מען ווערט ענטטוישט פון ליעבע, דאן דארף מען מאכען א סוף צום לעבען!

— וואס הייסט א „פאלשע“ ליעבע? ווי קען מען גאר אזא געטליכען געפיהל ווי ליעבע פערצאמען אין גרענעצען?... ווי קען מען דעם גייסט אונטערהאקען די פליגלען אדער בעגרעניצען פאר איהם דעם רוים און זאגען: „ביז אהער מעגסטו פליהען און ווייטער טאהרסטו ניט!...“ אך ליזאטשקא!... ווען איך קוק ביינאכט אויף אן אויסגעשטערענטען הימעל, שטעלען זיך מיינע אויגען ניט אפ אויף איין שטערען.. או אזוי קוק איך אויף פרויען... אט אזוי דארפען זיך מענשען, אמת פרייע מענשען, בעציהען צו ליעבע. איהר פרויען, האט זיך אליין אין קייטען געשמידט און זיך אליין פריייוויליג אבגעזאגט פון דער וואונדערבארער שעהנער, שטאלצער פרייהייט. און איצט ווילט איהר אונז מענער אויך פענטען... איהר וואלט זעהר געוואלט פערשקלאפען די מאנסבילשע נאטור, וועלכע איז אלץ רייכער און אינטערעסאנטער דאן, ווען א סך פערלאנגען בושעווען אין איהר...

— איך וואלט דאך געוועהן אזוי גליקליך, ליזאטשקא, ווען דו וואלסט מיך פערשטאנען! ליעבע, זאג איך, איז ניט דאס גאנצע לעבען, נור א געפיהל, דער שעהנסטער געפיהל, וואס מיר פערמאגען.. און עס מאכט ניט אוים, ווי לאנג אדער ווי קורץ דער דאזיגער געפיהל האלט אן... עס מאכט אויך ניט אוים, ווער עס רופט ארוים אט דעם געפיהל... שטעל דיר פאר, למשל, אזא זאך: דו פערליעבסט זיך אין מיר, און עס ווייזט זיך ארוים, אז איך בין ניט ווערטה אז דו זאלסט מיך ליעב האבען. איז ווייסטו וואס דער בעסטער מיטעל איז אין אזא פאל? שלאגען מיט מיר כפרות און געפינען אן אנדערען.. ווארים דער מענש אליין איז ניט וויכטיג — וויכטיג איז די ליעבע אליין!... דער פערזאן איז דאס מיטעל, די ליעבע איז דער ציעל... די צרה מיט אייך, פרויען, איז, וואס איהר זייט פערליעבט ניט אין דער ליעבע, נור אין די מענער... א פרוי גארט ניט נאך דער ליעבע, נור נאך'ן מאנסביל.. פאלג מיך, ליזאטשקא, זיי ניט אזוי ווי אלע פרויען.

לערן זיך אויס די קונסט פון קענען לעבען און זיין גליקליך...

— אָבער איך קען דאָס ניט. — האָט זי טרויעריג געזאָגט.

— פאַר מיר איז ליעבע און גליק — דו... און נור דו... וואָס איך זאָל ניט טהאָן... וואָס איך זאָל ניט דענקען... סאַי אין חלום און סאַי אויפ'ן וואהר... אַלע מאָל...

ענדיגען די ווערטער, אַרויסזאָגען קלאָהר וואָס זי האָט געוואָלט, האָט זי ניט געקענט, ווייל טרעהרען האָבען זי געשטיקט.

אין איהר שטימע איז געווען אזוי פיעל פערצווייפלונג, אַז טאַבאַלצעוו האָט זיך איבער דעם עפּעס ווי אין גאַנצען פערלאָרען און עס האָבען זיך איהם גענומען בייטען די קאָליערען אין פּנים. מיט אמאָל האָט ער זי אַ כאַפּ געטהאָן ביי ביידע הענט:

— ליזאָטשקאַ!... מלאָך מיינער!... ניט נור דאָס פּנים און די אויגען ברענען מיר איצט, נור דאָס האַרץ ברענט איצט אין מיר פאַר פרייד!... איך בין דאָך אזוי גליקליך! זאָל זיין אַז איך בין ניט קיין שטענדיגער, קיין אויסגעהאַלטענער! אַלץ איינס!... אַן אַנדערער אויף מיין פּלאַץ וואָלט דיך יעצט גע־בעטען, אַז דו זאָלסט איהם קיינמאָל ניט אויפהערען ליעבען... אַן אַנדערער אויף מיין פּלאַץ וואָלט זיך געפיהלט שולדיג אַקעגען דיר... און דער אמת איז, אַז איך אליין בין צייטענווייז אויך ניט ווייט פון אַזעלכע געפיהלען... אָבער איצט ווערט אַלעס פערשלונ־גען פון דער שטאַרקער כוואַליע וואָס האָט מיך אין דער הויך אַ הויב געטהאָן... איך וויל ניט זיין פאַלש! איך וויל ניט זאָגען קיין ליגען! איך בין פערליעבט אין דיין ליעבע צו מיר... דיין ליעבע איז אזוי ריין, און איך בין אין איהר ביז וואהנזין פער־ליעבט!... און איך שווער דיר ביי אַלע הייליגקייטען, אַז איך ווייס אליין ניט, ווער עס איז ביי מיר טהייערער, צי דו, צי קאַטיאַ... איך דאַרף אייך ביידען האָבען... מיין לעבען וואָלט ניט געווען גאַנץ, ווען איך זאָל דיך ניט האָבען... ערשט אין קיעוו, זייענדיג מיט קאַטיאַ'ן אליין, האָב איך געפיהלט ווי דו פעהלסט מיר... און דו ווייסט, ליזאַ? איך האָב מיט איהר גע־האַלטען אין איין ריידען וועגען דיר... אזוי פיעל און מיט אזא בע־

גייסטערונג האָב איך מיט איהר וועגען דיר גערעדט, אז ווען זי וואָלט געווען אזא אייפערזיכטיגע ווי דו, וואָלט זי זיך זיכער גע־רעכענט פאר דער אונגליקליכסטער פרוי אין דער וועלט, פאַרוואָס זי האָט מיט מיר חתונה געהאַט...

ליזא האָט איהם אויסגעהערט, ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט. מיט אמאָל האָט זי איהרע הענט פון זיינע ארויסגענומען און זיך מיט זיי פערשטעלט דאָס פּנים.

— איך געדענק א שטייגער אזא פאַל — האָט טאבאָלצעוו ווייטער גערעדט, — איך בין געזעסען מיט קאטיא'ן אין פּארק. דאָס איז געווען אויף א הויכען פּלאַץ. אונטען האָט געבלישטשעט דער שעהנער טייך דניעפּר, זיין אויבערפלעכע האָט אין דער פינ־סטער אויסגעקוקט ווי עפּעס א מין שווארצליכער, גלאַנציגער שטאָהל. איבער'ן קאָפּ האָבען געפינקעלט שטערען — אזעלכע שטערען, וואָס מען זעהט בלויז אין דער וואונדערבארער אוקראַי־נא. ארום און ארום זיינען זיך נאכטיגאלען אין זייער זיסען גע־זאנג פערגאנגען. דאָ און דאָרטען האָט מען פעליעבטע פּאָרלעך געזעהן... עס האָבען זיך געהערט קושען... מיר, איך און קאַטיא, זיינען אויך געזעסען געארמט. און אלע מאָל, געדענק איך, האָבען זיך ביי מיר פון מויל ארויסגעכאפּט די ווערטער: „ליזא!... וואו איז זי איצט? פאַרוואָס איז זי ניטאָ מיט אונז?!"

— און וואָס האָט זי דארויף געזאָגט? — האָט ליזא גע־פרעגט אזוי שטיל, אז מען האָט קוים איהרע ווערטער געהערט.

— זי האָט מיר א דריק געטהאָן די האנד און אזוי הארציג געזאָגט: „אנדריושא, איך וועל זי אזוי ליעב האָבען ווי א שוועסטער..."

ליזא'ס הענט זיינען שוואך אראָפּגעפאַלען אויף איהרע קניע, נור דעם אָנגעבויגענעם קאָפּ האָט זי ניט אויפגעהויבען און שטי־לערהייט האָט זי פאר זיך א שעפּטשע געטהאָן:

— „ווי א שוועסטער".

— נו, זעהסטו, ליזא, — האָט ער ווייטער געזאָגט, — איך האָב אָן דיר ניט פארגעסען, כאָטש געוועהנליך פארגעסט מען אָן

דער גאנצער וועלט ווען מען איז צוזאמען מיט א געליעבטער... אזוי פיהרען זיך סאָלידע, סטאטעטשנע יונגע־לייטלעך... נו, בעווייזט דאָס ניט, אז א מענשליכע נשמה איז ניט אזוי פשוט און ערקלעהרבאר ווי איינעגע ווילען אונז איינשמועסען... א מענשליכע נשמה איז פארפּלאָנטערט און דעליקאט. נאָך מעהר, איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, אז בלויז איין מאָל איז מיין ליידענשאפט צו קאטיא׳ן געווען אזוי שטארק, אז מיר האָט זיך אנגעהויבען דאכטען, אז איך וועל זיך קענען בעגעהן אָהן דיר אויך... אָבער אָט דער געדאנק, ליזאָטשקא, איז גלייך פערשוואונדען. און דאַן האָט זיך מיר געדאכט, אז דו ביזט שוין פערליעבט אין אן אנדערען...

פּלוצים האָט זיך ליזא געגעבען א הויב אויף און ענטשלאָסען געזאָגט:

— קום! ווי שפּעט איז שוין? קאטיא וועט שוין דאָרטען אודאי איבערטראַכטען.

און זי האָט גענומען געהן אזוי שנעל, אז טאבאָלצעוו׳ן האָט זיך אויסגעוויזען דאָס זי אנטלויפט פון איהם. דאָס פּנים האָט ביי איהם גענומען פלאַמען.

— ווארט, וואָס לויפסטו אזוי? — האָט ער איהר נאָכגעשריגען. — מיר האָבען דאָך אונזער געשפּרעך נאָך ניט געענדיגט. לאָמיר זיך אוועקזעצען אָט דאָרטען!

האָט זי זיך אוועקגעזעצט אזוי אונטערטהעניג אויף דעם פּלאַץ, וואָס ער האָט איהר אָנגעוויעזען, גלייך זי וואָלט איבער זיך אליין גאָר קיין דעה ניט געהאַט...

— איך וויל נור וויסען איין זאך — האָט ער געזאָגט ארייַנקוקענדיג איהר שארף אין די אויגען. — און איך וויל, אז דו זאָלסט מיר זאָגען דעם אמת.

— קיין ליגען קען איך ניט זאָגען.

— נו, גוט. וויל איך, אז דו זאָלסט מיר זאָגען דעם אמת, וואָס פאר בעציהונגען דו האָסט מיט סטיאפּאטשקא׳ן... אָבער — ביי יעקבס גבית!

איז ליזא וואָס אַ רגע אַלץ בלאַסער געוואָרען און אַראָבגע־לאָזט די אויגען.

— איך בין ביי איהם די ערשטע... און איין און איינציגע!

— האָט זי שטיל און פעסט געזאָגט.

— וואָס הייסט „איין און איינציגע"?

— גאַנץ איינפאַך... איין און איינציגע! מיין טרוים איז פארווירקליכט געוואָרען. אַ לאַנגע צייט האָב איך געטרוימט וועגען דעם, אַז אין מיר זאָל זיך פארליעבען אַ מאַן, ביי וועמען איך זאָל זיין די ערשטע און די איין און איינציגע... און איצט איז מיין טרוים פארווירקליכט געוואָרען... ער האָט מיך ליעב... און ער וועט מיך ניט אויפהערען צו ליעבען ביז איך וועל ניט שטאַר־בען!...

די דאָזיגע ווערטער האָט זי ארויסגעזאָגט מיט אַזוי פיעל קראַפט און מיט אַזאַ פעסטקייט, אַז פון טאַבאַלצעווים פנים האָט דער איראָנישער שמייכעל געמוזט פארשווינדען.

— טהייערע, נאאיווע ליזאָטשקא מיינע! דאָס איז טאַקע גאַנץ שעהן און ריהרענד. דאָס, וואָס דו ביזט אין איהם אַזוי פארגלויבט, געפעלט מיר זעהר. אָבער, פארגעס ניט איין זאַך: פּאָטאַפּאָוו איז טאַקע אַ אידעאַליסט, אָבער אין דער זעלבער צייט איז ער דאָך אַ מאַנסביל... און קיין מאַנסביל קען זיך ניט באַגנו־גענען בלויז מיט אידעאַלער, גייסטיגער ליעבע... און אַנדערש קען עס ניט זיין... אמת, ליעבע איז קודם כל אַ נשמה געפיהל... אָבער אַ מענש האָט ניט בלויז איין נשמה. דער געשלעכטליכער גע־פיהל לעבט אין אונז צוזאַמען מיט דעם שעהנסטען געפיהל צו איין פרוי, און טרייבט אונז אין די אָרעמס פון אַן אַנדער פרוי... אַלע טראַגעדיעס אין פאַמיליען־לעבען קומען פאָר בלויז דערפאַר, וואָס איהר פרויען, קענט אין אַנזערע נשמות ניט אונטערשיידען דעם געפיהל פון אמת'ער ליעבע פונ'ם פּשוט'ען געשלעכטליכען פערלאַנג... און וואָס איז טאַקע דער מענש שולדיג אין דעם, וואָס די נאַטור איז אַזוי אָרים? וואָס זי האָט בעשאַפען דעם מענשען אַזוי, אַז ער זאָל זיינע וואַרימע געפיהלען צום צווייטען געשלעכט

קענען אַרויסגעבען בלויז דורך אַ געוויסען אַקט?... אָבער קוק ניט אויף מיר אַזוי בייז, ליזאַטשקאַ! זיי ניט ברוגז אויף מיר! פאַרשטעה מיך בעסער און הער וואָס איך זאָג דיר: זיך צופריע־דען שטעלען מיט אַ שעהנער פרוי, וועלכע מען בעגעגענט צופעלי־גערווייזע, הייסט שפּיעלען טהעאַטער ווי אַ ליעבהאָבער, און זיך צופריעדען שטעלען מיט אַ שעהנער פרוי, וועלכע מען האָט ליעב, הייסט שפּיעלען טהעאַטער ווי אַן אַרטיסט...

— אָבער צו וואָס רעדסטו גאָר צו מיר אַזוי? — האָט זי קוים געפּרעגט. — אַנטקעגען וואָס זאָגסטו דאָס, וואָלט איך גע־וואָלט וויסען.

— איך זאָג דאָס אַנטקעגען דעם, וואָס יעדער קומט אין ליעבע אויס זעהר זעלטען צו שפּיעלען טהעאַטער ווי אַן אמת׳ער אַרטיסט... און ווען עס קומט שוין יאָ אויס — דאַן קען די פרוי מעהר אָדער וועניגער זיכער זאָגען: „איך בין ביי איהם איין און איינציגע“...

— און איך, — האָט ליזאַ געזאָגט, אַברייסענדיג אַ בלעטעל פון אַ בוימעל, — איך בין ביי איהם אַן איין און איינציגע... איך בין זיכער אין דעם.

שווייגענדיג האָט ער אויף איהר אַ קוק געטהאָן. דאָס האַרץ האָט איהם אַ טיאַכקע געטהאָן און איז באַלד ווי פאַרגליווערט גע־וואָרען, און ער האָט פונ׳ם מויל קוים אַ פּאָר ווערטער אַרויסגע־בראַכט:

— ליזאַטשקאַ... הייסט עס, אַז...

— אַז ער איז מיינער... — האָט זי פון זיין מויל די ווערטער אַרויסגעכאַפּט. — מיין מאַן... מיין געליעבטער. רוף עס ווי דו ווילסט... דער עיקר איז וואָס איך בין ביי איהם די ערשטע, איין און איינציגע... און אין קיין אַנדערער וועט ער זיך ניט פאַר־ליעבען...

טאַבאַלצעוו האָט זיך געגעבען אַ שטעל אַוועק, גלייך אימי־צער וואָלט איהם מיט אַ בעזונדער מין קראַפט אַ הויב געטהאָן. עס האָט איהם אָנגעהויבען שווינדלען אין די אויגען. עס האָט

זיך איהם אויסגעוויזען, אז א רויטער טומאן וועבט זיך ארום איהם און פארבט אלעס אין רויטען. און דורך אט דעם רויטען טומאן זעהט ער ווי ליזא זיצט אן איינגעבויגענע און האלט דעם קאפ ארונטערגעלאזט.

מיט אמאל האט ער זיך שטארק פאנאנדערגעלאכט:

— כא־כא־כא! כי־כי־כי!

און אזוי ווילד און היסטעריש איז זיין געלעכטער געווען, אז ליזא האט זיך אזש דערשראקען און מיט ברייט־פאנאנדער־געעפענטע אויגען א קוק געטהאן אויף איהם, ווי זיין גאנצער קער־פער טרייסעלט זיך אזש פון געלעכטער.

א וואקלענדער, ווי איינער, וואס האלט זיך קוים אויף די פיס, איז ער צוגעגאנגען צו איהר, זיך געגעבען א זעץ אוועק אויף דער באנק און אזוי ציטערדיג און האסטיג זי געטהאן א כאפ ארום פאר דער טאליע.

— ליזאטשקא, ליזאנקא... טהייערע מיינע... ע־ע־ענט־שולדיג מיר פאר וואס איך לאך!... דאס איז גאר ניט... דאס איז דערפאר, ווייל עס איז... ווייל עס איז אזוי אונערווארטעט... כי־כי־כי!... איך מיין ניט דיך צו בעליידיגען... כא־כא־כא! איך מיין נור, וואס דו... דו, ליזאטשקא, האסט זיך איבערצייגט, אז ד א ס איז גאר ניט אזוי געפעהרליך!...

— שוויינ! — האט זי ניט מיט איהר קול אויסגעשריגען.

— שווייג, זאג איך דיר, און הער אויף צו לאכען!

עס איז געווארען שטיל.ביידע האבען קיין ווארט ניט גע־קענט ארויסריידען.

טאבאלצעוו האט איצט געקוקט אויף ליזא'ן ווי אויף א פרעמ־דער... און עס איז איהם אליין אויסגעקומען אזוי מאדנע: ווי קען ער קוקען ווי אויף א פרעמדער, אויף איהר, אויף דער פרוי, נאך וועמענס קערפער ער האט אמאל אזוי געגארט?...

וואס פאר א מאדנער געפיהל איז דאס? — האט ער זיך דעם קאפ געבראכען צו פערשטעהען, וואס ער לעבט אין דעם מא־מענט איבער. — זאל דאס זיין איינפערזוכט?... דאכט זיך, אז

גיין... וואָס דען? אפשר פערגינט ער פּשוט ניט, וואָס אזא בלום איז אַנגעקומען צו אַן אַנדערען?... דאַכט זיך, אז דאָס אויך ניט...

אין זיך האָט ער פון זיך אליין געלאַכט... מאָדנע זאַכען פּאַסירען אין לעבען! איינער פארזייט און עס קומט אַן אַנדערער און שניידט... וואָרים ווער האָט געבראַכט ליזאַ'ן דערצו, אז זי זאָל דענקען, אז ד אָ ס איז גאָר ניט אזוי געפעהרליך, אויב ניט ער אליין... האָט ער דען ניט געהאַט מעהר רעכט אויף איהר ליעבע ווי יענער אַנדערער?... אודאי!

— הייסט עס, ליזאַ, אז דו האָסט איהם ליעב? האַ?

— איך ווייס ניט, — האָט זי קוים אַרויסגעזאָגט.

— וואָס הייסט דו ווייסט ניט? — איז ער פון איהר ענטפער געוועזען איבערראַשט: וואָס דען האָט דיך געקענט ברענגען דערצו, אַז דו זאָלסט זיך איהם איבערגעבען, אויב ניט ליעבע?

— דער אומעט האָט מיך דערצו געבראַכט — האָט זי שטיל אַרויסגעשעפּטשעט. — די בענקעניש!... למאי מענשען בעגעהן זעלבסטמאָרד אוים בענקעניש... מיר איז אַלץ איינס...

ער האָט זיך אַנגעבויגען און איהר אַ קוש געטהאָן אין דער הייסער, צופלאַמטער באַק. זי האָט זיך מיט'ן גאַנצען קערפּער אַ צאַפּעל געטהאָן און אַנגעשטעלט אויף איהם די גרויסע אויגען.

— נו, און מיר וואָלסטו זיך ניט געקענט איבערגעבען? — האָט ער זי גאַנץ ערנסט געפרעגט.

— שווייג! — האָט זי ווידער מיט כעס אויסגעשריגען און זיך געגעבען אַ שטעל אוועק פאַר איהם אין איהר גאַנצער גרויס־קייט. — ווי שעהמסטו זיך ניט אזוי צו ריידען צו מיר?! איך וויל ניט אז דו זאָלסט צו מיר אזוי ריידען! דו הערסט?...

— נו, זאָל זיין אזוי, — האָט ער אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד, — איך זעה פּאָרט ניט קיין בעליידיגונג אין דעם, וואָס מען גאַרט דיך צו האָבען...

— דו טאָרסט ניט גאַרען מיך צו האָבען! — האָט זי שטרענג געזאָגט, — דערויף האָסטו אַ פרוי... גאַר נאָך איהר... צערטעל זי... טהו מיט איהר וואָס דו ווילסט! אָבער מיך...

— וואס מיך?

— מיך האב ליעב פון דער ווייטענס. אזוי ווי איך וועל דיך ליעב האבען...

— נו, און איבערגעבען וועסטו זיך בלויז איהם? פאטא־פאוו׳ן? הא? — איז ער ווייטער צוגעשטאנען צו איהר — נו, ענטפער מיר! איך פרעג דיך דאך: איבערגעבען וועסטו זיך בלויז איהם? פאטאפאוו׳ן? הא?

אין איהר שווייגען און אינ׳ם אויסדרוק פון איהר פנים האט ער איבערגעלעזען דעם בעשלוס: „יא, נור איהם". און ער האט פערשטאנען, אז איצט זי ברענגען דערצו אז זי זאל זיך איהם מיט איהר אייגענעם ווילען איבערגעבען, איז אונמעגליך...

און אין דערזעלבער צייט האט ער אויך געפיהלט, אז אויב ער וועט סוף כל סוף ביי איהר זיינס ניט אויספיהרען, וועט ער זיך ניט קענען רעכענען פאר א גליקליכען מענשען...

פלוצלונג האט ער זיך ווידער פאנאנדערגעלאכט און אזוי איראניש גענומען שאקלען מיט׳ן קאפ.

— אך, ליזא, ליזא! דו ביזט ניט קיין פרייער מענש, נור א קנעכט, א שקלאפין!... האסט זיך בעפרייט פון איין עול און אליין פרייוויליג גענומען אויף זיך א צווייטען עול... און עס איז ביי מיר גאר קיין צווייפעל ניט, אז דו ביזט שוין געשטאנען אויף די קניע פאר׳ן צלם און געגעבען א הייליגע שבועה אז דו וועסט ניט פערראטהען... ניט זיין פאלש... פריהער האסטו געגעבען א שבועה אז דו וועסט דעם מאן ניט זיין פאלש, און איצט האסטו געגעבען א שבועה, אז דו וועסט דעם „ליובאוויק" ניט זיין פאלש... כא־כא־כא!... אט אזוי א זעצטו זיך אליין אריין אין א שטייג, אין א טורמע...

— איך קען זיך ניט צוטהיילען אויף חלקים, אזוי ווי דו...

— האט זי איהם שטאלץ געענטפערט.

— מען דארף זיך ניט טהיילען אויף חלקים, — האט ער גע־זאגט, — ליעבע צוגיט מען ווי א מילדע מתנה אויף וויפיעל מען וויל און פאר וויפיעל מען וויל...

— און ווען מען וויל... — האָט זי אונטערגעכאַפּט.

— יאָ, יאָ! און ווען מען וויל... אַט דאָס הייסט זיין אַ פרייער מענש... אַט דאָס הייסט זיין אַ שטאָלצע פרוי... עס איז אַלץ איינס צי דו גיסט אַוועק דיין ליעבע אָדער זיך אַליין אויף אַ מאָמענט, אויף אַ טאָג, אויף אַ נאַכט, אָדער אויפ׳ן גאַנצען לעבען... — דאָס ווענדעט זיך אָן געשמאַק... אָבער ווי אַזוי, פרעג איך, קענסטו מיר אָבזאָגען?... מ י ר, ווען דו האָסט ליעב! אָן אַנדערען האָסטו זיך איבערגעגעבען אָהן ליעבע, און מיר, ווען דו האָסט אַזוי ליעב, ווי דו האָסט נאָר וואָס אַליין געזאָגט, — מיר ווילסטו זיך ניט איבערגעבען!... מילא פריהער, מיט צוויי יאָהר צוריק, האָב איך דאָס פערשטאַנען: דו האָסט דאַמאָלסט מורא געהאַט פאַר אַן עבירה... אָבער איצט האָסטו דאָך שוין פאַר אַן עבירה קיין מורא ניט... טאָ וואָס־זשע האַלט דיך אָב?

ער האָט זי מיט שטורמדיגע ליידענשאַפט ארומגענומען און ער האָט געפיהלט, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט איהר אונטער זיין ווארימע האַנד...

— נו, און ע ר? — האָט ליזא מיט אַ פערשיקטע שטימע נעפרעגט.

— וואָס קער איך זיך אָן מיט איהם! — האָט טאַבאָלצעוו געענטפערט. — זאָל ער זיך טהאָן וואָס ער וויל! דענקסט דען אַז ער וועט זיך שוין נעהמען דאָס רעכט צ האָבען טענות צו דיר? דענקסטו דען אַז ער וועט זיין אייפערזיכטיג? און איבּריגענס, מיר זיינען דאָך אַלע חיות... אַט האָב איך אַליין נאָר וואָס אין זיך דערפיהלט די חיה... אָבער דערויף זיינען מיר דאָך מענשען, וועלכע קענען אין ליעבע זיין געטער און ניט קיין טשערעדע פון זשעדנע זכרים... און איהר, פרויען, זיינט דאָך אויך ניט בלויז נקבות, וואָס גארען נאָכ׳ן זכר... עס איז אמת, אַז מיר אַלע, סיי מענער, סיי פרויען, האָבען אין זיך מיאוס׳ע אינסטינקטען... נו, קעמפפט מען אַזוי לאַנג מיט זיי, ביז מען קומט זיי איבער... דערויף זיינען מיר דאָך עפּעס ציוויליזירטע מענשען... און נאָך אַ

זאך: איך קען סטיאָפּושקאַ'ן גאַנץ גוט. ער איז אַן ערדעלער מענש, און גלויב מיר, אַז ווען דו זאָגסט איהם מאָרגען, אַז מעהר ווילסטו מיט איהם ניט האָבען צו טהאָן, אַז מעהר ווילסטו איהם אפילו ניט זעהן, וועט ער דיר דאָס אַנדערע וואָרט ניט זאָגען... ער וועט צו דיר קיין טענות ניט האָבען און קיין זאַך ביי דיר ניט פאָדערען, ווי שטאַרק ער זאָל דיך ניט ליעבען...

ליזא האָט זיך ניט אָהן שרעק אַ כאַפּ געטהאָן:

— איבעררייסען די בעציהונגען מיט איהם?... מיט סטיאָפּושקאַ'ן?... פאַרוואָס?... צוליעב וואָס?...

— וואָס דען? עס וועט ביי דיר זיין רעכט צו לעבען מיט צוויי מענער?... — האָט ער זי געפרעגט צוטוליענדיג זי צו זיך אַזוי פעסט ווי ער האָט נור געקענט.

— נו, און ביי דיר וועט זיין רעכט צו לעבען מיט צוויי פרויען? — האָט זי איהם אויך געפרעגט מיט אַ שטאָך. — כאַ־כאַ!... — האָט זי זיך אין מיטען דערינען צולאַכט. — דו מיינסט הפנים, אַז איך בין אַ טאָטערישע אָדער טערקישע פרוי, און עס וועט ביי מיר זיין רעכט צו ווערען איינע פון די דאַמען אין דיין הארעם?... ניין, מיין ליעבער! דאָס וועט ניט געהן!...

— אויב אַזוי, איז אַ סימן אַז דו האָסט מיך ניט ליעב...

— זאָל זיין אַזוי! איך וויל קיינעם ניט אונגליקליך מאַכען. ניט איהם און ניט... קאַטיאַ'ן...

— און פאַר מיר אַרט דיך גאָרניט, האַ? אויף מיר האָסטו גאָר קיין רחמנות ניט?

דערהערענדיג אַזעלכע ווערטער האָט זי זיך ניט געקענט איינהאַלטען און זיך געמוזט פאַנאַנדערלאַכען:

— כאַ־כאַ־כאַ!... אַ רחמנות נעבאַך! כאַ־כאַ! אויף אַזעלכע ווי דו איז ניטאָ וואָס רחמנות צו האָבען... דו וועסט שוין געפינען אַ טרויסט... כאַ־כאַ־כאַ!... דו וועסט שוין דיינע געפיהלען איינשטילען... אויב ניט ביי מיר, איז ביי אַן אַנדערער... וואָס־וואָס — דאַמען פעהלען דיר ניט אויס...

— אָבער איצט גאָר איך צו האָבען בלויז דיך...

— איצט? — האָט זי מיט גאַל זיין וואָרט איבערגעחזר׳ט,
— ניין, צוליעב איין מאָמענט פון געגוס וויל איך ניט אָפּנאַרען סטיאָפּושקאַ׳ן, דעם מענשען, וועלכער וועט מיך ליעב האָבען ביז׳ן קבר... צוליעב איין מאָמענט פערגעניגען וועל איך ניט אָפּנאַרען קאַטיאַ׳ן...

פאר בעם און אויפרעגונג האָט טאַבאַלצעוו אַ קלאַפּ געטהאָן מיט׳ן פויסט אָן דער באַנק און אַ קריץ געטהאָן מיט די צייהן...

האָט זי זיך ווידער פאַנאַנדערגעלאַכט. נאָך קיינמאָל האָט זי איהם אַזאַ אונרוהיגען, אַזאַ אויפגערעגטען ניט געזעהן. עס האָט איהר שטאַרק הנאה געטהאָן וואָס ער קאָכט זיך אַזוי. און זי האָט גענומען ריידען געלאַסען:

— צוויי מאָל אין מיין לעבען האָב איך געוואָלט בעגעהן זעלבסטמאָרד, אבי פּטור צו ווערען פון די אונערטרעגליכע ליידען... און ביידע מאָל האָט ער מיך אָבגעראַטעוועט דערמיט, וואָס ער האָט מיר געצערטעלט, דערמיט, וואָס ער האָט מיר אַ פול האַרץ מיט אמת׳ער ליעבע אַנטקעגען געטראָגען... אין יענעם אויף דער נאַכט, ווען דו ביזט מיט קאַטיאַ׳ן אויף דער לוסט־רייזע אוועק, האָב איך געמיינט, אַז איך וועל פון זינען אַרונטער... איך האָב זיך געפיהלט אַזוי עלענד און אונגליקליך, אַז דו קענסט זיך דאָס קוים פאָרשטעלען... עס האָט געהאַלטען דערביי, אַז איך זאָל זיך סם׳ען, אבי ניט צו ליידען אַזוי פיעל... ווען ניט די מאמא, וואָלט שוין אויף מיין קבר גראָז געוואַקסען... ער האָט מיך מיט זיין צערטליכקייט געראַטעוועט... זאָל איך איהם דערפאַר אוועק־וואַרפען? איהם, אַזאַ גוטען, עדלען מענשען?...

— ליעבע דאַרף אָבער ניט וויסען פון קיין מאָראַל, ליזאָטש־קאַ... ליעבע קויפט מען ניט מיט גוטסקייט... דו האָסט דאָך איהם פאָרט ניט ליעב...

— דו זאָגסט אַ ליגען! — האָט זי אַן אויפגערעגטע אויס־געשריגען, — איך האָב איהם יאָ ליעב! איך וועל איהם קיינמאָל, קיינמאָל ניט איפגעבען!...

— אהאַ? אַזוי די מעשה! — האָט ער אויף איהר ווידער

איראָניש אַ קוק געטהאָן. — האָסטו איהם, הייסט עס, ליעב?... נו, זאָל זיין אזוי...

— קום! די זון זעצט זיך שוין... עס איז שוין אזוי שפעט!

— האָט זי געזאָגט און האָט זיך אויפגעהויבען.

ער האָט זיך אויך אויפגעהויבען און מיט אַמאָל האָט ער זי ווידער ארומגענומען אזוי שטארק, אז זי איז אזש בלאַס געוואָרען.

דערזעהענדיג וויפיעל פייערדיגע תאוה עס שפּריצט פון זיינע אויגען, האָט זי זיך דערשראָקען.

— וואָס האָסטו אזוי מורא פאר מיר? איך בין ניט קיין ווילדער מענש... פערגוואַלדיגען דיך וועל איך ניט... אַ ציוויליזירטער מענש קען זיך ניט צופריעדענשטעלען פערגוואַלדענדיג אַ פרוי... איך וויל אז דו זאָלסט זיך מיר איבערגעבען מיט דיין אייגענעם ווילען... מיט דער גאַנצער פייערדיגער ליידענשאַפט דיינער... און איך בין זיכער, אז סוף כל סוף וועט עס אזוי זיין... איך וועל מיינם אויספיהרען!...

— ניין!... ניין!... דאָס וועט קיינמאָל ניט זיין!

טאַבאָלצעוו האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד:

— איצט איז פאר מיר אַלעס קלאָר. דו ביזט פערליעבט אין סטיאָפּושקאַ'ן...

געזאָגט האָט ער דאָס מיט אַ טאָן פון חוזק, אָבער זי האָט דאָס ניט פערשטאַנען. זי איז דערפאר צו אָרענטליך און צו ריין געוועזען.

— קום אהיים! — האָט זי ווידער אַמאָל געזאָגט, און פערנעהמענדיג די שלעפּע פון איהר ווייסען קלייד, האָט זי זיך געלאָזט געהן.

זי האָט איהם שוין דאכט זיך מעהר גאָרניט געהאַט וואָס צו זאָגען. נאָר מיט אַמאָל האָט זי זיך דערמאָנט אָן זעהר אַ וויכטיגער זאַך.

— אנדריושאַ, — מאכט זי צו איהם אזוי חנ'עוודיג. — איך האָב זיך פאר דיר מודה געווען פונקט ווי פאר אַ גלח. בעט איך

דיר אז דו זאלסט דאס קיינעם ניט דערצעהלען. אפילו קאטיא'ן ניט... בלויז מיר דריי — איך, דו און סטיאפושקא — וועלען דאס וויסען... א יא? און נאך א זאך וועל איך דיך בעטען, אנדריושא: זאלסט מיר מעהר קיינמאל קיין קוש ניט טהאן...

— פארוואס?

— וויל... וויל דאס הייסט בע'גנב'ענען קאטיא'ן...

— מיין גאט! — האט ער אונצופריעדען און כמעט מיט פערראכטונג אויסגערופען.

— נו, זאל זיין אז איך בין לויט דיין מיינונג א נאר, ניט קיין מאדערנע פרוי, אבער איך קען זיך גארניט העלפען. קיין ליגענס זאגען קען איך ניט! איך וויל קאטיא'ן ליעב האבען און איך וויל איהר אויך קענען קוקען גלייך אין די אויגען... אויב דאס וואלט געשעהן, וואלט איך איהר אין די אויגען ניט גע־קענט קוקען... וואלט איך דאס ניט אריבערגעטראגען, און עס איז ביי מיר גאר קיין צווייפעל ניט, אז נאכדעם וואלט איך זיך דאס לעבען גענומען...

— דאס זיינען אלץ נארישקייטען! — האט ער איהר מיי־נונג גאר אין גאנצען אוועקגעמאכט מיט דער האנד. — בע־טראכט נור איין זאך: איז דאס דען ניט די גרעסטע בעליי־דיגונג פאר קאטיא'ן וואס איך גאר דיך צו האבען, נאך מעהר ווי זי צו האבען? אודאי א גרויסע בעליידיגונג... הייסט עס אז לויט דיין מיינונג קומט אויס אזוי: צונעהמען ביי א פרוי די נשמה, איהרע פערלאנגען, איהרע געפיהלען — דאס מעג מען, און צונעהמען איהר מאן אויף א מאמענט — דאס טאר מען ניט?...

— אך, שווייג בעסער! — האט זי זיך מיט די הענד פער־לעגט די אויערען. — איך בין א נאר... א גרויסער נאר... אלע מאל פערשיטסטו מיך מיט ווערטער... ווען דו הויבסט אן ריידען, דאכט זיך מיר אויס אז דו ביזט גערעכט, און איך בין שוין גרייט דיר נאכצוגעבען... אבער ווען איך בלייב אליין, פיהל איך...

דו פערשטעהסט? פיהל איך אז דו ביזט... נו, אז דו ביזט פארט ניט גערעכט...

— עס איז גאר קיין וואונדער ניט — האט ער זיך געלאסען געזאגט. — דער שכל פון א פרוי איז פונקט ווי יענע לאלקע „וואנקא־ווסטאנקא", וואס איז געמאכט געווארען אזוי, אז ס'מוז אלע מאל שטעהן אין איין שטאנד... דו גיב איהר א שנעל אהין, א שנעל אהער, — זי מוז אלץ בלייבען אויף דעם זעלבען שטאנד...

פון אזא געלונגענעם פערגלייך האט זי געמוזט אנהויבען שמייכלען. זי האט זיך אבגעשטעלט, ארויפגעלייגט איין האנד אויף זיין אקסעל, און מיט א מערקווירדיגען אויסדרוק פון ליידען און ליעבע האט זי איהם אין די אויגען א קוק געטהאן.

„ווי שעהן זי איז!" האט טאבאלצעוו געגאפט, קוקענדיג אויף איהר.

מיט טיעפען אומעט האט זי אנגעהויבען.

— מיט א צייט צוריק האב איך דיך געוואלט ליעב האבען אזוי ווי דו ווערסט אין מיין פאנטאזיע געשאפען ווערען. אבער דער שיקזאל איז געווען צו מיר גרויזאם, און איך האב זיך אויסגעלערנט דיך ליעב צו האבען אט אזוי ווי דו ביזט, מיט אלע דיינע חסרונות און מעלות... איך האב פון דיר א סך געליטען און אלץ מוחל געווען. ארויסרייסען דיך פון מיין הארצען האב איך בשום אופן ניט געקענט... האב איך זיך אונטערגעגעבען און איך האב דיך ליעב אט אזוי ווי דו ביזט... ווייל דיך אויפהערען ליעבען — הייסט אויפהערען לעבען... דו האסט זיך פערבונדען מיט קאטיא'ן, האב איך דיר דאס מוחל געווען... ווייל איך האב דיך אזוי שטארק ליעב, בין איך מיט איהר בעפריינדעט געווארען. אלץ צוליעב דיר! ווי איך האב זי נור דערזעהן, בין איך צו איהר צוגעבונדען געווארען... קיין איין שלעכטע מחשבה איז מיר אין קאפ אריין ניט געקומען ווען איך האב זי דערזעהן... אויף דיין ליעבע צו איהר האב איך געקוקט מיט אכטונג, מיט רעספעקט... אבער, געדענק־זשע, אנדריושא, געדענק: אויב דו

מאָל ניט מוחל זיין... איך און קאַטיאַ... קיין דריטע טאָר ניט וועסט זיך אין נאָך איינער פערליעבען, וועל איך דיר דאָס קיינ־זיין! און ווען איך וועל נור דערזעהן, נור דערפיהלען אז דו האָסט שוין אַ דריטע, דאַן... דאַן וועל איך שטאַרבען...

גאָר ניט בעמערקענדיג וואָס ער טהוט, האָט ער איהרעביידע הענד פון זיינע אַקסעל אַרונטערגענומען. פריהער איין האַנד און דערנאָך די אַנדערע... לאַנג און הייס האָט ער איהרע הענד געקושט און צו די ליפּען געפּרעסט, גלייך ער וואָלט דערמיט איהר עפּעס פערשפּראָכען, אָבער געוואָלט פערשפּרעכען.

קענטיג אַז זי האָט דאָס אויך אַזוי פערשטאַנען. איהר שירם איז אַראָפּגעפאַלען אויפ׳ן גראָז. אַ שטילער זיסער שמייכעל האָט איהר שעהן פּנים בעלויכטען. בעוועגלאַז, ווי אַ בעצויבערטע, איז זי געשטאַנען און מיט יעדען חוש, מיט יעדען אָטהעם איינגע־זאַפּט אין זיך די בעריהרונג פון זיינע הייסע, ווייכע ליפּען...

פון דערווייטענס האָט זיך אַ ווייז געטהאָן אַ ווייסע פיגור.

— קאַטיאַ געהט! — האָט זיך טאַבאָלצעוו אַ וואָרף גע־טהאָן אַן איבערגעשראָקענער.

ליזאַ אויך.

— אַנדרעי, ליזאַ... דאָס זיינט איהר? — האָט קאַטיאַ פון דערווייטענס געשריען. — וואו זיינט איהר פערפאַלען געוואָרען? שוין איבער אַ שטונדע אַז מיר וואַרטען פאַר אייך מיט דער וועטשערע...

פינף און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

שטיל און רוהיג איז געגאַנגען דאָס לעבען פונ׳ם יונגען פּאָר־פאָלק אויף דער דאַטשע. עס האָט קיין סך ניט געדויערט, און קאַטיאַ איז פאַמעלעך־פאַמעלעך געוואָרען די גאַנצע בעל־הבית׳טע אין הויז. געהייסען האָט עס אפילו, אַז די אַלטע, אננאַ טאַבאָל־

צעוואָ איז די בעל־הבית׳טע אין הויז, אָבער אין דער אמת׳ן איז קאַטיאַ געווען די גאַנצע הערשערין.

און אַ הערשערין אין הויז איז זי געוואָרען ניט מיט גוואַלד, נור דוקא מיט גוטען. עפּעס ווי פון זיך איז דאָס געוואָרען אַזוי, אַז זי זאָל דאָ האָבען די גאַנצע דעה. די דיענסטען האָבען גלייך דערפיהלט, אַז דאָ אין הויז געפינט זיך אַ שטרענגע בעל־הבית׳טע, כאָטש זי, קאַטיאַ, האָט קיינמאָל אויף קיין דיענסט ניט געשריען. אפילו די אויפפאַסערין פעדאָסיאַ, וועלכע האָט זיך שטענדיג שטאַרק איבערגענומען מיט איהרע פעהיגקייטען און אַלע מאָל געטהאָן בליז וואָס זי אַליין האָט געוואָלט, — אפילו זי האָט זיך אויך, ווילענדיג ניט ווילענדיג, אונטערגעוואָרפען דער הערשאַפט פון דער נייער, יונגער בעל־הבית׳טע.

— איהר לעבט דאָ אָהן אַ טאָלק און אָהן אַ סדר, — האָט קאַטיאַ איינמאָל געזאָגט, ווען מען האָט אין מיטען דערינען דערלאַנגט טהעע צום טיש, ווייל גראַדע אין דעם מאָמענט האָט זיך פימאַ׳ן פערגלוסט צו טרינקען טהעע.

— אַקעגען וואָס זאָגסטו דאָס? — האָט די אַלטע מאַדאַם טאַבאַלצעוואַ געפרעגט.

— איך זאָג דאָס אַקעגען דעם, וואָס עסען אָדער טרינקען דאַרפען מענשען אין צייט, און ניט גלאַט אַזוי ווען איינעם קומט אָן... וואָס פאַר אַ טרינקען טהעע אין מיטען דערינען, אַ שטונדע פאַר מיטאָג?

פימאַ האָט פערשטאַנען, אַז דאָס מיינט מען זי, איז זי רויט געוואָרען און זיך אָבגערופען אַזוי:

— איז וואָס? איך בין געגאַנגען קלייבען יאַגעדעס אין וואַלד בין איך געוואָרען דורשטיג, און עס האָט זיך מיר פערגלוסט צו טרינקען טהעע...

— געהט מען קלייבען יאַגעדעס אין צייט, — האָט קאַטיאַ געזאָגט. — מען געהט נאָכמיטאָג און מען איז דאָרט וויפיעל מען וויל...

און נאָך אַמאָל צוגעגעבען:

— לעבען דאַרף מען מיט אַ טאַלק, מיט אַ סדר... איך קען אַזעלכע פאַראַנדקעס ניט פערשטעהן.

פימאַ האָט זיך בעליידיגט:

— דאַרויף לעבען מיר דאָך אויף אַ דאַטשע!

— און אַז אויף אַ דאַטשע איז וואָס? אפילו אויף אַ דאַטשע דאַרף מען אויך עסען בלויז אין צייט... און אַלעס מוז זיין אין אָרדנונג. אַ מענש דאַרף ניט שטאָפּען אין זיך אָדער גיסען אין זיך גלאַט אין דער וועלט אריין ווי דער טאָג איז גרויס. ערשטענס שאַדעט דאָס און צווייטענס זאַנאַדיעט מען אַהער אַ סך פליגען דערמיט וואָס טישען זיינען שטענדיג פער־וואָרפען מיט ברעקלאַך. אַ חוץ דעם מאַכט מען דערמיט איבע־ריגע ארבייט פאַר די דיענסטען...

— איך זאָג דיר! — האָט זיך פימאַ פערקרימט. — מיט די דיענסטען זיך אויך רעכענען!...

— פאַרוואָס ניט? די דיענסטען, מיינסטו, זיינען דען קיין מענשען ניט?... אמת טאַקע, אַ דיענסט טאָר מען ניט באַלעווען, אָבער זי מאַכען צו אַרבייטען אומזיסט און אומנישט דאַרף מען אויך ניט... און חוץ דעם נעהם איך זיך גאָר אָן מיין אייגענע קריוודע אויך, ווייל וויפיעל מאָל קומט מיר גאָר אויס איבערצו־וואַשען די גלעזער!

— אויך אַן ארבייט, איבערוואַשען די גלעזער!

— אַז עס איז ניט קיין אַרבייט, טו פאַר וואָס־זשע וואַשסטו אַמאָל ניט אויס אַ גלאָז? גלויב מיר, אַז עס וואָלט דיר גאָר ניט געשאַדט...

— אַי, הער שוין אויף! — איז פימאַ געוואָרען אונגעדול־דיג, — מען דערקענט אָבער גלייך, אַז דו ביזט אַ דייטשקע: פּינקטליך און אויסגערעכענט אויף דער האָר...

— זיין פינקטליך און אויסגערעכענט איז, גלויב מיר, אַ סך שעהנער און בעסער ווי צו זיין פויל און פערשלאָפען, ווי איהר רוסען זייט...

— גערעכט! — האָט זיך אָנגערופען די שוויגער. — זאָל

איך האָבען אזא יאָהר ווי דו ביזט געּרעכט!... איך האָב שוין לאַנג געזעהן, אז דאָ פיהרט מען זיך אָהן א טאָלק. אָבער איך קען שוין גאָר ניט איבערמאכען, ווייל איך בין שוין אַן עלטערער מענש און דער דאָקטאָר האָט מיר אָנגעזאָגט, אז איך זאָל זיך ניט ערגערען...

— און איהר דארפט זיך טאַקע ניט ערגערען, — האָט קאַטיא זיך אָנגערופען. — מיר זיינען דאָ דריי יונגע פרויען, אייערע שנורען, און עס איז אויף אונז א חוב, אז מיר זאָלען פון אייך אראָפּנעהמען דעם כלאַפּאָט פון הויז־ווירטהשאַפט...

— עס איז טאַקע ניט מעהר ווי רעכט, — האָט די אַלטע צוגעגעבען.

— אודאי איז עס ניט מעהר ווי רעכט, — האָט קאַטיא געזאָגט. — אין אזא הויז מוז זיין א טאָלק. אָט האָב איך ניט לאַנג צוריק געזעהן, ווי די קעכין איז צוגעגאַנגען ביי אייך פרעגען, וואָס זי זאָל קאָכען פאַר מיטאָג. דאָס איז ניט גוט. צו אייך דאַרף זי ניט געהן דרעהען א מוח וועגען אַזעלכע זאַכען... און וואָס הייסט עפּעס די אויפּפאַסערין פעדאָסיא האָט ביי זיך די שליסעלאַך פון די שאַפּעס און זי גיט ארויס די דיענסטען און די קעכינס די אַלע ארטיקלען וואָס מען דאַרף האָבען צום קאָכען? די שליסעלאַך דארפען זיין ביי איינער פון אונז — ביי מיר, ביי ליזאַ'ן אָדער ביי פימאַ'ן... ניטאָ קיין ארומגעהן לעדיג! מענשען טאָרען ניט זיין פוסט און פאַסניקעס.

— טאַקע אמת, — האָט ליזא אויך צוגעגעבען.

פימא האָט געשוויגען.

— עס איז ביי מיר גאָר קיין צווייפעל ניט, — האָט קאַטיא מיט א געלעכטער געזאָגט, — אז קיינער פון אייך ווייסט אפילו ניט וויפיעל צוקער און קאַפע עס געהט דאָ אוועק אין א מאָנאַט... און איך שטעל זיך פאָר, וויפיעל די דיענסטען צו'גנב'ענען דאָ!...

דאָס האָט די אַלטע מאַדאַם טאַבאָלצעווא דוקא שוין ניט געוואָלט ליידען; צו איהרע דיענער און דיענסטען האָט זי דעם

גרעסטען צוטרויען געהאַט. און זי האָט מיט אַ מוסר טאָן געזאָגט:

— ניין, קאַטיא, דאָס זאָלסט ניט זאָגען. קיין גנבים זיינען ביי אונז אין הויז ניטאָ. מיר האָבען דאָ אַזעלכע דיענער און דיענסטען, וועלכע זיינען שוין צעהנדליגע יאָהרען ביי אונז אין הויז.

— איך זאָג ניט אַז זיי זיינען גנבים, — האָט זיך קאַטיא פערענטפערט. — אָבער אין אַ הויז, וואו מען פיהרט זיך אַזוי אָהן אַ טאָלק, פערגעסט די דיענערשאַפט וואָס איז אייגענעס און וואָס ס'איז פרעמדעס... און איך קען זיך וועטען מיט אייך, אַז מיט אונזער צוקער און קאַפע בענוצען זיך ניט נור אונזערע דיענ־סטען, נור אויך זייערע קרובים און פריינד...

— נו, גענוג שוין צו ריידען! — האָט פימאַ ניט אָהן כעס געזאָגט. — ביי דיר קומט דאָך אויס, אַז מיר זיינען אַלע אומ־זיסטע פרעסער...

פון דעסטוועגען, ווען עס איז געקומען צו דער טהעע, האָט פימאַ דוקא געוואָלט ווייזען, אַז זי איז ניט קיין אומזיסטיגע פרעַ־סערין, און זי האָט גענומען בעל־הבית'עווען. זי האָט געווישט די גלעזער, געווישט די שאָלען. אָבער זי האָט עס געטהאָן אַזוי ניט פויגעלדיג, אַזוי אומגעלומפערט, אַז מען האָט זיך געקענט האַלטען ביי די זייטען פון געלעכטער. איין שאָל האָט זי טאַקע צובראָכען.

— נו, זעהסטו שוין וואָס פאַר אַ בריה דו ביזט? — האָט קאַטיא מיט נצחון געזאָגט. — לאָז מיך, וועל איך דיר ווייזען, ווי מען ווישט איבער גלעזער.

פימאַ איז דערפאַר ברוגז געוואָרען.

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט די אַלטע מאַדאַם טאַבאַלצעווא איבערגעגעבען קאַטיאַ'ן די שליסעלאַך און זי איז געוואָרען די גאַנצע בעל־הבית'טע אין הויז.

און אַבי זי איז געוואָרען די בעל־הבית'טע, איז שוין אַלעס

געווען מיט א טאָלק. זי האָט איינגעפיהרט, אז מען זאָל עסען אין צייט און מעהר ווי דריי מאָל א טאָג זאָל מען קיין טהעע ניט טרינקען.

פימא האָט זיך אפילו שטארק געערגערט. זי האָט געזאָגט, אז אונטער אזא שטרענגער דיסציפּלין קען זי זיך ניט אונטער־ווארפען, אָבער קאטיא האָט זיך מיט איהר ניט צערעמאָניעט. זי האָט איהר פשוט געזאָגט אזוי:

— וואָס וועניגער דו וועסט עסען, אלץ בעסער וועט דאָס פאר דיר זיין... דו ביזט נאָך א יונגע פרוי, און דו וועגסט שוין גאַנצע זעקס פּוד... דאָס איז ניט שעהן... אויב דו וועסט אזוי אָהן א טאָלק עסען און טרינקען און גאָרנישט טהאָן, וועט דיר דאָס הארץ פערגאָסען ווערען מיט שמאלץ און דו וועסט שטארבען...

פאר שרעק האָט זיך פימא אזש איבערגע׳צלם׳ט.

אזוי איז אװעק א שטיקעל צייט און עס איז אין הויז שוין ניט געווען קיין איין ווינקעלע, וואו קאטיא איז ניט געווען די בעל־הבית׳טע.

— מאמע, מען עסט דאָ אָהן א טאָלק. — האָט זי דער שוויגער געזאָגט. — איהר וועט מיר ענטשולדיגען וואָס איך וועל אייך זאָגען. ביי מיר קומט אויס, אז מען עסט דאָ פויעריש... צו פשוט און צופיעל... צו וואָס דארף מען עסען דריי מאָל אין טאָג געקעכטס? איז דען ניט גענוג איין מאָל אין טאָג גע־קעכטס?

— ווי אזוי עסט מען דאָס איין מאָל אין טאָג געקעכטס? — האָט פימא ניט פערשטאַנען.

— נישקשה, מען שטארבט ניט דערפון, — האָט קאטיא געזאָגט. — איהר הערט זיך צו צו מיר, וועט איהר זעהן אז איך וועל איינפיהרען אזוי: צוועלף א זייגער בייטאָג זאָל מען עסען פריהשטיק, צוויי א זייגער בייטאָג זאָל מען טרינקען טהעע, זיבען א זייגער פארנאכט, ווען די מענער קומען פון שטאָדט, זאָל מען עסען אָנבייסען און צעהן א זייגער אויף דער נאכט ווידער טהעע

און לייכטע פערבייסענס. און עלף א זייגער אויף דער נאַכט זאָלען מיר אַלע זיין אין די בעטען.

— וואָס איז דאָ, וואָלט איך געוואָלט וויסען, א קאַזאַר־מע? — האָט פימא געפּראָוווט פּראָטעסטירען.

— ניט קיין קאַזאַרמע, — האָט קאַטיא געענטפערט, — נור מען דאַרף לעבען מיט א טאַלק. ניט אַזוי ווי דו: לעגסט זיך שלאָפען צוויי א זייגער ביינאַכט, שטעהסט אויף צוועלף א זייגער בייטאָג און ווען עס קומט צום אָנבייסען, זיצסטו ווי א ברוגז׳ער בלי־זמר און עסט ניט... און אין א שטונדע נאָכ׳ן אָנבייסען ווערסטו הונגעריג און הויבסט אָן קאָמאַנדעווען, אז מען זאָל פאַר דיר אויפזידען דעם סאַמאָוואַר. ניט אַזוי דאַרפען לעבען היינטיגע מענשען. זומער איז גוט אויפצושטעהן פאַרטאָג. אין די זומערדיגע פריהמאָרגענס אויף אַזא שעהנער דאַטשע, איז א שאַדע זיך צו וואַלגערען אין בעט און פּאָפּען...

— אמת, קאַטיא! — האָט די שוויגער פּאָדטאַקעוועט. — זאָל איך האָבען אַזא יאָהר ווי דו ביזט גערעכט! לערען זיי, לערען זיי ווי צו לעבען ווי מענשען.

— איך וועל זיי שוין אויסלערנען, — האָט קאַטיא גע־זאָגט. —ליזאַ׳ן האָב איך שוין א ביסעל אויסגעלערענט. זי שטעהט שוין אויף זיעבען א זייגער אין דער פריה און געהט מיט מיר קלייבען יאַגעדעס אין וואַלד. ניט אַזוי ווי פימא: געהט זיך קלייבען יאַגעדעס בייטאָג, ווען די זון באַקט ווי אין א קאַלך־אויווען...

עס איז אַוועק בלויז איין מאָנאַט, און אַלע מענשען אין הויז האָבען געלעבט און זיך געפיהרט ווי קאַטיא האָט געוואָלט.

— אָט דאָס הייסט א בעל־הבית׳טע! — האָבען די מענער, קאַפּיטאַן און ניקאָלאַי, גאָר אָנגעקוואָלען.

לויט דער נייער אָרדנונג, וואָס קאַטיא האָט איינגעפיהרט, האָט זיך דאָס הויז געפיהרט אַזוי: זעקס א זייגער פאַרטאָג איז די אַלטע אויפגעשטאַנען און באַלד נאָך איהר זיינען אויפגעשטאַנען די צוויי זיהן, קאַפּיטאַן און ניקאָלאַי.ביידע זיינען גלייך נאָך דער

טהעע אוועקגעפאָהרען אין שטאָדט אריין און מיט א שטונדע שפּע־טער, ארום זיעבען א זייגער, איז קאטיא אויך אויפגעשטאנען און אליין גענומען צוגרייטען פריהשטיק פאר טאבאָלצעוו׳ן, וועלכער האָט ערשט ארום צעהן א זייגער געדארפט זיין אין באנק אויף זיין שטעלע. ארום צעהן א זייגער איז שוין אין גרויסען עס־צימער אויפ׳ן טיש געשטאנען דער זודיגער סאמאָוואר און קאטיא איז אליין געגאנגען פון צימער צו צימער און אלעמען אויפגעועקט.

די ערגסטע צרה האָט זי געהאט מיט פימאַ׳ן. יענע האָט קיינמאָל קיין חשק ניט געהאט אויפצושטעהן „אזוי פריה", און אלע מאָל ווען קאטיא האָט זי אָנגעהויבען וועקען, האָט זי זיך געמאכט ווי גע׳פגר׳ט און זיך ערשט איינגענורעט אונטער דער קאָלדרע. אָבער קאטיא האָט מיט איהר קיין צערעמאָניעס ניט געמאכט; זי האָט פון איהר פשוט די קאָלדרע ארונטערגעריסען און זי ניט געלאָזט מעהר שלאָפען. און אויב דאָס האָט ניט גע־האָלפען, האָט זי ביי איהר דאָס קישען פון אונטער׳ן קאָפּ ארוים־גענומען.

די ערשטע וואָך איז פימאַ טאקע געוועזן שטארק ברוגז. זי האָט זיך געבייזערט, געזידעלט. אָבער דערנאָך האָט זי געפונען אַן אנדער מיטעל: פאר צעהן א זייגער איז זי ארונטער פון בעט א באָרפוסע און פערשלאָסען די טהיר פון איהר צימער.

— שטעה אויף! — האָט זי קאטיא אלע טאָג אין צייט געוועקט.

— איך שלאָף! — האָט פימאַ בייז פון בעט געענטפערט. — איך שלאָף, און טשעפּע זיך אָפּ פון מיר!

— נו, שלאָף, שלאָף! — האָט איהר קאטיא געענטפערט. — דערפאר וועסטו שוין קיין פריהשטיק ניט עסען, ווען דו וועסט אויפשטעהן. די קאפע און די טהעע וועלען קאלט ווערען, און זיי זיכער, אז צוליעב דיר וועט מען מעהר דעם סאמאָוואר ניט אויפזידען...

דאָס האָט געווירקט. פערלירען אזא געשמאקען פריהשטיק

האָט פּימאַ ניט געוואָלט, און ווי זי האָט קיין חשק ניט געהאַט איז זי דאָך אויפגעשטאַנען צעהן אַ זייגער, און דערביי האָט זי אַן אונצופריעדענע געוואָרטשעט:

— אזאַ דייטשקע, אַזאַ טשינאָווניק!

אין פערלויף פון איין מאָנאַט צייט האָט שוין קאַטיאַ געוואוסט וואָס יעדער איינער און יעדע איינע גלייכט, און זי האָט געזעהן אַלעמען צוטרעפען, אַז זיי זאָלען זיין צופריעדען. דערפאַר אָבער האָט זי געפאָדערט, אַז עס זאָל אין אַלעם זיין אַ טאַקט און אַ דיסציפּלין...

ליזאַ האָט זעהר ליעב געהאַט די פריהמאָרגענס, ווען זי איז מיט קאַטיאַ'ן געגאַנגען אין וואַלד אריין קלייבען יאַגעדעס. ביידע האָבען געהאַט פון וואָס צו ריידען. קאַטיאַ האָט ליזאַ'ן דערצעהלט וועגען איהר לעבען, ווי זי האָט אַמאָל אַ סך טרוימען געהאַט, און ווילענדיג ניט ווילענדיג זיך געמוזט שיידען מיט זיי; ווי זי האָט טאַבאַלצעוו'ן בעגעגענט און ווי זי האָט זיך אין איהם פערליעבט. אַ מאַסע אינטערעסאַנטע איינצעלהייטען האָט זי איהר וועגען דעם דערצעהלט, און ליזאַ האָט דאָס מיט גרויס אינטערעס אויסגעהערט.

גרויס חשק האָט ליזאַ געהאַט צו ריידען מיט איהר וועגען דעם, וואָס פאַר אַ מאַן טאַבאַלצעוו איז — צי איז ער אַ ליידענשאַפטליכער צי ניין. אָבער זי האָט זיך געשעהמט אַזאַ געשפּרעך אויפצמישען, און זי האָט דאָס אָבגעלייגט פון איין מאָל אויפ'ן אַנדערען...

און אַזוי איז אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג, און זי האָט אַלץ ניט געפרעגט, אָבער געפיהלט האָט זי, אַז עס געהט איהר אין לעבען צו וויסען ווי אַזוי טאַבאַלצעוו בעציהט זיך צו קאַטיאַ'ן — צי איז ער שטאַרק ליידענשאַפטליך אין זיינע בעציהונגען צו קאַטיאַ'ן, צי ניט...

די שוויגער האָט פון קאַטיאַ'ן אַ סך נחת געהאַט. און איינמאָל האָט זי איהר דאָקטאָר געזאָגט אַזוי:

— די נייע שנור מיינע, זאָג איך אייך, איז אַן אוצר! זי האָט פון מיר אַלע דאגות אָראָפּגענומען. אין פערלויף פון איין מאָנאַט צייט האָט זי אין הויז איינגעפיהרט אזא אָרדנונג, אַז דאָס גאַנצע הויז האָט גאָר אַן אַנדער פּנים בעקומען... נור גאָט אַליין האָט זי מיר צוגעשיקט!

— אַ מיניסטערשען קאָפּ האָט זי אויף זיך! — האָט טאַ־באַלצעוו געלאַכט

דאָס הויז האָט טאַקע גאָר אַן אַנדער פּנים בעקומען. עס איז דאָ געוואָרען אַ טאָלק. קאַטיא האָט געקויפט אַ גלעקעל, עס גע־געבען דעם לאַקעי, און אין די בעשטימטע שטונדען, ווען עס איז געקומען די צייט צ עסען פריהשטיק, אָנבייסען, ועטשערע, אָדער טרינקען טהעע, האָט דער לאַקעי מיט'ן גלעקעל געקלונגען, און דאַן האָבען אַלע געמוזט געהן צום טיש.

איינמאָל האָט זיך זאָגאר געטראָפען אזא פאַל:

פימאַ'ן האָט זיך פערגלוסט צו טרינקען טהעע דוקא איינס אַ זייגער בייטאָג. זי האָט דערצעהלט אַ מעשה, אַז זי האָט גע־געסען געזאַלצענס, און דערפאַר איז זי זעהר דורשטיג. אָבער קאַטיא האָט איהר קאַלטבלוטיג געענטפערט, אַז פאַר דריי אַ זייגער וועט זי קיין טהעע ניט קריגען, און זי איז אַוועק צו זיך אין צימער און זיך אַוועקגעזעצט שפּיעלען אויף דער פּיאַנאָ.

דאַן האָט זיך פימא אויסגעצויגען אויף דער ווייכער זאָפע און גענומען קלעהרען, ווי אַזוי צו קריגען אַ גלאָז טהעע באַלד. זי איז לאַנג געלעגען און געקלעהרט, און ווען זי האָט דערזעהן, ווי די דיענסט טאַשא זיצט צווישען די בוימער און טרינקט טהעע, האָט זי איהר אַ וואונק געטהאָן און שטילערהייט זי געבעטען, אַז זי זאָל איהר אַהער אַריינטראָגען אַ גלאָז טהעע מיט איינגעמאַכטס.

— אָבער — ש־ש־ש! יענע זאָל דערפון ניט וויסען! — האָט זי אָנגעוויזען מיט'ן פינגער אויף קאַטיא'ס צימער...

טאַשא איז געווען צופריעדען פון דער געלעגענהייט אָבצור־נאַרען די יונגע בעל־הבית'טע, ווייל זי האָט זי זעהר פיינט גע־האַט, און דערפאַר האָט זי געהאַט אַ בעזונדער מין פערגניגען

דערפון, וואָס זי האָט פימאַ'ן אַ גלאָז טהעע דערלאַנגט בגנבה...

טרינקענדיג שטילערהייט די טהעע, האָט זי געהערט ווי פון אויבען, פון קאַטיאַ'ס צימער, טראָגען זיך די קלאַנגען פון דער פּיאַנאָ. האָט זי זיך פערקרימט, און דערביי איז איהר איינגע־פאַלען אַזאַ געדאַנק:

— אַ דייטשקע בלייבט אַ דייטשקע! אין אַזאַ היץ זעצט זיך עס אַוועק ביי דער פּיאַנאָ אָן באַראַבאַנעוועט... אייזערנע געדולד האָט עס, און קיין טהעע וויל עס ניט...

קיינער וואָלט אפשר דערפון ניט געוואוסט. האָט זיך אָבער גראָדע געמאַכט, אַז פאַר דריי אַ זייגער, נאָכדעם ווי קאַטיאַ האָט געענדיגט דאָס שפּיעלען אויף דער פּיאַנאָ, איז זי צו פימאַ'ן אין צימער אַריינגעקומען, און דאָרטען האָט זי דערזעהן אַזאַ בילד:

פימאַ ליעגט אויף דער זאָפע און שלאָפט און לעבען איהר, אויפ'ן שטוהל, שטעהט אַ גלאָז און אַרום דער גלאָז ראַיען זיך פליעגען.

ווי קאַטיאַ האָט זיך נור איבער'ן צימער אַ דרעה געטהאָן, האָט זיך פימאַ ניט אָהן שרעק אַ כאַפּ געטהאָן און זיך גלייך גע־נומען פערענטפערען:

— אויף מיין עהרען וואָרט, קאַטיאַ, דאָס איז דאָס ערשטע מאָל...

— ביזט אַ גרויסער נאַר! — האָט איהר קאַטיאַ גלייך גע־זאָגט, וואָס דאַרפסטו זיך פאַר מיר פערענטפערען? ביזטו דען דאָ ניט דיזעלבע בעל־הבית'טע וואָס איך?

— יאָ, אָבער... — האָט פימאַ געגומען שטאַמלען. — דאָס האָט מיר טאַשאַ די גלאָז טהעע דערלאַנגט...

— אויב אַזוי, ביזטו נאָך אַ גרעסערער נאַר... אַז דו האָסט געוואָלט טהעע, האָסטו דאָך געקענט אַרויפלויפען צו מיר נאָך די שליסעלאַך... עס איז ניט שעהן אָנצוקומען צו דער לאַסקע פון אַ דיענסט.

— איך האָב אָבער געוואוסט, אַז דו וועסט זיך בייזערען אויף מיר, אַז דו וועסט מיר אויסריידען.

— פארוואס זאל איך דיר די שליסעלאך ניט ועלען געבען, נאר איינער! אויב דיר איז ניחא צו געהן פון דער וועלט פון פעטקייט — געזונטערהייט! וואס ארט עס מיך? איך האב גע־מיינט דיין טובה, אבער אויב דו ביזט א נאר און פערשטעהסט ניט, טו וואס־זשע ארט דאס מיך?

— ענטשולדיג מיר, קאטיא, איך וועל שוין מעהר ניט!

— נו, מט.

דאכט זיך א קלייניגקייט. דאך האט זי פימא'ן פיינט גע־קראגען דערפאר, און ביי יעדער געלעגענהייט האט זי איהר מיט א שטאך דערמאנט אן דעם:

— נו, בעל־הביתטע, ווען וועסטו געהן ביי דער דיענסט בעטען א גלאז טהעע?

אז ליזא וואלט אזא נארישקייט ניט געטהאן, — אין דעם איז ביי קאטיא'ן דער מינדעסטער צווייפעל ניט געווען. ווייל זי איז געווען א מענש, וואס האט ליעב צו הערשעווען איבער יענעם, האט זי ליזא'ן זעהר ליעב געהאט, ווייל יענע איז געווען א שטי־לינקע, א געהארכזאמע; זיך צוגעהערט צו איהר מיינונג, צו יעדען ווארט איהרען, גלייך ווי אלעס וואס זי האט ארויסגעזאגט וואלט געווען א תורה, א הייליגקייט.

איינמאל, ווען קאטיא האט דערצעהלט טאבאלצעוו'ן וועגען איהרע בעציהונגען צו ליזא'ן און פאר איינוועגס ארויסגעזאגט א מיינונג וועגען איהר, אז זי איז זעהר א געהארכזאמע, האט זיך אויף טאבאלצעוו'ס פנים א שמייכעל פערשפרייט:

— דו קענסט זי ניט — האט ער געזאגט. — זי איז ניט קיין געהארכזאמע, נור א ווייכהערציגע, בויגיגע נאטור. זי איז ווי א דינינקע צווייגעלע, וואס מען קען בויגען אין אלע זייטען און עס דאך ניט צוברעכען... דו קענסט זי ניט... ליזא איז זעהר און זעהר אן אינטרעסאנטער מענש, אבער ניט קיין געהארכ־זאמע...

— דו פערגעטערסט זי צופיעל, — האט קאטיא רוהיג און געלאסען דארויף געענטפערט. — אזא טבע איז שוין ביי דיר:

אַלע מענשען זיינען ביי דיר אינטערעסאַנט, ווייל דו זעהסט אין זיי ניט דאָס, וואָס זיי זיינען אין דער אמת'ן, נור דאָס, וואָס דו ווילסט אין זיי זעהן...

— דאָס איז דוקא ניט שלעכט.

אין מיטען דערינען זיינען אָנגעלאָפען פימא'ס קינדער און גענומען שרייען מיט די קלינגענדיגע קול'כעלאך:

— טאַנטע קאַטיא, קום שפּיעל זיך מיט אונז!

האָט קאַטיא איבערגעלאָזט טאַבאַלצעוו'ן און איז זיך אַוועק שפּיעלען מיט די קינדער, ווייל זי האָט זיי זעהר ליעב געהאַט.

פון דער ערשטער מינוט אָן וואָס זי האָט זיי דערזעהן האָט זי זיי ליעב געקראָגען. ביידע קינדערלאך, פּעטיא, אַ אינגעלע פון פיער יאָהר, און טאַניא, אַ מיידעלע פון דריי יאָהר, זיינען געווען זעהר שעהנינקע, פּוכקינקע קינדערלאך. און ווי קאַטיא האָט זיי נור דאָס ערשטע מאָל דערזעהן, ווען זי איז פון קיעוו געקומען, האָט זי גלייך מיט אַ בעגייסטערונג אַ פרעג געטהאָן:

— אָה, וועמעס קינדערלאך זיינען דאָס? אַזעלכע שעה־נינקע! אַזעלכע טייערינקע! נור ווי צוויי מלאכים'לאך!

נאָך דאַן האָט זי זיך אויף די קניע אַרונטערגעלאָזט צו זיי, געקושט זייערע פּנים'לאך, די פּוכקע הענטעלאך. און נאָך דאַן האָט זי טאַקע גלייך בעמערקט, אַז די אויערלאך זיינען ביי זיי שמוציג און אַז הינטער'ן זיידענעם קליידעלע טראָגט מאַניטשקא צוריסענע הויזלאך...

קאַפּיטאַן, פימא'ס מאַן, האָט די קינדער זעהר ליעב געהאַט. אַממעהרסטען האָט ער ליעב געהאַט דאָס קליינינקע מיידעלע, מאַ־ניטשקאַ. און ווייל פימא איז ניט געווען קיין בריה און ניט אַכ־טונג געגעבען אויף די קינדער ווי עס בעדאַרף צו זיין, האָט ער גאַנץ אָפט געהאַט טענות צו איהר:

— וואָס פאַר אַ מאַמע ביזטו? אפילו אַ קאַץ גיט אויך מעהר אַכטונג אויף די קעצעלאך, איידער דו אויף דיינע קינדער...

אָבער פימא האָט זיינע טענות קיינמאָל ערנסט ניט גענומען און מעהר אין זינען געהאַט איהרע שמאַטעס ווי די קינדער. און

דערפאר איז גאר קיין חידוש ניט געווען, וואס ער, קאפיטאן, איז געווען אזוי גערירט ווען ער האט בעמערקט ווי די נייע שוועסטערין גיט זיך אזוי אפ מיט זיינע קינדער.

— האט איהר זיי טאקע אזוי ליעב? — האט ער זי געפרעגט.

— ווי קען מען דען ניט ליעבען אזעלכע צוויי שעהנע מלאכים־לאך? — האט זי געענטפערט. — אפילו פרעמדע קינדער האב איך אויך ליעב. ווען איך געה אין גאס און זעה א שעהנע קינד, מוז איך עס א קוש טהאן... קינדער און בלומען זיינען דאך דאס שעהנסטע אין לעבען.

דערפון איז קאפיטאן געווען אזוי גערירט, אז ער איז שוין א גאנצען טאג ארומגעגאנגען א פערטראכטער און אויף פימא'ן האט ער געקוקט א ברוגז'ער...

לכתחילה האט ער געמיינט, אז דאס זיינען ניט מעהר ווי ווערטער. אבער עס האט לאנג ניט געדויערט און ער האט זיך איבערציינגט, אז קאטיא האט זיינע קינדער טאקע אמת ליעב, מיט'ן גאנצען הארצען. און ניט אזוי ליעב ווי ליזא, וועלכע קויפט זיי שפיעלכלאך און גיט זיי צוקערקעס; ניין, פערקעהרט, זי קויפט זיי דוקא ניט קיין צוקערקעס; שרייט גאר אמאל אויף זיי, אבער זי איז עפעס ווי אן אייגענע מאמע: זי גיט אויף זיי אכטונג און פאסט אויף אויף זייער געזונד...

אז קיין איין ווינקעלע אין הויז איז ניט געווען פריי פון קאטיא'ס איינפלוס. אפילו אין קינדער־צימער האט זי איינגעשטעלט א שטרענגע ארדנונג. די קינדער האבען זיך שוין מעהר ניט געוואלגערט אין די בעטען גלאט אזוי זיך. אלע טאג האט מען זיי אויפגעוועקט פון שלאף ניט שפעטער פון זיעבען א זייגער אין דער פריה, געמאכט פאר זיי א קאלטע באד, און נאך דער טהעע האט מען מיט זיי ביז פריהשטיק געשפאציערט אין גארטען. אין די הייסע טעג האט מען זיי געצוואונגען צו נעהמען זון־בעדער. אין איינע העמדעלאך האט מען זיי ארייגעזעצט אין הייסען זאמד... און ווען אין דרויסען איז געווען קאלט, אדער עס איז

געגאַנגען אַ רעגן און זיי האָבן זיך אין גאָרטן ניט געקענט שפּילן, האָט קאַטיאַ פאַר זיי צוגעטראַכט פאַרשיעדענערליי שפּילכלאַך אין הויז.

אזא מייסטערין איז זי געווען זיי איינצונעהמען, אַז אבי זי האָט זיי נור פערגעבען אַ שפּיל, האָבען זיי זיך אויפגעהערט אַרומצו׳הרג׳ענען און האָבען זיך פערטיעפט אין דער שפּיל.

אין אַ שעהנעם טאָג האָבען די קינדער די גאַנצע צייט גע־מוזט זיין אין דרויסען, און זיעבען אַ זייגער פאַרנאַכט האָבען זיי שוין געמוזט זיין אין די בעטלאַך. און איינגעפיהרט האָט קאַטיאַ אַז דאָס קליינוואַרג זאָל ניט עסען ביים טיש צוזאַמען מיט די גרויסע. רויהע מילך און ניט קיין געזאָדענע וואַסער איז געווען שטרענג פערבאָטען פאַר זיי. און אַ דאַנק קאַטיאַ׳ס דיסציפּלין, האָבען זיך די קינדער אין פערלויף פון צוויי חדשים אַזוי שעהן פאַפּראַוועט, אַז עס איז געווען אַ פערגניגען צו קוקען אויף זיי.

די ערשטע צייט איז פאַר די קינדער געווען זעהר שווער זיך צו צוגעוואָהנען צו דער שטרענגער דיסציפּלין. אָבער קאַטיאַ האָט איהר׳ס אויסגעפיהרט. ווען זי האָט דאָס ערשטע מאָל געלעגט שלאָפען די קינדער און אויסגעלאָשען דעם לאָמפּ, האָט זיך די קליינע מאַניטשקאַ צו־וויינט. זי האָט ניט געקענט איינשלאָפען אין דער פינסטער, און חוץ דעם איז זי נאָך געוואָהנט צו אזא קאַפּריז: זי האָט ניט געקענט אנשלאָפען ווערען אנדערש, נור האַלטען די ניאַנקע ביים פינגער.

אָבער קאַטיאַ האָט קיין קאַפּריזען ניט נאָכגעגעבען. זי האָט מאַניטשקאַ׳ן געזאָגט, אַז דער ניאַנקע טהוט וועה דער פינגער, און ווען מאַניטשקאַ האָט גענומען כליפּען, האָט זי זיך אויף איהר אויסגעבייזערט:

— זאָלסט שוין צומאַכען די אויגעלאַך און שלאָפען! און אויב ניט, וועל איך דיך מעהר ניט ליעב האָבען...

יעדען פריהמאָרגען — האָט עס אפילו געמעגט דונערען און בליצען — האָט קאַטיאַ אַליין געמוזט בעטראַכטען די קינדער: צי זיינען ביי זיי די צייהנדלאַך ריין, צי זיינען ביי זיי די נעגעל

ניט שמוציג, צי זיינען די העמדעלאך גאנץ. און אויב עפעס איז ניט געווען אין אָרדנונג, האָט זי דאָס פאַרגעוואָרפען דער ניאַנקע און געהאט טענות צו איהר. אליין האָט זי דאָס צימער איסגעלופ־טערט, איבערגעקוקט די מאַטראַצלאך, די בעטען און געהאַט אַן ארבייט זיך ארומצוררייסען מיט פימאַ׳ס דיענסט, פאַשאַ, וועלכע איז געווען אזוי פויל ווי איהר בעל־הבית׳טע.

פאַשאַ האָט די ערשטע צייט געפּרואווט זיין פרעך און זיך אויס׳טענה׳ן, אָבער קאַטיאַ האָט עס געמאַכט קורץ און שאַרף:

— איך טענה ניט מיט אייך, — האָט זי געזאָגט, — נור איך בעפעהל, און איהר מוזט זיין אזוי גוט און פאָלגען!...

זי האָט ניט געקענט אריבערטראָגען די פּויערישקייט דאָ אין הויז, די אומגעלומפּערטע רוסישע פּוילקייט, און זי האָט זיך מיט אלע מעגליכקייטען געסטאַרעט אריינצוטראָגען אהער אַ פּינקטליכ־קייט, אַ טאָלק, ווי זי האָט דאָס גערופען.

איינמאָל האָט זי פימאַ׳ן געפרעגט:

— זאָג מיר נור, וויפיעל צאָהלסטו דער ניאַנקע?

— אכט רובעל אַ חודש. וואָס איז דען?

— די ניאַנקע דיינע טויג אויף כפרות, — האָט זי פעסט גע־זאָגט. — דו שפּאָר ניט איין דאָרט וואו מען דאַרף ניט און בע־שלים צו צאָהלען ניט אכט, ניט צוואַנציג רובעל, וועל איך דיר ברייגנען אַ דייטשקע, וועסטו דאַן וויסען וואָס ס׳הייסט אַ ניאַנקע... אזאַ פּאַסקודנע שיקסעל ווי דו האַלסט, וואָלט איך אפילו אומזיסט אויך ניט געהאַלטען...

— וואָס רעדסטו, קאַטיאַ! — האָט זיך פימאַ אַ כאַפּ גע־טהאָן. — צוואַנציג רובעל!

— רייד ניט קיין נאַרישקייטען! — האָט קאַטיאַ כמעט שטרענג געזאָגט. — אין אזאַ רייכקייט טאָר מען ניט שפּאָרען קיין געלד איף אזאַ זאַך ווי אויפּפּאַסען אויף קינדער... דיינע קינדער לעבען דאָך אַהן אַן אויפפּאַסעריןן, און איך זאָג דיר, אַז עס איז פּשוט מיט נסים, וואָס זיי פאַלען ניט אריין אין דער קרע־ניצע... עס קוקט זיי דען אימיצער נאָך?...

זי האָט געפּראַוווט ריידען וועגען דעם מיט קאַפּיטאַן׳ען, אָבער יענער האָט זיך אויך מיט שרעק א כאַפּ געטהאָן:

— וואָס רעדט איהר? צוואַנציג רובעל? געהאָלפען האָט דאָ אַן אונגליק.

אין די הייסע זומער־מאָנאַטען האָט גענומען בושעווען א קינדער־קראַנקהייט. דאַן האָט קאַטיא שטרענג אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל זיך ניט דערוועגען צו געבען די קינדער קיין יאַגעדעס און קיין פרוכטען.

אַלע טאָג האָט זי דאָס עטליכע מאָל אָנגעזאָגט דער דיענסט, און צום סוף האָט די דיענסט דעם בעפעהל ניט געהאַלטען און געגעבען מאַניטשקאַ׳ן רויהע פרוכטען צו עסען, און דאָס קינד איז ערנסט קראַנק געוואָרען.

— וואָס טהוט מען איצט, שוועסטער, מיין קינד איז דאָך ביי מיר טהייערער ווי אַלעס אין דער וועלט!

— איך האָב דאָך אייך פריהער געזאָגט, אַז די ניאַנקע איז א פּאַסקודסטווע!

קאַפּיטאַן איז אויף דער ניאַנקע געוואָרען אַזוי בייז, אַז ער איז געוועזען גרייט זי שוין גוט אויסצופּאַטשען און זי אַרויסוואַרפען פון הויז.

אָבער קאַטיא האָט זיך דוקא פאַר דער ניאַנקע איינגעשטעלט:

— שלאָגען זי דאַרף מען ניט, ווייל זי האָט דאָס געטהאָן ניט אויס שלעכטסקייט, נור פּשוט דערפאַר, ווייל זי איז א בהמה און אַן אונוויסענדע. בעצאָהלט איהר פאַר א חודש פאָראויס, און זאָל זי געהן געזונטערהייט!

— וואָס? נאָך בעצאָהלען פאַר א חודש פאָראויס? איהר, אַזאַ נבלה, דערפאַר וואָס זי האָט מיין קינד אומגליקליך געמאַכט?

— ניט זי האָט אייער קינד אומגליקליך געמאַכט, נור איהר אַליין. — האָט קאַטיא געזאָגט.

ווי קאַרג קאַפּיטאַן איז ניט געוועזען, האָט ער דאָך דער דיענסט בעצאָהלט פאַר א גאַנצען מאָנאַט און איהר געהייסען געהן. און אויף דעם חשבון האָבען אַלע דיענער און דיענסטען אין קיך שוין

געהאט פון וואס צו ריידען. זיי האבען אלע פערשטאנען, אז דאס מוז שטאמען פון דער „דייטשקע", ווי זיי האבען קאטיא'ן צווישען זיך גערופען.

פאשא, די ניאנקע, האט דערנאך א שטונדע נאכאנאנד געוויינט, און ווען זי האט קאטיא'ן פון דערווייטענס דערזעהן, איז זי צוגעלאפען און איז איהר צו די פיס געפאלען:

— פריצה לעבען... איך בעט אייך, זייט מיר מוחל... איך האב דאך גארניט געמיינט קיין שלעכטס... און ווי האב איך געקענט וויסען, אז א שטיקעל עפעל וועט דעם קינד שאדען? זייט מיר מוחל, איך בעט אייך, און גיט מיר א שריפט, אז איך בין א גוטע ניאנקע!

— דאס וועסטו ביי מיר קיינמאל ניט פועל'ן! — האט קאטיא קאלטבלוטיג געזאגט. — קיין שריפט אז דו ביזט א גוטע ניאנקע, וועסטו ביי מיר קיינמאל ניט קריגען, ווייל דו ביזט דאס ניט...

צוויי וואכען איז דאס קינד געווען ערנסט קראנק, און ווען ניט קאטיא'ס אויפפאסען, וואלט עס זיכער געווען געשטארבען. אזוי האט דער דאקטאר געזאגט.

קאפיטאן האט זיך אזש פאנאנדערגעוויינט פאר פרייד, ווען ער האט דערהערט, אז די געפאהר איז שוין פאראיבער. פאר גרויס שמחה האט ער אזש אנגעכאפט קאטיא'ן ביי די הענד און, קושענדיג זי, האט ער אזוי פשוט, ווי זיין שטייגער איז געווען, גאנץ אויפריכטיג געזאגט:

— איצט וואלט איך צוליעב אייך אלעס געטהאן! הייסט זיך מיר אויסציהען אט דא א מיט די ביינער טהו איך דאס!

האט זיך קאטיא פאנאנדערגעלאכט.

— איך האלט אייך ביים ווארט! אין א וואך ארום זאל דא זיין א דייטשקע! שיקט מיין שוועסטער קיין מאסקווא און זי וועט שוין געפינען א גוטע ניאנקע, א דייטשקע... און איצט מוז איך בעטען ליזא'ן, אז זי זאל זיך אויף א פאר טעג אונטערנעהמען אויפצופאסען אויפ'ן קינד, ווייל איך בין אזוי מיעד, אז איך האלט זיך קוים אויף די פיס.

אזוי מיעד איז זי געווען, אַז זי איז אַפּגעשלאָפען ווי אַ דער־הרג׳עטע צוואַנציג שטונדען נאָכאַנאַנד... טאַבאַלצעוו האָט זיך אַזש אַנגעהויבען בעאונרוהיגען. אָבער דאָס איז געווען אומזיסט. נאָכ־דעם ווי זי האָט זיך גוט אויסגעשלאָפען, האָט זי זיך אויפגעכאַפּט אַ מונטערע, אַ געזונטע און זיך צופריעדען פּאַנאַנדערגעלאַכט:

— נו נו, גוט אַריינגעשלאָפען! און עס איז אַזוי גוט זיך אויפצוכאַפּען מיט׳ן געדאַנק, אַז דאָס מלאָך׳ל איז געראַטעוועט!

— אָבער ווי איז דאָס אַ מענש אַזוי? — האָט זיך טאַבאַל־צעוו גע׳חידוש׳ט. — ווענען זיך האָסטו גאָר ניט געקלעהרט? דו האָסט גאָר פערגעסען, אַז דו ביזט אין אַנדערע אומשטענד־ען און מוזט זיין פאָרזיכטיג?...

— נישקשה, גאָט וועט ניט פערלאָזען, אַנדריושאַ, — האָט זי געענטפערט. — איך האָב דאָך מאַניטשקאַ׳ן אַזוי ליעב ווי אַן איינען קינד, און ווען זי וואָלט חלילה געשטאָרבען, וואָלט איך דאָס ניט אויסגעהאַלטען. איך וואָלט דאָס ניט אַריבערגעטראָגען!

„וואָס פאַר אַן אויסערגעוועהנליכער מענש זי איז! — האָט טאַבאַלצעוו אין זיך גאָר אַנגעקוואָלען, — אַזוי איז זי, דאַכט זיך, אַזאַ שטרענגע, אַזאַ קאַלטע, אַן אויסגערעכענטע און אַ בייזע, און אין דער זעלבער צייט האָט זי אַזעלכע צערטליכע, עדעלע געפיהלען, און אַזוי פיעל ליעבע צו מענשען!“

דאָס האָט נאָך מעהר מיטגעהאָלפען דערצו, אַז קאַטיאַ זאָל אין הויז פערנעהמען דעם אויבען־אַן און אַז אַלע זאָלען זיך מיט איהרם אַ וואָרט רעכענען. אין קינדער־צימער, אין זאַל, אין עס־צימער און אין קיך — אומעטום איז איהר וואָרט געווען אַ געזעץ.

די דיענסטען האָבען פאַר איהר מורא געהאַט, און אין דער־זעלבער צייט האָבען זיי זיך מיט דער גרעסטער אַכטונג צו איהר בעצויגען. עס איז געווען געגוג, אַז איינע זאָל אַ זאָג טהאָן: „די יונגע פּריצה האָט געהייסען“ — און אַלע האָבען געפאָלגט.

און אין הויז — האָט מען זיך ווי געמענט שפּאַרען איבער וואָס ניט איז, — איז געווען געגוג מען זאָל זאָגען: „קאַטיאַ׳ס

מיינונג איז אזוי", האט שוין קיינער זיך אנטקעגען ניט געקענט שטעלען...

איהרע פעהיגקייטען אלס הויז־ווירטהין זיינען ביי קאפי־טאנ׳ען געשטאנען העכער פון יעדער קריטיק. אז ער האט שוין ביי זיך געקענט פועל׳ן, איהר ארויסגעבען געלד אהן א חשבון אויף צו פיהרען די בעל־הבית׳ישקייט.

די נייע ניאנקע, א יונגע דייטשקע, האט אויך פון קאטיא׳ן פיעל געהאלטען און האט זי מיט גרויס דרך־ארץ גערופען „פרוי קאטהערינא".

עס האט זיך געדאכט, אז א נייער גייסט האט אין הויז זיך בעוויזען. יעדער איינער האט געפיהלט, אז דא געפינט זיך אזא מענש, אויף וועמען מען קען זיך פערלאזען. ווארים קאטיא האט אלעמען צופריעדענגעשטעלט.

אפילו אזא קלייניגקייט:

קאפיטאן האט ניט געקענט אריבערטראגען דעם ריח פון נאפ־טאלין. אלע מאל האט ער געבעטען פימא׳ן אז זי זאל דאס פוטער־ווארג אין הויז איבערשיטען מיט עפעס אנדערש און ניט מיט נאפטאלין, אבער זי האט דאס פון איין זומער אויפ׳ן אנדערען פער־געסען. בלויז איינמאל האט ער גלאט אזוי, גארניט מיינענדיג דערמיט, א זאג געטהאן קאטיא׳ן, אז ער קען ניט פערליידען דעם ריח פון נאפטאלין, האט זי דעם טאג גענומען דאס גאנצע פוטער־ווארג, עס אויסגעלופטערט און עס איבערגעשאטען מיט טאבאק און נאך עפעס א פראשעק דערצו. פארנאכט, ווען קאפיטאן איז געקומען אהיים, האט ער איינפאך געגאפט און געזאגט אזוי צו פימא׳ן:

— אכט יאהר האסטו מיך געשטיקט מיט נאפטאלין, צום שווארצען יאהר... איך האב זיך ביי דיר אלץ ניט געקענט דער־בעטען, אז דו זאלסט מיך מיט קיין נאפטאלין ניט שטיקען... גע־מוזט ווארטען ביז אנדרעי וועט חתונה האבען, אז איך זאל אויך וויסען פון א לעבען...

— כי־כי־כי! — האָט זיך פּימאַ פאַנאַנדערגעלאַכט. — טאַקע צוליעב דיר האָט ער חתונה געהאַט!...

— בהמה!... איז ער געוואָרען בייז, — פון פוילקייט ווערסטו ברייטער ווי לענגער... איצט האָסטו אַ געלעגענהייט זיך צוצוקוקען ווי מענשען לעבען אויף דער וועלט, און ווי לייטישע פרויען היטען אָפּ זייערע מענער!...

— ניט אַזוי זייערע, ווי פרעמדע... כאַ־כאַ־כאַ!...

— טפוי, צו דיין קאָפּ! — האָט קאַפּיטאַן אויסגעשפּיגען. — מיט דיר צו ריידען איז פּונקט ווי וואַסער צו דרעשען... האָסט ניט קיין שכל פון דאַנען אַהין!... דו פעטע קוה וואָס דו ביזט!

קוק איהם נור אָן! האָט זיך פּימאַ אָנגעבלאָזען, — ביז איצט בין איך געווען קלוג, און מיט אַמאָל — טע, בין איך ביי איהם געוואָרען נאַריש... וואַרפט מיר אויף וואָס איך בין אַזוי פעט... ניש־קשה, ווען איך וואָלט ניט געווען אַזוי פעט, וואָלסטו מיך ניט ליעב געהאַט... איך וויים, אַז דו האָסט ליעב אַ פעטע ווייב...

מיט אַמאָל האָט זי אויסגעשאָסען אַ געלעכטער:

— כאַ־כאַ־כאַ! אפשר האָסטו זיך גאָר פערליעבט אין קאַ־טיאַ'ן? האַ? ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכען, אויף מיין עהרען וואָרט!... אָט וועסטו זעהן, ווי איך וועל קאַטיאַ'ן מאַכען אַן אייפערזיכט־סצענע... דאָס וועט זיין אינטערעסאַנט.

און נאָך שטאַרקער:

— כי־כי־כי! כאַ־כאַ־כאַ!

— וואָס הירזשעסטו, דו פעטע שקאַפּע, דו?! — איז קאַ־פּיטאַן געוואָרען בייז. — וואָס לאָזסטו מיך ניט שלאָפען?

אָבער פּימאַ האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען. זי האָט נעמוזט לאַכען.

צו צוויי שטאַרקע זאַכען האָט קאַפּיטאַן געהאַט אַ שוואַכ־קייט — צו שטאַרקע קאַפּע און צו שטאַרקען בראַנפען. אין אַ יום־טוב'דיגען טאָג האָט ער נאָכמיטאָג געמוזט אויסטרינקען אַ שטאַרקע גלאָז קאַפּע און אַ שטאַרק גלעזעלע בראַנפען.

געהאַט האָט ער אפילו חשק אַלע טאָג זיך אַזאַ פערגניגען צו

שאפען, אָבער ביי פּימא׳ן האָט ער דאָס ניט געקענט אויספיהרען. קאַטיא האָט זיך מיט די דאָזיגע שוואַכקייטען זיינע גלייך געגומען רעכענען, און זי האָט פאַר איהם יעדען טאָג צוגעגרייט אַ שטאַרקע גלאָז קאַפּע און אַ גלעזעלע „בענעדיקטין“.

— שוועגערין מיינע, שוועסטער׳ל! — האָט ער קאַטיא׳ן איינמאָל געזאָגט. — דענקסט איהר ניט אַז אַלע טאָג זיך צו פערגינען אַזא פערגניגען איז אַביסעלע צו... נו, אַביסעלע צו פעט?

— עס מאַכט ניט, — האָט קאַטיא געענטפערט. — אַ מאַן וואָס האָרעוועט אויסצוהאַלטען אַ פאַמיליע מוז מען נאָכגעבען די קאַפּריזען...

און מיט וואָס האָט ער זיין דאַנקבאַרקייט איהר געקענט אויסדריקען אויב ניט דערמיט, וואָס ער וועט זי נאָך יעדען מיטאָג אַ קוש טהאָן אין דער האַנד.

ווען פּימא האָט דאָס דאָס ערשטע מאָל דערזעהן, איז זי רויט געוואָרען, און אויסציהענדיג איהר פוכקע הענטעל דעם מאַן, האָט זי געזאָגט:

— גיב אַ קוש מיין האַנד אויך!

זי איז געווען זיכער, אַז ער וועט זי ניט פערשעהמען און וועט איהר האַנט אויך אַ קוש טהאָן, אָבער קאַפּיטאָן האָט אויף איהר קאַלט אַ קוק געטהאָן און גאַנץ ערנסט געפרעגט:

— פאַר וואָס קומט דיר אַ קוש? אפשר דערפאַר, וואָס דו האָסטו מיר נאָך קיין איין מאָל קיין לייטישע גלאָז קאַפע ניט דערלאַנגט פאַר די אַלע יאָהרען, וואָס מיר זיינען פערהייראַטה?

אַלע האָבען אויסגעשאָסען אַ געלעכטער. אפילו די אַלטע האָט אויך געלאַכט.

— זעהסט?! זעהסט?! — האָט קאַטיא צו פּימא׳ן געמאַכט מיט׳ן פינגער. — זעהסט ווי פאַר גוטעס איז אַ מענש דאַנקבאַר?

— דו נעהמסט צו מיין מאַן! — האָט פּימא מיט׳ן פוכקע הענטעל אַ קלאַפּ געטהאָן אָן טיש. — איך וועל דיך אַרויסרופען אויף אַ דועל!

— געהט עס, — האָט קאַטיאַ לאַכענדיג אונטערגעכאַפּט. — מיר וועלען זיך שלאָגען מיט בעזימער.

דער אמת איז געווען, אַז פּימאַ איז טאַקע געווען אייפערזיכ־טיג, ווען זי האָט דערזעהן ווי קאַטיאַ וואַקסט אַלץ גרעסער אויס אין די אויגען פון איהר מאַן, אָבער קיין סצענעס האָט זי דאָך ניט געקענט מאַכען, ווייל קאַטיאַ האָט פון אַלעם געמאַכט אַ שפּאַס.

נאָך אַ שוואַכקייט האָט קאַפּיטאַן געהאַט: ער האָט האָט ליעב געהאַט צו לייענען שוידערליכע מעשיות. קיין אַנדערע זאַכען האָט ער ניט געקענט לייענען, ווייל עס האָט איהם ניט געוומען...

אָבער געהן קריגען אַזעלכע ביכער האָט ער קיין צייט ניט געהאַט, און דערפאַר האָט ער אַוועקגעגעבען אַ סך צייט צו שפּיעלען אין קאָרטען. ווי קאַטיאַ האָט דערשמעקט וואָס פאַר אַ ביכער ער האָט ליעב צו לייענען, האָט זי פאַר איהם גלייך געקראָגען אַ גאַנצען פּאַק מיט אַזעלכע ביכער — שרעקליכע מעשיות וועגען גנבים און רויבער, וואָס פערשטעלען זיך פאַר גענעראַלען און טהוען אויף די קונציגסטע זאַכען; שפּאַנענדע מעשיות וועגען בת־מלכות און פּרינצען, און שוידערהאַפטע היסטאָריעס וועגען ים־רויבער און פּיפּערנאָטערס...

צוליעב די דאָזיגע ביכער האָט ער כמעט אויפגעגעבען דאָס שפּיעלען אין קאָרטען. ער איז געוואָרען אַ לייטישער בעל־הבית׳ל, און אַלע מאָל, ווען ער האָט געהאַט פרייע צייט, איז ער געזעסען אין דערהיים און געלייענט די „שוידערליכע מעשיות“, וואָס האָבען איהם געוומען...

קאַטיאַ אַליין האָט אויך ליעב געהאַט אַזעלכע „שוידערליכע“ מעשיות. און ווען קאַפּיטאַן פלעגט קומען צולויפען צו איהר אַ בעגייסטערטער און איהר איבערגעבען, וואָס ער האָט נור וואָס איבערגעלייענט, האָט זי געפיהלט, ווי דער מענש איז איהר נאָ־הענט. צייטענווייז האָט זיך איהר זאָגאַר אויסגעוויזען, אַז ער איז איהר נעהנטער פאַר אַנדריושאַ׳ן...

בלויז מיט ניקאָלאַי׳ן, ליזאַ׳ס מאַן, האָט קאַטיאַ ניט געקענט

אויסקומען. אזוי, לפנים, האָט זי זיך דוקא גאנץ פיין בעצויגען צו איהם, אָבער געהאַלטען פון איהם האָט זי ניט...

זי האָט ניט געקענט האַלטען פון איהם, ווייל זי האָט זעהר ניט ליעב געהאַט א מענשען, וואָס איז א טרוס, א פייגלינג. און ניקאָלאַי איז דאָס געווען.

פונדעסטוועגען האָט זי זיך מיט זיינע קאפּריזען אויך גע־רעכענט, און אַלע אויף דער נאַכט האָט זי איהם נאָכ׳ן עסען א שטאַרקע גלאָז טהעע דערלאַנגט, ווייל זי האָט געוואוסט, אז פאַר א שטאַרקע גלאָז טהעע איז ער גרייט אוועקצוגעבען אַלעס אין דער וועלט.

אזוי טיעף האָט זי זיך איינגעוואָרצעלט אין דעם הויז, אז קיינער האָט זיך שוין גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען ווי אזוי מען וועט זיך נאָכ׳ן זומער בעגעהן אָהן איהר.

פול מיט ארבייט און אינטערעס איז קאטיא׳ס לעבען געווען. אין די פרייע שטונדען, צווישען דריי און זיעבען פאַרנאַכט, האָט זי אָדער פערבראַכט ביי איהר מוטער, אויף דער אָרימער, אָבער ריינער, דאַטשע, וואָס זי האָט פאַר איהר געדונגען, אָדער זי איז געזעסען און גענעהט קליידעלאך פאַר דעם קינד וואָס זי וועט געבאָרען...

ליזא האָט איהר אויך אין דער ארבייט ארויסגעהאָלפען. זי האָט אויך געגייהט זיידענע און באטיסטענע קליידעלאך פאַר דעם קינד, וואָס קאטיא וועט געבאָרען. און פאַר זיך האָט זי גע־קלערט, אז דאָס נייט זי פאַר דעם „קליינינקען אנדריושא“, אזוי האָט זי שוין פאַר זיך טאַבאַלצעוו׳ס קינד א נאָמען געגעבען...

א דאַנק קאטיא׳ס טאַקט און אויך איהרע פעהיגקייטען צו פיהרען די בעל־הבית׳ישקייט, איז דאָס הויז געוואָרען אַן אמת׳ע שטילע און רוהיגע „נעסט“, און דער עולם האָט זיך אויפגעהערט רייסען צו אנטלויפען פון דאָרטען — ווער אין טהעאטער און ווער — שפּיעלען אין קאָרטען.

מען האָט גאָר אָנגעהויבען געהן שפּאַציערען, און טאַבאַלצעוו

האָט שוין געזעהן, אַז ביי יעדער שפּאַציער זאָל סאָניא, קאַטיאַ׳ס אינגערע שוועסטער, אויך זיין.

און אין די אויף דער נאַכטען, ווען עס איז איבער אַ שלעכטען וועטער אונמעגליך געווען ערגעץ צו געהן, האָט מען געמאַכט פאַר־לעזונגען. מעהרסטענטיילס האָט טאַבאַלצעוו פאָרגעלעזען עפּעס אַ גוטע זאַך און דער עולם האָט מיט גרויס אינטערעס אויסגעה־הערט. מעהר פון אַלע איז פון די פאָרלעזונגען געווען צופריעדען קאַפּיטאַן; די מעשיות זיינען איהם שטאַרק געפעלען געוואָרען און ער האָט זיך גאָר ניט געקענט אָב׳חידוש׳ן:

— ווי אַזוי טראַכטען זיי דאָס אויס אַזוינע שעהנע מעשיות פונ׳ם קאָפּ ?!

עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס הויז האָט אַ נשמה בעקומען, און ווען דאָס יונגע פאַר־פאָלק וועט נאָכ׳ן זומער זיך איבערקלייבען אין אַן אייגענער וואָהנונג, וועט דאָס הויז די נשמה פערליערען...

אַלע זיינען געווען שטאַרק צופריעדען פון דער דיסציפּלין וואָס קאַטיאַ האָט דאָ איינגעפיהרט. בלויז איין מענש איז פון דער דאָזיגער דיפּציפּלין ניט צופריעדען געווען, און דאָס איז געווען טאַבאַלצעוו אַליין...

אַליין אַ מענש, וואָס האָט בטבע פיינט צו האָבען פליכטען אויף זיך, האָט ער ניט געקענט פערליידען, וואָס מ׳מוז דוקא קומען אַהיים אין צייט און טראָגען אויף זיך אַ חוב, ווי אַ סאָלדאַט אין קאַזאַרמע...

האָט זיך טאַקע ניט איינמאָל געמאַכט, וואָס ער איז אַהיים אין צייט ניט געקומען. קאַטיאַ האָט איהם אַזוי לאַנג געשוויגען און געשוויגען, ב״ז זי האָט ענדליך די געדולד פערלאָרען און איהם גוט אויסגע׳מוסר׳ט דערפאַר.

— וואָס איז דאָ אַזוינס ? — האָט ער געפרעגט. — איבער דעם וואָס דער אָנבייסען איז געוואָרען קאַלט, דאַרף מען מאַכען אַזאַ טאַראַראַם ? עס איז ניט געפעהרליך. פאַר אַ נויטה, געה איך אריין אָפּעסען אין אַ רעסטאָראַן...

— וואָס הייסט עפּעס אין אַ רעסטאָראַן ?! — האָט זי איהם

שארף אָבגעהאקט די רייד. — גענוג ארויסצו־ווייזען די בחור׳שע שטיק! ווען אַלע וועלען ריידען אזוי ווי דו, וועט דאָך פון דעם הויז ווערען אן אכסניה, וואוהין מען קומט בלויז איבערנעכטיגען...

טאבאָלצעוו איז בלאס געוואָרען, ווייל אַלע האָבען געהערט ווי זי האָט זיך אויף איהם צושריען.

— ווערסטו זיך אפשר בערוהיגען ווען איך וועל זאָגען אַז איך האָב ניט געקענט קומען אין צייט, ווייל איך האָב זעהר א וויכטיגע זאַך געמוזט פערזאָרגען? — האָט ער איינגעהאַלטען געפרעגט.

— ווען מען דאַרף קומען אהיים עסען, — האָט זי קורץ און שארף געענטפערט, — לאָזט מען אָפּ די וויכטיגסטע זאכען...

— ניט אַנדערש! — האָט ער געזאָגט, — ניעדער מיט די וויכטיגסטע זאכען און — עס לעבע דער מאָגען!... וואָרים עס איז דאָך ניט קיין קלייניגקייט זיך ניט אונטערוואַרפען די אַלע אומ־שטיינס געזאָגט פליכטען פון דער „נעסט“... ניט אַנדערש!

זי האָט פערשוויגען און מעהר א וואָרט ניט געזאָגט.

אויף דעם חשבון האָט ער געמיינט, אַז זי האָט שוין חרטה דערויף, וואָס זי האָט זיך אויף איהם איסגעבייזערט, און ער האָט זיך ווייטער געטהאָן זיינס: געקומען אהיים ניט אין דער צייט און געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ער האָט זעהר וויכטיגע זאכען גע־מוזט פערזאָרגען.

קאטיא׳ן האָט דאָס זעהר שטארק געקרענקט און געערגערט. און זי האָט גאָר אזוי קלוג ניט געקענט זיין צו פערשטעהן פאַר־וואָס דאָס איז... וואוהין ציהט דאָס איהם? פארוואָס קען ער אין הויז ניט איינזיצען? געשיקט זיך אַז אָט דאָ איז איהם אומעטיג? געשיקט זיך, אַז אָט דאָ אָ, אין דער שעהנער, בעקוועמער נעסט, האָט ער ניט קיין ווינקעלע וואו זיך אָפּצורוהען?... אפשר איז איהם אומעטיג דערפאַר, וואָס ער שפּיעלט מעהר ניט אויף דער ביהנע? און אפשר... ווער ווייסט? אפשר שטעלט איהם גאָר איהר ליעבע ניט צופריעדען?... אָבער דאָס קען דאָך ניט זיין! ער איז דאָך צו איהר אַזוי צערטליך ווי פריהער... ער איז דאָך נאָך אזוי לייי־

דענשאַפטליך, ווי אין דער ערשטער צייט... און דאָך... עפּעס איז ער איהר פרעמד... אפילו אין די ליידענשאַפטליכע מאָמענטען איז ער איהר פרעמד, ווייט... נאָך ווייטער ווי קאַפּיטאַן...

א שרעק האָט זי בעפאַלען פון דעם געדאַנק, אז דער זעלבער ווייכהערציגער, גוטער אַנדריושאַ, וועלכער איז ערשט ניט לאַנג צוריק געווען איהר שקלאַף, וועט זיך ווען ניט ווען אַרויסגליטשען פון אונטער איהרע הענד...

זי האָט אָבער געוואוסט, אַז זייענדיג אין אַנדערע אומשטענ־דען, טאָר זי זיך ניט ערגערען. האָט זי זיך דעריבער וועניגער צו זיינע פערברעכענס צוגעקוקט און געמאַכט אַ שוויינ... מיט דער צייט וועט ער ווערען לייטישער...

אָבער אנשטאט צו ווערען לייטישער איז ער גאָר געוואָרען ערגער. ער האָט אָנגעהויבען צו אָפט אָנזאָגען דורכ'ן טעלעפאָן, אַז מען זאָל אויף איהם מיט דער וועטשערע ניט וואַרטען, ווייל ער ווייסט ניט ווען ער וועט אַהיים קומען. און איינמאָל איז ער גאָר אין גאַנצען געבליבען נעכטיגען אין שטאָדט.

— וואו האָסטו גענעכטיגט? — האָט זי איהם בייזליך גע־פרעגט, ווען ער איז אויפ'ן צווייטען טאָג געקומען.

— אין אונזער ווינטערדיגער וואָהנונג.

— פאַרוואָס ביזטו ניט געקומען אַהיים נעכטיגען?

— ווייל עס איז שוין געווען צו שפּעט... איך בין זיך גראָדע פערזעסען אין קלוב...

— אין קלוב! און איך האָב געמיינט, אז דו האָסט שוין ווידער געהאַט אַ וויכטיגע זאַך צו פערזאָרגען.

— טאַקע אַ וויכטיגע זאַך...

— וואָס פאַר אַ וויכטיגע זאַכען קענען זיין אין אַ קלוב?

— נו, איז ניט קיין וויכטיגע זאַך... אַ בענעגעניש... איך האָב זיך גראָדע נעכטען געטראָפען דאָרטען מיט אַן אַקטיאָר, פון וועמען איך האַלט זעהר שטאַרק... נו, האָבען מיר שוין צוזאַמען געגעסען, זיך פערהערדט...

— דאָס איז אַ געמיינהייט, אַנדרעי! — האָט זי בייז גע־

זאָגט. — איצט, ווען איך בין אויף דער צייט, לאָזטו מיך איבער איינע אליין און דו זיצסט דאָרטען אַ גאַנצע נאַכט און פּלאַפּעלסט זיך מיט אַן אַקטיאָר!... וואָס וועט די וועלט דאַרויף זאָגען?

—וואָס פאַר אַ וועלט?

— וואָס הייסט וואָס פאַר אַ וועלט? — ליזאַ, פימאַ, קאַ־פּיטאָן און די מאַמע...

— איך רעכען זיך ניט מיט קיינעמ׳ס מיינונג, — האָט ער שטרענג געענטפערט. איך האָב איבער זיך אליין אויך אַ דעה, און צוליעב יענעם וועל איך מיט׳ן קלענסטען פערגניגען מיינעם ניט אָפּפערען.

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגען?

— איך מיין גאַנץ איינפאַך, — האָט ער גענומען ריידען ווייכער, — אַז איך בין העכער פון אַט די אַלע מיינונגען... מיט די מיינונגען פון מענשען, וועלכע שטעהען נידעריגער פאַר מיר אין זייער ענטוויקלונג, רעכען איך זיך ניט... און איך וויל אַז דו זאָלסט דאָס וויסען, אַז מעהר וויל איך פון דיר אַזעלכע טענות ניט הערען! פאַר מיר איז דאָס ניט קיין אַרגומענט... דו קענסט זאָגען וואָס דו דענקסט, אָבער ניט וואָס אַנדערע ווען זאָגען, אָדער דענקען. און איך וויל טאַקע, אַז דו זאָלסט מיר איינמאָל פאַר אַלע מאָל זאָגען דעם אמת: זאָגסטו דאָס ניט דערפאַר, ווייל דו ביזט איי־פערזיכטיג?

— אַ ניין! דו ווייסט גאַנץ גוט, אַנדריושאַ, אַז איך האָב צו דיר דעם גרעסטען צוטרויען...

פון דעם טאָן איז ער געווען אַזוי גערירט, אַז ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און זי געמוזט אַרומנעהמען:

— אויב אַזוי, איז דאָך אַלעס גוט — האָט ער אַ צופריע־דענער געזאָגט. — אָבער געדענק, קאַטיושאַ, וואָס איך זאָג דיר: דיך און די מאַמע האָב איך ליעב מעהר ווי אַלעם אין דער וועלט, אָבער מיין פרייהייט — נאָך בעסער ווי איך ביידען צוזאַמען גענומען...

זי איז ווי פערשטיינערט געוואָרען אין זיינע אומאַרמונגען...

— מיין מאַמע, — האָט ער ווייטער גערעדט, — קען גוט מיין טבע, און דערפאַר האָט זי מיין פרייהייט קיינמאָל ניט גע־טשעפּעט... און דערפאַר האָב איך זי ניט נור ליעב, נאָר איך האָב פאַר איהר דעם גרעסטען רעספּעקט... זי איז אַ פּשוט'ע פרוי, ניט קיין געבילדעטע, אָבער איהר טיעף פיהלענדע האַרץ האָט איהר אונטערגעזאָגט, מיט וואָס מען קען מיר צוטרעפען... דו, קאַטיושאַ, ביזט אַ קלוגע און אַ געבילדעטע פרוי, בעט איך דיך, לערן זיך אויס שעצען מיין פרייהייט, און בעגעה ניט קיין פּעה־לערען!...

הענט און פיס האָבען איהר אָנגעהויבען צו וואַרפען.

— אַנדרעי! — האָט זי זיך אָן אויפגערעגטע אַ כאַפּ גע־טהאָן. — דו סטראַשעסט מיך?... געשיקט זיך, אַז דו קענסט מיך אויפהערען ליעב צו האָבען?...

ער האָט דערויף גאַרניט געענטפערט. דעם קאַפּ ארונטערגע־לאָזט, איז ער געזעסען שטיל און קיין וואָרט ניט געענטפערט... בלויז אַ רגע האָט עס געדויערט, ניט מעהר ווי אַ רגע. אָבער די דאָזיגע רגע האָט זי ניט פערגעסען ביז איהר גרויער עלטער...

שטיל האָט זי די אויגען צוגעמאַכט און זיך געפיהלט אַזוי ניעדערגעשלאָגען, אַזוי שוואַך. זי האָט געוואָרט, אַז ער זאָל זיינע ווערטער נעהמען צוריק, אָבער ער האָט נאָך ווייטער גערעדט אין'ם זעלבען זינען; ער האָט איהר געזאָגט, אַז כאָטש זי איז זיין פרוי, האָט זי קיין רעכט ניט איהם אָבצוגעוואָהנען פון זיינע קאַפּריזען און טאָר אפילו ניט פּרואווען זיך שטעלען אַקעגען זיינע פער־לאַנגען...

— איך האָב מיט דיר, קאַטיאַ, חתונה געהאַט אויף צו זיין גליקליך, און ניט אויף צו זיין פערשקלאַפּט און אונטערטהעניג...

— איז דען אַזוי שווער צו זיין אונטערטהעניג אַ געליעבטער פרוי? — האָט זי נאַאיוו געפרעגט.

— זיין אונטערטהעניג איז אַלע מאָל שווער, ובפרט ווען מען איז אונטערטהעניג אַ געליעבטער פרוי איז נאָך ערגער ווי שווער... דערמיט בעגראָבט מען די ליעבע...

— אָבער, גאָט מיינער! איז דאָס אַ חלום?... געדענקסט, אַנדרעי, לעצטען ווינטער, ווען יענער, דער פריינד דיינער, האָט געדאַרפט קומען צו דיר... דאַן האָסטו מיר דאָך געזאָגט, אַז...

— יאָ, יאָ, איך געדענק... איך האָב שוין דאַן קיין חשק ניט געהאַט דיר צו ענטפּערען אויף דיינע נאַאיווע ווערטער, אַז איך און מיין לעבען בעלאַנגען צו דיר.

— וואָס???

— יאָ, יאָ! אַ מענש איז ניט קיין זאַך... זיין לעבען, זיין פרייהייט, זיינע געדאַנקען, זיינע געפיהלען און זיינע האַנדלונגען געהערען בלויז צו איהם אַליין...

דאָס גאַנצע בלוט איז אין איהר פּנים אַריינגעקומען.

— פאַרוואָס־זשע האָסטו חתונה געהאַט, אַנדרעי? — האָט זי צו איהם געהאַט אַ טענה. — ווען דו וואָלסט מיר די זעלבע ווערטער געוועזען געזאָגט מיט אַ האַלב יאָהר צוריק, וואָלט איך בשום אופן מיט דיר ניט געוועזען חתונה געהאַט!...

— נו, גענוג, גענוג! — האָט ער זי איינגענומען. — לאָמיר מעהר דערפון ניט רעדען! ווילסט זיך דען קריגען מיט מיר?

— חלילה! איך וועל זיך מיט דיר ניט קריגען. ווען מען קריעגט זיך איז מען ניט גליקליך... איך בין געוועזען אַ נאַר... איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז אונזער לעבען וועט זיין לויטער ווי דער הימעל... אפשר דאָס איז אונמעגליך...

— עס איז אפשר גאָר ניט אַזוי אונמעגליך. די הויפּט זאַך — לערן זיך אוים צו זיין אַ מענש און ניט וועלען צונעהמען ביי מיר מיין פרייהייט... פערגעס ניט, אַז כאָטש מיר זיינען מאַן און פרוי, זיינען מיר דאָך צוויי בעזונדערע מענשען, מיט בעזונדערע פער־לאַנגען און געפיהלען...

זי האָט איהם אויפמערקזאם אויסגעהערט, אָבער ער האָט געפיהלט, אַז זי איז מיט הונדערטער מיילען ווייט פון איהם, אַז זי וועט איהם קיינמאָל ניט פערשטעהן, און עס וועט לאַנג ניט דויערען ביז זי וועט ווידער מאַכען אַ פּרוּוו צוצונעהמען ביי איהם זיין פרייהייט.

איינמאָל אין אַ הייסען זומער־טאָג איז קאַטיאַ געפאָהרען אין שטאָדט אריין עפּעס איינקויפען פאַר דער שוויגער.

אַזוי ווי זי איז שוין סיי ווי סיי געווען אין שטאָדט איז זי שוין אריינגעגאַנגען אָנקוקען וואָס ס'הערט זיך עפּעס אין דער ווינטערדיגער וואָהנונג, און גראָדע האָט זי אויפ'ן טיש געדאַרפט געפינען צוויי בריעף, וועלכע זיינען געווען אדרעסירט צו טאַ־באָלצעוו'ן.

די האַנדשריפט אויף די קאָנווערטען איז איהר געווען אומ־בעקאַנט. געזעהן האָט זי, אַז דאָס איז אַ פרויען־האַנד־שריפט, און ניט קלעהרענדיג קיין סך האָט זי די קאָנווערטען אויפגע־ריסען און גענומען לעזען.

קיין שלעכטס האָט זי דערמיט ניט געמיינט, נור גלאַט: וואָס פאַר אַ סודות קען אַנדריושאַ פאַר איהר האָבען?

איין בריעף האָט זיך געלעזען אַזוי:

„הארציגע נשמה'לע מיינס!...

„איך וויין ווי אַ משוגע'נע. נעכטען האָבען מיר בע־ערדיגט נינאָטשקאַ'ן. אַלע קראַנקע פונ'ם סאַניטאַריום זיי־נען נאָכגעגאַנגען צו דער לויה... אויפ'ן הארצען איז מיר אומעטיג — אַ שרעק. גוטער, ליעבער אַנדריושאַ־... איהר געדענקט דאָך נאָך אודאי ווי די קראַנקע נינאַ איז אין אייך געווען פערליעבט... ווי זי האָט דאָס געטרוימט וועגען דעם גוטען מאַמענט אייך נאָך אַמאָל צו זעהן! אייער פּאָרטרעט איז געהאַנגען ביי איהר אויף דער וואַנד, איבער'ן בעט, און ביז זי האָט ניט אויף אייביג די אויגען צוגע־מאַכט, האָט זי אויף איהם ניט אויפגעהערט צו קוקען... איצט איז אייער פּאָרטרעט ביי מיר... איך בענק נאָך אייך... עס איז שוין טאַקע באַלד אַ יאָהר, אַז מיר האָבען זיך ניט געזעהן. איך וואָלט אייך אַזוי געוואָלט זעהן... אייך, אי־וואַנצאָוו'ן און ווערא'ן! איהר געדענקט דאָך נאָך אודאי די אָרימע אלמנה פון דעם פערשטאָרבענעם שרייבער! ליע־בער אַנדריושענקאַ, זייט אַזוי גוט און בעגעגענט מיך אויפ'ן

וואָקזאַל! איך האָב ניט צר ווענמען צט פֿאָהרען, און קיין געלד האָב איך אויך ניט. דאָס גאַנצע געלד וואָס איהר האָט צוגעשיקט, איז אַוועק אויף דער לויה. עס איז בלויז געבליבען א ביסעל אויף הוצאות צוריק קיין מאָסקווא פֿאַר מיר און פאר מאַניאַ'ן. איך בעט אייך, טהייערער, זייט אַזוי גוט, און געפֿינט פֿאַר מיר עפּעס אַ שטעלע אין מאָס־קווא. איך וואָלט זעהר געוואָלט נאָך אַמאָל אריינטרעטען אין אוניווערסיטעט! איך קוש אייער שעהנינקע בערדעלע. ערלויבט איהר מיר דאָס?

אויף אייביג אייער

מאַניאַ".

קאַטיא איז בלאַס געוואָרען ווען זי האָט דעם בריעף איבער־געלעזען... אַזוי גאָר?! אָט וואָס פֿאַר אַ פֿערגאַנגענהייט ער האָט!

זי האָט אויפגעריסען דעם צווייטען בריעף און זי האָט דער קענט, אַז דאָס האָט מען אָנגעשריעבען טאַקע דאָ אין הויז. דער צווייטער בריעף האָט זיך געלעזען אַזוי:

„אַזא ענטוישונג! איהר האָט אונז ניט בעגעגענט אויפ'ן וואָקזאַל. איך און מאַניאַ האָבען זיך די אויגען אויסגע־קוקט זוכענדיג אייך. מיר זיינען דאָ געווען, און די גוטע ניאַנעטשקא האָט אונז געגעבען טהעע. זייט ניט ברוגז אויף אונז, פֿאַר וואָס מיר זיינען אָהן אייער וויסען אַהער געקומען. וואָס האָבען מיר געזאָלט טהאָן? מיר וואָלטעןביידע גע־בליבען ביי אייך וואַרטען, אָבער איך האָב מורא געהאַט פֿאַר אייער ווייב... אייער ווייב!... כאַ־כאַ! איהר זייט פֿער־הייראַטה?... עס איז נאָך גוט וואָס נינאָטשקא איז אין צייט געשטאָרבען!... און מיר, נאַרישע מיידלאַך, האָבען געמיינט, אַז איהר וועט גאָר קיינמאָל ניט חתונה האָבען! אויף ווידערזעהן! איך ווינש אייך גליק! איהר זייט דאָך אַזא גוטינקער! איך וועל אייך לאָזען וויסען וואו איך וועל

זיך אָבשטעלען, און איך וויל, אז איהר זאָלט מיך קומען זעהן. איך בין אזוי געוואָרען א תל, אז איהר וועט מיך גאָר ניט דערקענען... און נאָך א בקשה האָב איך צו אייך: זייט אזוי גוט, אנדריושא, און גיט אָפּ דער ניאַניטשקא פאר מיר פינף רובעל. איך האָב ביי איהר דאָ געליהען ווייל איך האָב אפילו קיין גראָשען ניט געהאט. איך וועל אייך אָב־געבען

אייער טאַניא".

— וואָס פאר בריעף זיינען דאָס? — האָט קאַטיא שטרענג א פרעג געטהאָן די אַלטע דיענסט.

זי איז ניט געווען געוואָהנט מען זאָל מיט איהר רעדען אזוי שטרענג. פערלייקענען דעם אמת האָט זי ניט געקענט, און זי האָט דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע וועגען די צוויי קראַנקע מיידלעך, וועלכע טאַבאַלצעוו האָט אויף זיין חשבון אוועקגעשיקט קיין קרים.

די אַלטע האָט געפּרואווט ריידען מיט געפיהל און רחמנות וועגען דער קראַנקער מיידעל, וועלכע איז געשטאָרבען דאָרטען ערגעץ ווייט אין קרים, צווישען טאַטאַרען, אָבער די יונגע בייזע בעל־הבית'טע האָט גאָר ניט געוואָלט אויסהערען, און זי איז אוועק צוריק אויף דער דאַטשע אָן אָנגעבמורעטע.

אויף דער נאַכט, ווען טאַבאַלצעוו איז געקומען אהיים אויף דער דאַטשע, האָט ער גלייך בעמערקט, אז קאַטיא איז שוין ווידער בייז. אָבער ער האָט זיך ניט ווידעריג געמאַכט.

איינמאָל נאָכ'ן עסען האָט זי זיך מיט איהם פערמאַכט אין צימער און דאָרטען האָט זי איהם גאָר פּלוצלינג א זאָג געטהאָן:

— ווייסטו, אנדריושא, וואָס איך וועל דיר זאָגען? לאָמיר אויפגעבען די וואָהנונג אין שטאָדט... פאַרוואָס זאָלע מיר צאָה־לען דירה־געלט, אז סאַיי ווי סאַי וואָהנט דאָרט קיינער ניט?

— אויב דאָס איז די אורזאַכע, — האָט טאַבאַלצעוו מיט א פיעל בעדייטענדען שמייכעל געענטפערט, — קען איך מאָרגענ־

דיגען טאָג ארײנלאָזען אהין צעהנדליגע אָרימע לײט, װעלכע האָ־בען ניט װאו צו װאָהנען...

— נײן, נײן, דאָס ניט! צו װאָס זאָל מען מאַכען א תל פון דעם מעבעל? דו ביזט דאָך ניט קײן מיליאָנער... דו דארפסט איצט אין זינען האָבען דײן פאמיליע מעהר װי דײנע פרײנד...

דורכדרינגענד האָט ער אויף איהר א קוק געטהאָן. אָט די װערטער, װעלכע ער האָט פון איהר דאָס ערשטע מאָל געהערט, האָבען איהם שוין געגעבען א בעגריף, װי זײן לעבען מיט איהר װעט שפּעטער זײן...

רײדען װײטער װעגען דעם האָט ער ניט געװאָלט. ער האָט דאָס געפונען פאר איבעריג.

זי האָט איהם דערלאַנגט בײדע בריעף. און װען ער האָט דעם ערשטען בריעף גענומען לעזען, האָט זי פון איהם די אויגען ניט אראָפּגענומען.

— גאָט מײנער! נינאָטשקא איז געשטאָרבען! — האָט ער מיט װעהטאָג אויסגעשריען, און װײטער געלײענט. דערנאָך האָט ער גענומען לעזען דאָס צעטעלע.

— אָרימע מײדעלע!... איז זי שוין הײסט עס, דאָ?! און האָט נעבעך ניט װאו צו זײן!...

זי האָט געזעהן, אז ער איז שטארק צוטראָגען דערפון.

— אנדרעי, װאָס פאר מײדלאך זײנען דאָס?... און װאָס װענדעט זי זיך עפּעס צו דיר אין אזא געמײנעם טאָן?...

— אין א געמײנעם טאָן?... װער? טאניא?

— װאָס פאר א מחותנת׳טע איז זי מיט דיר, די דאָזיגע טאניא? מיט װאָס פאר א רעכט שרײבט זי דיר „הארציגע נשמה׳לע״, „איך קוש דײן שעהן בערדעלע״, טפוי, דאָס איז מיאוס!

ערשט איצט האָט זיך טאבאָלצעװ געכאפּט, אז בײדע בריעף זײנען געװען אָפען.

— קאטיא, װאָס פאר א רעכט האָסטו צו לעזען פרעמדע בריעף?

— פרעמדע ? וואָס מיינסטו „פרעמדע״ ? ביזטו מיר דען אַ פרעמדער ?

— אָבער די בריעף זיינען אַדרעסירט צו מיר... דער אלף־בית פון אַנשטענדיגקייט איז — ניט לעזען קיין פרעמדע בריעף... אַז דו זאָלסט אַזאַ פּשוט׳ע זאַך ניט פערשטעהן, — דאַרויף האָב איך זיך ניט גערעכנט...

— זאָלסט זיך ניט דערוועגען אַזוי צו מיר אַזוי צו ריידען ! — האָט זי מיט צאָרן אַ געשריי געטהאָן. — איך בין דיין פרוי, און דו טאָרסט פאַר מיר קיין סודות ניט האָבען !...

— איך האָב פון דעם קיינמאָל קיין סוד ניט געמאַכט. מיינע בעציהונגען צו די דאָזיגע מיידלאַך זיינען ריין פריינדליכע...

— פאַרוואָס־זשע האָסטו זיי די דאָזיגע מוידען, אויסגעהאַל־טען אין קרים ?

— וואָס־זשע ? האָב איך דאָס ניט געטאָרט ? בין איך אפשר אַ פערברעכער בעאַנגען דערמיט, וואָס איך האָב צוויי קראַנקע מיידלאַך אַרויסגעהאָלפען ?

— אָבער ווי וואגט זי, די טאַנקאַ, דיך צו קושען ?

— כאַ־כאַ־כאַ ! — האָט זיך טאַבאָלצעוו פאַנאַנדערגעלאַכט. — זי האָט מיר איינמאָל אַ קוש געטהאָן אויפ׳ן וואָקזאַל, ווען איך האָב זי אַרויסבעגלייט קיין קרים. דערביי זיינען אָהן אַ שיעור מענשען געשטאַנען. דאָס איז ערשטענס ; און צווייטענס איז דאָס געווען אַ מאָנאַט צייט איידער איך האָב זיך מיט דיר בעקענט... נו, ביזטו אפשר ברוגז אויף איהר דערפאַר, וואָס זי האָט מיך דאַמאָלסט אַ קוש געטהאָן אָהן דיין ערלויבניש ?...

ווי זי איז ניט געווען אויפגערעגט און אין כעס, האָט זי אויך אָנגעהויבען לאַכען... זיי האָבען זיך ביידע אַרומגענומען.

לפּנים האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דערמיט האָט זיך עס גע־ענדיגט, אָבער קאַטיאַ האָט בלויז געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי האָט זיך בערוהיגט, אין דער אמת׳ן אָבער האָט איהר טאַניאַ׳ס בריעף פון קאָפּ ניט געקענט אַרויס. זי האָט געהאַלטען אין איין קלעהרען וועגען דעם, און בייטאַכט האָט זי ניט געקענט שלאָפען...

ער האָט זיך מיט אַלע מעגליכקייטען געסטאַרעט, אַז זי זאָל ווענען דעם ניט טראַכטען. ער האָט געוואָלט, אַז זי זאָל זיך ניט לעגען שפּעט שלאָפען, אָבער זי האָט אַלץ ווענען דעם געטראַכט און שלאָפען האָט זי ניט געקענט.

אַזוי אונרוהיג איז זי איבער די בריעף געווען, אַז זי האָט זיך איינמאָל אין מיטען דער נאַכט אויפגעכאַפּט און זעהענדיג אַז טאַבאָלצעוו שלאָפט נאָך ניט, האָט זי איהם אין מיטען דערינען אַ פרעג געטהאָן אַזוי:

— אַנדרעי, זאָג מיר נור, וואָס האָט די פּאַסקודנע טאַנקאַ געמיינט דערמיט, וואָס זי האָט געלאַכט דערפון וואָס דו האָסט חתונה געהאַט? אַזאַ נאַרישע מויד. מען קען נאָך אין אמת׳ן מיינען, אַז דו האָסט זיך בענאַרישט דערמיט וואָס דו האָסט מיט מיר חתונה געהאַט!...

— שלאָף, שלאָף, איך בעט דיך! — האָט ער געפּרואווט איהר פאַררייידען די צייהן. — מאַלע וואָס זי האָט דאָרטען געשריבען!

— אָבער, — האָט זי אָנגעהויבען ניט זיכער און מיט אַן אויפגערעגטער שטימע. — מיר דאַכט זיך, אַז ווען דו האָסט דאָס געלעזען, האָסטו עפּעס געטראַכט... איך האָב דאָס געזעהן...

— קאַטיאַ, עס איז שוין שפּעט, און דו דאַרפסט שלאָפען...

— אָבער איך קען דאָס ניט פערשטעהן, — האָט זי זיך אַלץ ניט געקענט בערוהיגען. — מען קען טאַקי זיין אַ פריידענקער און ניט גלויבען אין גאָט, אָבער אָפּלאַכען פון הייראַטה — דאָס פערשטעה איך ניט...

— אַז דו ביזט אַליין שולדיג, — האָט ער גוטמוטהיג געזאָגט.— פון דעם איז געדרונגען, אַז דאָס בעסטע איז — ניט צו לעזען קיין פרעמדע בריעף!...

— אַזאַ פּאַסקודנע מיידעל! — האָט זיך קאַטיאַ אַלץ געקאָכט. — פערשטעהט ניט פון דאַנען אהין, און פּלאַפּעלט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אריין... איאַ, דו וועסט זיך מיט איהר מעהר

ניט בעגעגענען?... זי האָט דאָך מיך בעליידיגט... און ווען מען בעליידיגט מיך, דאַרפסטו זיך אויך פיהלען בעליידיגט... איאָ?

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט ער פון שטאָדט טעלעגראַפירט, אַז מען זאָל מיט׳ן עסען אויף איהם ניט וואַרטען, ווייל ער ווייס ניט ווען ער וועט קומען.

גלייך פון דער באַנק איז ער אַוועק צו אַ בעקאַנטען, און ביי איהם האָט ער זיך דערוואוסט, וואו טאַניאַ געפינט זיך.

ער האָט זי געטראָפען צוזאַמען מיט מאַניאַ׳ן אין אַ אָרים צימער׳ל ביי אַן אָרימען שוסטער. און זי האָט זיך גאָר דערפרעהט איבער איהם.

— אַך, ווי גוט! — האָט זי אַזש אונטערגעשפּרונגען, דריי־קענדיג זיין האַנד און קוקענדיג אויף איהם מיט שטראַהלענדע אויגען. — איך זעה אייך ווידער!

איהר איז ווירקליך געווען אַנגענעהם וואָס זי זעהט איהם ווידער. און אָהן צערעמאָניעס האָט זי איהם פעסט ארומגענומען און איהם אַ הייסען קוש געטהאָן אין די ליפּען.

זיי האָבען אַ ביסעל גערעדט וועגען דעם וואָס ער האָט זיי ביים וואָקזאַל ניט בעגעגענט. דערנאָך איז ער אַוועק אין אַ רעס־טאָראַן און פון דאָרטען זיינען זיי ביידע אַוועק אין דער אָפּערא. טאַניאַ האָט זיך געפיהלט אַזוי גליקליך, אַז זי האָט אַזש געלאַכט און געוויינט פאַר גליק.

זי האָט איהם דערצעהלט, אַז איצט פיהלט זי זיך זעהר צופריעדען דערפון וואָס זי איז שוין פאָלקאָם געזונד, און זי האָט איהם אויך געזאָגט, אַז איצט איז זי אַזוי בראַוו און מוטהיג, אַז זי איז גרייט צו טהאָן אַלעס אין דער וועלט.

— אַך, עס איז אַזוי גוט צו זיין יונג און געזונד! — האָט זי כמעט ווי אויסגעשריען.

טאַבאַלצעוו האָט זי צערטליך ביי דער האַנד אָנגענומען, איהר טיעף אין די אויגען אריינגעקוקט, און געקלעהרט האָט ער דערביי, אַז זי, אָט די לעבעדיגע, יונגע בראַווע מיידעל איז ניט אַזוי ווי זיין קאַטיאַ... אַן אינטערעסאַנטע מיידעל, אויף זיין

עהרען ווארט, אלעמאל און אומעדום וועט זי זיך פיהלען גליק־ליך... ווען מען ארעסטירט זי, וואלט זי זיך דאס זיכער צום האר־צען ניט גענומען... און ווען דו פערשליסט זי אין א קאמער אויף ברויט און וואסער, וואלט דאס זי ניט געארט... א בראווע מיידעל! קאטיא איז ניט אזוי...

מערקווירדיג איז געווען דאס, וואס זיצענדיג אזוי אין א בע־זונדער צימער אינ׳ם רייכען רעסטאראן, האבען זיי ביידע גאר קיין ווארט ניט דערמאנט וועגען דעם, וואס ער, טאבאלצעוו, איז שוין א פערהייראטהער מאן... גלייך דאס וואלט געווען אין גאנ־צען אן אונבעדייטענדער צופאל, אדער גאר א זאך וואס האט פאסירט מיט אימיצען א ווילד פערמדען מענשען, וואס קעהר זיך מיט זיי גאר ניט אן...

ווייל צו וואס האט מען גאר געדארפט ריידען וועגען דעם, אז טאניא האט געפיהלט און געזעהן, אז טאבאלצעוו איז פונקט דער זעלבער וואס ער איז געווען.

און חוץ דעם האט זי גלאט געפונען פאר איבעריג צו ריידען א ווארט וועגען טאבאלצעוו׳ס פרוי...

שפעט נאך האלבע נאכט האט ער זי צוגעפיהרט צו זיין מוטער׳ס הויז און געהייסען דער דיענסט מאכען דאס בעט פאר איהר.

טאניא איז געבליבען שטעהן ביי דער שוועל, און אקעגען שיין פון דער לבנה האט איהר פרישער יונגער קערפער נאך מעהר גערייצט...

— מיר איז אזוי גוט! האט זי געזאגט, קוקענדיג אויף טא־באלצעוו׳ן מיט שטראהלענדע אויגען. — און איהר ווייסט, אנד ריושא? איך בין נאך קיין מאל אין מיין לעבען ניט געווען פערליעבט... כא־כא־כא! דאס אזי אזוי גוט! מען פיהלט זיך עפעס פריי, שטאלץ און צופריעדען... ניט צוגעבונדען צו קיינעם...

זיי זיינען ביידע אריינגעגאנגען אין פאדער־צימער. זיי זיי־נען דארט ביידע געווען אליין...

— אַ גוטע נאַכט, טאַניאַ! שלאָפט געזונט, און זאָלען אייך זיך חלום׳ען גוטע חלומות!

זי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— גוטע חלומות... כאַ־כאַ־כאַ! איך וועל אַנשלאָפען ווי אַ דער׳הרג׳עטע, און עס חלום׳ט זיך מיר קיין מאָל גאָר ניט!

פאַר׳ן אַוועקגעהן האָט ער זי נאָכגעפרעגט:

— נו, ווי דענקט איהר, טאַניאַ, בין איך נאָך דערזעלבער, וואָס געוועזן?

— אוודאי! — האָט זי ערנסט און אויפריכטיג געזאָגט, — און איהר ווייסט, אַנדריושאַ, אַז איך בין אַזוי צופריעדען דערפון, אַז איהר קענט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען! ווייל ווען איך וואָלט אייך פערלאָרען, וואָלט מיר דאָס גאַנצע לעבען ניט איינגעגאַנגען... איך האָב נאָך קיינמאָל אַזאַ אינטערעסאַנטען מענשען ווי איהר ניט געזעהן...

דערנאָך האָט זי אַזוי אָהן צערעמאָניעס אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף זיינע אַקסלען און איהם צוגערוקט די ליפען אַ קוש צו טהאָן...

אין דרויסען האָט טאַבאַלצעוו אַ צופריעדענער פעררויכערט אַ גוטען סיגאַר, זיך אַריינגעזעצט אין זיין קאַרעטע און געהייסען דעם קוטשער פאָהרען אַהיים אויף דער דאַטשע.

אויפ׳ן האַרצען איז איהם געוועזן גוט, האָט ער זיך אַזוי געמיטליך געקוקט אויפ׳ן הימעל און געקלעהרט, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל קיין פרוי ניט געגעבען אַזאַ פריינדליכען קוש ווי טאַניאַ׳ן.

אָבער וואָס וואָלט קאַטיאַ געזאָגט, ווען זי וואָלט דאָס געזעהן?... זי וואָלט דאָס אודאי אָנגענומען פאַר אַ געוואַלדיג גרויסען פערברעכען... און ניט נור זי — אַלע מענשען זיינען אַזוי. נו, וואָס־זשע קען ער זיך העלפען, אַז מענשען פערשטעהען ניט פון דאַנען אַהין און קוקען אויף אַלעס ניט אַזוי ווי מען דאַרף קוקען? זאָלען זיי...

זעקס און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

— אַנדרעי, איך װעל דיך בעטען, דו זאָלסט מיר טהאָן אַ טובה. — האָט ליזאַ אַמאָל געזאָגט טאַבאַלצעװ׳ן. — װעסטו מיר ניט אָפּזאָגען?

— דיר װעל איך קײנמאָל קײן זאַך ניט אָפּזאָגען. — האָט ער געענטפערט. — װאָס קען איך פאַר דיר טהאָן?

— איך װיל, אַז די בריעף און די טעלעגראַמען, װאָס איך דאַרף קריעגען, זאָלען אָנקומען אויף דײן אַדרעס אין באַנק... עס איז מיר ניט בעקװעם, אַז זײ זאָלען אָנקומען אַהער...

— אַהאַ! איך פערשטעה שוין: דו ערװאַרטעסט א י ה ם אין גיכען?

ליזאַ איז רויט געװאָרען און שעהמעדיג אַראָפּגעלאָזט די אויגען.

— יאָ, דאָס אויך... אָבער ניט ניר דאָס... איך בין שוין אויך געװאָרען אַ סאָציאַליסטקע און איך בעלאַנג שוין צו דער פּאַרטײ...

— װאָס? — איז ער געװאָרען איבערראַשט. — דו ביזט געװאָרען אַ סאָציאַליסטקע און בעלאַנגסט שוין צו דער פּאַרטײ?

— יאָ, יאָ. דאָס װאָס דו הערסט!.. און איך פערשטעה ניט, פאַרװאָס דו ביזט אַזױ איבערראַשט. װײסטו דען ניט, אַז איך האָב שוין אַ גאַנץ לאַנגע צײט געזוכט אָנצופּילען מײן לעבען מיט עט־װאָס שעהנעס און ערהאַבענעס?

אָט דער ענטפער איז איהם אַזױ געפעלען געװאָרען, אַז ער איז געװען גרײט צו צופאַלען צו איהר און אויסקושען איהר יע־דען אבר... װאָס פאַר אַ טהײערינקע זי איז! — האָט ער זיך גע־קלעהרט, — זי איז געװאָרען אַ סאָציאַליסטקע ניט דערפאַר, װאָס זי שװימט מיט׳ן שטראָם און טהוט נאָך אַנדערע, אויך ניט דער־

פאַר, וואָס זי האָט זיך פערליעבט אין אַ סאָציאַליסט, נור דער־פאַר, וואָס זי וויל אָנפילען איהר אייגען לעבען מיט „עפּעס שעה־נעס און ערהאַבענעס“. אָט דאָס הייסט אַן אינטערעסאַנטער מענש מיט אַ בענקענדער, שטרעבענדער נשמה!...

— און פאַרוואָס, זאָג מיר נור, אַנדריושאַ, זאָלסטו אויך ניט ווערען אַ מיטגליעד אין אונזער פּאַרטיי?

— ווייל, פערשטעהסטו מיך, ליזאָטשקאַ, איך בין אַן אַנדער מענש... איך בין ניט קיין העלד, איך קען קיין קעמפּפער ניט זיין...

אין אַ וואָך אַרום האָט טאַבאָלצעוו אָבגעגעבען ליזאַ'ן אַ בריעף און אַ טעלעגראַמע. און ווען זי האָט דאָס איבערגעלעזען, איז זי געוואָרען זעהר בלאַס.

„געשיקט זיך, אַז זי איז טאַקע אַזוי שטאַרק פערליעבט אין סטעפּאַן'ען?“ — האָט זיך טאַבאָלצעוו דעם קאָפּ געבראָכען און איז געוועהן זעהר אונרוהיג איבער דעם.

ביים עסען, ווען אַלע זיינען ביים טיש געזעסען, האָט ליזאַ געזאָגט דער שוויגער, אַז זי פיהלט זיך עפּעס ניט געזונד; ביי־נאַכט קען זי ניט שלאָפען און דער קאָפּ טהוט איהר עפּעס וועה, און דעריבער דענקט זי מאָרגען צוצופאָהרען אין שטאָדט אריין צו אַ גוטען דאָקטאָר. ווען זי האָט דאָס געזאָגט, האָט זי זיך אויף איהר מאַן אפילו ניט אומגעקוקט, גלייך ער וואָלט גאָר ניט עקזיסטירט פאַר איהר.

— אויב דו ווילסט, וועל איך דיך אונטערפיהרען. — האָט טאַבאָלצעוו איהר געזאָגט.

— גוט. — האָט ליזאַ צו איהם ליעבליך אַ שמייכעל געטהאָן.

— איך פאָהר זוכען אַ נייע וואָהנונג אין שטאָדט. — האָט זיך קאַטיאַ אויך אריינגעמישט. — אויב דו ווילסט, ליזאָטשקאַ, וועלען מיר דערנאָך שוין פאָהרען צוזאַמען אַהיים.

— ניין, דאָס איז ניט נויטיג, — האָט זיך ליזאַ אָנגערופען. — איך וועל דיר בלויז שטערען, ווייל ווען איך וועל פאַרטיג ווערען מיט'ן דאָקטאָר, וועל איך נאָך דאַרפען צוגעהן צו דער שניידערין...

איך וויל פאר זיך בעשטעלען א נייע קלייד... און צו וואס זאלסטו זיין צוגעבונדען צו מיר דעם גאנצען טאג און זיך פיהלען גע־שטערט? איך וועל זיך שוין בעסער אליין אומקעהרען אהיים...

און שפעטער, ווען זי איז צוזאמען מיט טאבאל־צעוו׳ן אין דער קארעטע געזעסען, פאהרענדיג אין שטאדט אריין, איז זי געווען זעהר נערוועז און שטארק אויפגערעגט.

— פון וועמען איז די טעלעגראמע, פון א י ה ם? — האט טאבאלצעוו שטיל און פארזיכטיג געפרעגט.

— יא... אבער דאס איז וועגען פארטיי אנגעלעגענהייטען.

זי האט פעסט א דריק געטהאן זיין האנד און זיך שוין געוואלט א כאפ טהאן צוריק, אבער ער האט שוין איהר האנד ניט אבגעלאזט און זי האט זיך ניט געוועהרט.

ווארים ווי אזוי האט זי זיך געקענט וועהרען, אז פאר יעדער צערטליכקייט וואס ער האט צו איהר ארויסגעוויזען, איז זי געווען גרייט מיט איהר לעבען צו בעצאהלען?...

אנגעטהאן איז זי דאן געווען אין א ווייסען קלייד און אין א הוט מיט זעהר ברייטע ראנדען, און דאס האט איהר זעהר שעהן געפאסט צום פנים.

— דו ווייסט, ליזא, ווען איך קוק אויף דיר, דאכט זיך מיר אויס, אז אין מיין נשמה הויבט עפעס אן זינגען...

ער האט טאקע געמיינט, וואס ער האט געזאגט, ווייל ווען ער האט אויף איהר געקוקט, האט ער גלייכגילטיג ניט געקענט בליי־בען.

איך וויל דיך עפעס בעטען, ליזא, — האט ער ווייטער גע־זאגט, ניט ארפעהמענדיג די אויגען פון איהר. — פאטאגראפיר זיך איצט און גיב מיר דיינע א בילד... אין אט דעם ווייסען קלייד, מיט אט דעם ברייטען העט ביזטו וואונדערליך שעהן. און אא בילד פון דיר וויל איך האבען...

אהיים געקומען איז ליזא זעהר, זעהר שפעט, און זי איז גע־ווען שטארק פערמאטערט.

— נו, וואָס האָט דיר דער דאָקטאָר געזאָגט? — האָט די שווינגער אונרוהיג געפרעגט.

— ער האָט מיר געהייסען יעדען טאָג קומען צו איהם און זיך מאַכען עלעקטרישע מאַסאַזשען — האָט זי געענטפערט.

— פאַרוואָס דארפסטו פאָהרען צו איהם? קען מען דען ניט אויספיהרען, אז ער זאָל קומען יעדען טאָג אהער?

— ניין, מאַמאַ, איך האָב בעשלאָסען צו פאָהרען צו איהם...

אויף א גאַנצען טאָג האָט זי זיך פערשלאָסען ביי זיך אין צימער און קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס זי טהוט דאָרט. און ארום צוויי א זייגער ביינאַכט, ווען פעאָדאָסיא איז געקומען פון איהר געליבטען, האָט זי געזעהן ווי ליזא דרעהט זיך נאָך אַלץ ארום אין איהר צימער א פערטראַכטע, און דערנאָך זעצט זי זיך אוועק ביים טיש און הויבט עפּעס אָן צו שרייבען אזוי שנעל.

אויף מאָרגען, ווען זי איז פון איהר צימער ארויסגעגאַנגען אָן אויסגעפּוצטע, גרייט צו פאָהרען אין שטאָדט אריין, האָט זי גע־זאָגט דער שוויגער, אז מען זאָל אויף דער נאַכט ניט וואַרטען אויף איהר מיט'ן עסען, ווייל זי וועט שוין בלייבען נעכטיגען אין שטאָדט... די שווינגער האָט אויף איהר דורכדרינגענד א קוק גע־טהאָן, געוואָלט עפּעס פרעגען, אָבער גאָר ניט געפרעגט.

ווידער איז זי צוזאַמען מיט טאַבאַלצעוו'ן אין דער פריה אין שטאָדט אריין געפאָהרען צווישען די צוויי רייהען הויכע גע־דיכט־בעצווייגטע סאָסנאָווע בוימער.

— וואָס איז מיט דיר, ליזאָטשקאַ? — האָט ער זי געפרעגט.

— פאַרוואָס ביזטו עפּעס אזוי אונרוהיג?

— ווייל עפּעס זאָגט מיר דאָס הארץ אז אן אונגליק קומט... זאָג מיר, א שטייגער, אנדריושאַ, ווען מען וואָלט מיך ארעסטירט, וואָלט דאָס אויף דער מאַמע געהאַט א שלעכטע ווירקונג? וואָלט זי זיך דאָס ניט גענומען צופיעל צום הארצען? ווי דענקסטו?

— נארישקייטען! און אפילו אויב יאָ, איז אויך ניט גע־פעהרליך... אין טורמע איז גאָר ניט אזוי שרעקליך ווי דו מיינסט...

אבי מען לעבט, טראָגט מען אַלעס אריבער... אָבער אקעגען וואָס, וואָלט איך געוואָלט וויסען, פרעגסטו דאָס?

— איך פרעג דאָס אקעגען דעם, וואָס ס׳איז בעשלאָסען גע־וואָרען אָבצולייגען ביי מיר אין הויז די אַלע פּראָקלאַמאַציעס און ביכלעך, וואָס געפינען זיך איצט אין קאָמיטעט... דו פערשטעהסט? פאַר זיך אַליין אַרט מיך ניט, אָבער איך האָב מורא אַז דורך דעם זאָל איך נאָך די מאַמע ניט אריינשלעפּען אין קיין אומגליק...

— דערפון האָסטו זיך אויך ניט וואָס צו זאָרגען. ווי איך פערשטעה, האָט שוין די מאַמע בעמערקט, אַז דו ביזט געוואָרען טהעטיג אין דער פּאַרטיי... פאַר איין וועגס וויל איך דיר שוין זאָגען, אַז פאַר דער אויפפּאַסערין פעאָדאָסיא זאָלסטו זיך שטאַרק היטען, ווייל איך האָב זעהר מורא, אַז זי האָט אַלע נייגונגען צו זיין אַ שפּיאָנקע... מיט דער מאַמען וויעדער דאַרף מען זיין אָפענהערציג. איך וויים, אַז זי האָט אי מיר אי פּאַטאַפּאָוו׳ן אזעל־כע זאַכען קיינמאָל ניט אָבגעזאָגט... און אויב דו ווילסט, וועל איך מיט איהר וועגען דעם ריידען.

טאַבאָלצעוו איז טאַקע געווען גערעכט. וואָרים ארויסגעווי־זען האָט זיך, אַז די אַלטע האָט גאָר ניט געהאַט נעגען דעם, אַז מען זאָל ביי איהר אין הויז די פערבאָטענע זאַכען בעהאַלטען. זי האָט אָבער פריהער אַליין געוואָלט ריידען וועגען דעם מיט ליזאַ׳ן.

איז ליזא אריינגעקומען צו איהר אין צימער, וואו דער גע־רוך פון שמעקעדיגע בלומען האָט זיך אַזוי שטאַרק געפיהלט, און ווייל זי האָט שוין געוואוסט, אַז די אַלטע האָט די ערלויבניס גע־געבען, איז זי פאַר איהר אויף די קניע געפאַלען און אוים דאנק־באַרקייט איהרע הענד געקושט.

מיט׳ן פּנים האָט זיך ליזא צוגעשפּאַרט צו דער אַלטער׳ס הענד. זי האָט קיין איינציג וואָרט ניט געקענט ארויסריידען. דאָס האַרץ האָט איהר אונרוהיג געקלאַפּט.

צערטליך און פערבענקט האָט די שוויגער געקוקט אויף ליזאַ׳ן. זי האָט געפיהלט, אַז זי, די שנור, איז געראָטען אין איהר, אַז זי איז אַזוי אונגליקליך ווי זי איז געווען אין איהרע יונגע יאָהרען,

ווען זי האט געלעבט מיט א מאן, וועלכען זי האט ניט ליעב גע־האט...

— זעץ זיך אוועק, טאכטער מיינע! — האט די אלטע גע־זאגט דער שנור, גלעטענדיג איהרע שווארצע האר צערטליך, ווי א מוטער צערטעלט איהר קינד.

ליזא האט זיך אוועקגעזעצט.

אויף ליזא׳ס פנים האט די קלוגע, סימפאטישע מאדאם טאבאלצעווא גלייך דערקענט, אז זי פיהלט זיך איצט גליקליך דערפון, וואס זי האט, א דאנק פאטאפאוו׳ן, א נייעם וועג אין לעבען געפונען. ערשט איצט האט זי פערשטאנען, ווי ניט קלוג עס איז געווען פון איהר זייט מיט א צייט צוריק צוצורייידען ליזא׳ן, אט די אונרוהיגע, שטענדיג פערבענקטע נשמה, זיך אונטערצור־געבען דעם שיקזאל און לעבען פריעדליך מיט אזא גארניט, ווי איהר זוהן ניקאלאי איז... ערשט איצט האט זי פערשטאנען, פאר־וואס ליזא קען זיך פיהלען גליקליך, כאטש אנדרעי האט חתונה געהאט מיט אן אנדערער... עס איז פאר איהר איצט נאך מעהר ווי אלע מאל געווען קלאהר, אז די דאזיגע פערבענקטע נשמה קען זיך ניט צופריעדענשטעלען מיט געוועהנליכע וואכעדיגע זאכען, ווייל זי גארט אנצופילען איהר לעבען מיט א שעהנעם, גרויסען אידעאל... וואס פאר א טהייערע שנור דאס איז!...

— נו, ליזאטשקא, — האט איהר די אלטע ליעבליך געזאגט, — איך האב גאר ניט געגען דעם. דו ביזט א דערוואקסענער מענש און קענסט טהאן וואס דו ווילסט. אבער דאס דארף זיין א סוד... קיינער טאר דערפון ניט וויסען... אפילו קאטיא׳ן זאלסטו דאס ניט דערצעהלען... ווארים דו פערשטעהסט דאך אליין, אז אין אזעלכע זאכען דארף מען זיין זעהר פארזיכטיג... און זאג מיר נור, טאכטער מיינע, מיט איהם, מיט פאטאפאוו׳ן זעהסטו זיך די לעצטע צייט? וואו איז ער איצט?

— ער איז דא. — האט ליזא געענטפערט, ניט אויפהויבענ־דיג די אויגען.

— גיב איהם איבער א פריינדליכען גרוס פון מיר! איך

האלט פון איהם זעהר שטארק, ליזאטשקא... ער איז, זאג איך דיר, א גרויסער מענש, זעהר א גרויסער מענש! מיר קענען זיך צו איהם ניט גלייכען... ווען דו וועסט איהם זעהן, זאלסטו איהם זאגען, אז ער קען ביי מיר אין הויז בעהאלטען וואס ער וויל און וויפיעל ער וויל פון די זאכען, וואס מען טאר ניט האלטען...

— מאמא, מיר וועלען דארטען ביי אייך אין הויז אפהאלטען פערזאמלונגען, וועט איהר גאר ניט האבען געגען דעם?

— פאר וואס זאל איך עפעס האבען געגען דעם? סיי ווי סיי וואהנט דאך דארטען קיינער ניט, ווען מיר זיינען דא אויף דער דאטשע...

— איך מוז אייך אבער פריהער זאגען, מאמעניו, אז דאס שמעקט מיט געפאהר... די פאליציי קען נאך פאלען אויפ'ן סליאד און עס קען נאך קומען דערצו, אז מען זאל מיך ארעסטירען און פערשיקען קיין סיביר...

די אלטע האט זיך אזש א ווארף געטהאן פאר שרעק און מיט א פאר מינוטען שפעטער האט זיי געפרעגט:

— נו, און דיר, ליזאטשקא, וועט דאס ניט באנג טהאן אויב מען וועט דיך אין סיביר פערשיקען?

— ניין, — האט ליזאטשקא דרייסט געענטפערט.

ביידע, די שוויגער און די שנור, האבען זיך מיט ליכטיגע פריידענס-בליקען איבערגעווארפען און אזוי ליעבליך איינע צו דער אנדערער געשמייכעלט.

— אויב מען וועט דיך, טאכטער מיינע, פערשיקען קיין סיביר, — האט די אלטע מאדאם טאבאלצעווא מיט א ציטערדיגער שטימע געזאגט, — וועסטו דארטען ניט זיין אליין... דארט וואו דו וועסט זיין, וועל איך אויך זיין... אהן דיר וועל איך ניט בלייבען... סיי ווי סיי איז מיר שוין ניט געבליבען קיין סך צו לעבען אויף דער וועלט... אין שטארבען איז אלץ איינס — דא אדער דארט, אין סיביר...

מיט קיין ווערטער האט ליזא ניט געקענט אויסדריקען דעם

װאַרימען געפיהל צו דער שװיגער. האָט זי זיך אָנגעבױגען און זי װיעדער אַ קוש געטהאָן אין דער האַנד.

איידער ליזאַ איז אַרױסגעגאַנגען, האָט די שװיגער זי געפרעגט:

— נו, און געלד האָסטו שױן עפּעס אַ סך געגעבען פאַר דער פּאַרטיי?

— זעהר װעניג, מאַמעניו. בלױז אַ פינף טױזענד רובעל... איך װאָלט געגעבען מעהר, האָב איך מורא פאַר ניקאָלאַי׳ען.

— פאַר איהם דאַרף מען מורא האָבען, — האָט די אַלטע צוגע־געבען. — װען ער װאָלט זיך דערװאוסט, אַז דו גיסט אַװעק געלד, װאָלט זיך געטהאָן חושך... צוליעב געלד װאָלט ער דיך ניט נאָר גע׳מסור׳ט, נאָר אַפילו מיך אויך, זיין אייגענע מוטער...

— פון דעסטװעגען װעל איך מוזען אַראָפּנעהמען פונ׳ם קאַפּי־טאַל און געבען נאָך אַ פּאָר טױזענד רובעל... װייל מיר דאַרפען יעצט האָבען זעהר אַ סך געלד... און איך װעל אייך טאַקע בעטען, מאַמוניו, אַז װען עס װעט מיר אױסקומען ענג און איך װעל פאַר ניקאָלאַי׳ען ניט קענען װייזען קיין ריכטיגען חשבון פון דעם קאַפּי־טאַל, זאָלט איהר מיר אַ טובה טהאָן.

— דאָס געװיס! — האָט די אַלטע צוגעזאָגט.

צװיי װאָכען נאָכאַנאַנד איז ליזאַ יעדען טאָג געפאָהרען אין שטאָדט אַריין, און פאַר דער צייט איז זי בעפריינדעט געװאָרען מיט פעקלאַ׳ן, נאַטאַשאַ׳ן, קאָװשינאָװאַ׳ן און מעהרסטענטהיילט האָט זי ליעב געהאַט צו פערברענגען מיט דער מאַדאַם בעזסאָנאָװאַ. עס איז איהר שטאַרק געפעלען געװאָרען איהר ענערגיע, איהר מוטה, איהר דרייסטקייט; װי זי נעהמט אויף זיך די געפעהרליכסטע אַר־בייטען און טהוט דאָס אַזױ לייכט, מיט אַזאַ גרינגע האַרץ, פּונקט װי אַ רייכע דאַמע בעשטעלט פאַר זיך אַ נייע קלייד...

איינמאָל איז די מאַדאַם בעזסאָנאָװאַ געקומען צו איהר צו גאַסט, האָבען זיי זיך ביידע אַװעקגעזעצט ביים טיש לעבען אַ זודי־גען סאַמאָװאַר און געטרונקען טהעע.

די בעזסאָנאָװאַ האָט איהר ערצעהלט זעהר אינטערעסאַנטע

זאכען וועגען איהרע קינדער־יאָהרען; ווי זי איז ערצויגען געוואָרען ביי איהר מוטער, אַן אָרימע אלמנה, וועלכע האָט געוואָהנט ביי די ברעגעס פון טייך לענא, וואו די נאַטור איז וואונדערבאַר שעהן; ווי זי איז טהעטיג געוואָרען אין דער בעוועגונג און מיט וואָס פאַר אַ אינטערעסאַנטע מענשען זי האָט זיך בעגעגענט.

— זייט איהר פערהייראַט? האָט איהר קינדער? — האָט ליזא געפרעגט.

אויף דער בעזסאָנאָוואַ׳ס פּנים האָט זיך אַ שאָטען פון אומעט פערשפּרייט.

— יא, איך בין פערהייראַט און האָב קינדער. אָבער אַזעלכע פרויען ווי איך זיינען ניט בעשאַפען געוואָרען צו לעבען אַ פאַמיליען לעבען... וואָס פאַר אַ ווייב בין איך, אַז ווי דער טאָג איז גרויס, לויף איך אַרום און בין פערנומען מיט פאַרטיי־אנגעלעגענהייטען בלויז אַזאַ שטיקעל מאַן ווי מיינער וויל דאָס ליידען און בעקלאָגט זיך ניט. נאָר מיינע קינדער האָב איך זעהר ליעב... איהר ווייסט? ניט איינמאָל טרעפט, אַז איך געה אין דער פריה אַוועק פון דער היים און קום ערשט שפּעט אין דער נאַכט, ווען די קינדער שלאָפען שוין... עס רייסט מיר דאָס הארץ קוקענדיג אויף זיי, ווי זיי ליעגען זיך אַזוי ווי מלאכים׳לעך און אַטהעמען! און איך האָב אין דער זעלבער צייט אַזוי פיעל פערגניגען קוקענדיג אויף זיי! קינדער זיינען אַ נחת און אַ פרייד אין לעבען...

די בעזסאָנאָוואַ האָט איהר אויך דערצעהלט, ווי זי איז צוזאַמען מיט איהר געווען פערשיקט אין סיביר. און דערצעהלט האָט זי ניט ווי איינע וואָס קלאָגט זיך דערויף, וואָס זי האָט גרויסע צרות אין איהר לעבען אריבערגעטראָגען, נאָר ווי אַ מענש, וואָס איז צופריעדען פון די זעלטענע איינדריקע, וואָס ער האָט אין אַ רייזע געהאַט.

— אָך, דאָס איז געווען אַזוי אינטערעסאַנט! — האָט די בעזסאָנאָוואַ מיט בעגייסטערונג געזאָגט — מיר זיינען געפאָרען אין שליטעלעך, געשלעפּט פון הינט, פון פערד; מיר זיינען געפאָהרען אויף אַ שיף, מיט׳ן באַהן, געגאַנגען צו פוס. דאָס איז

שוין געווען איינמאָל אינטערעסאנט! און ווען מיר זיינען געקומען אהער, האָב איך זיך ווידער גענומען צו דער ארבייט. מיין מאַן קען שוין מעהר ניט זיין טהעטיג, ווייל דאָס לעבען אין סיביר און אין די טורמעס האָט איהם שטארק אויסגעמאטערט און ער איז אין גאנצען שוין אַ צובראָכענער שארבען... אָבער איך האָב נאָך אין זיך גענוג מוטה, ענערגיע און דרייסטקייט, און איך בין גליקליך דערמיט, וואָס איך קען נאָך עפּעס אויפטהאָן.

— איך בין אייך אזוי מקנא! — האָט ליזא געזאָגט, אָפּ־זיפצענדיג שווער.

זי איז צוגעגאנגען צום פענסטער, זיך אוועקגעזעצט, ארומ־נעהמענדיגביידע קניע מיט די הענד, און דערביי האָט זי זיך געקלערט אזוי:

„צו אזא פרוי האָב איך זיך ניט וואָס צו גלייכען! צו אזא הויכער מדרגה וועל איך קיינמאָל ניט קומען! איך בין גאָר ניט אין פערגלייך מיט איהר"...

איידער די בעזסאָנאָווא איז אוועקגעגאנגען האָט איהר ליזא אָפענהערציג געזאָגט, אז זי געפעהלט איהר זעהר. יענע האָט איהר אויך דאָס זעלבע געזאָגט און איהר פערשפּראָכען איבער אכט טאָג ווידער צו קומען, אויב מען וועט זי נאָר ניט ארעסטירען פאר דער צייט...

אין דער וואָך האָט זיך ליזא יעדען טאָג געזעהן מיט איהרע נייע פריינדינעס, זי האָט זיך מיט דעם גרעסטען אינטערעס צוגע־קוקט צו זייער טהעטיגקייט צו זייער ארבייט אין דער פּארטיי און צו דעם ווי זיי בעציהען זיך צו זייער ארבייט. און וואָס מעהר זי האָט זיך צו זיי צוגעקוקט, אַלץ מעהר האָט זי זיך איבערצייגט, אז צווישען זייער טהעטיגקייט און איהר טהעטיגקייט איז אַ גרוי־סער אונטערשיעד... ביי זיי איז די בעוועגונג דאָס לעבען, און ביי איהר איז דאָס אַ שעהנער אידעאַל...

„פאר וואָס זאָל איך ניט קענען זיין אזוי ווי זיי?" — האָט זי מיט פערדרוס געקלערט.

זיעבען און צוואנציגסטער קאפיטעל

אין א וואך ארום איז פאטאפאוו גאר אונגעריכטערהייד גע־קומען צו ליזא׳ן.

זי האט זיך שטארק דערפרעהט און איז איהם אנטקעגען געלאפען, און ער האט זי פעסט ארומגענומען און בעדעקט איהר פנים מיט הייסע קושען.

— ווי קומסטו אהער אזוי אונגעריכטערהייט, סטיאפוש־קא? — האט זי אן איבערראשטע איהם געפרעגט. — ביזטו שוין לאנג דא אין שטאדט?

— ניין, איך קום אקארשט אן פונ׳ם באהן, — האט ער געענטפערט. — דער מיניסטער פאן־פלעהווע איז דער׳הרג׳עט. דו ווייסט דאס גאר ניט? מען פערקויפט דאך שוין עקסטראס אין גאס.

פאטאפאוו איז געווען זעהר נערוועז און אויפגערעגט. ער האט קיין זאך אין מויל אריין ניט געקענט נעהמען. ווי א לייב אין שטייג איז ער איבער׳ן צימער ארומגעלאפען הין און צוריק און נערוועז איין האנד אן דער אנדערער געריבען...

— יא, יא, — האט ער ווי צו זיך אליין גערעדט. — מיר סאציאליסטען זיינען טאקע געגען גוואלד־טהאטען... אודאי זיינען מיר געגען דעם... אבער אזעלכע סוואלאטשעס... דאס איז גאר עפעס אנדערש...

— ניין, ניין, סטיאפושקא, — איז זי איהם אריינגעפאלען אין די רייד. — אפילו סוואלאטשעס טאר מען אויך ניט דער׳־הרג׳ענען... פערגיסען בלוט טאר מען ניט...

ער איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער, קוקענדיג אויף איהר עטוואס תמ׳עוואטע עס איז געווען קענטיג, אז זיינע געדאנקען זיינען איצט ערגעץ גאנץ ווייט פון דאנען.

— לאָמיר איצט וועגן דעם ניט ריידען, ליזאַטשקאַ. — האָט ער כמעט בעטענדיג געזאָגט. — דערצעהל מיר בעסער וועגן זיך... וואָס מאַכסטו? ווי פערברייננגסטו די צייט?

— מיר געפעלען זעהר די פרויען, מיט וועלכע איך בין דורך דיר בעקאַנט געוואָרען, — האָט זי געענטפערט. — און אין דער מאַדאַם בעזסאָנאָווא בין איך גאָר פערליעבט. דאָס איז אַ זעלטען מוטהיגע און אינטערעסאַנטע פרוי!

— יאָ, יאָ, דאָס איז אמת, — האָט ער צוגעגעבען. — ווען אין אונזער סאָציאַליסטישער פּראָגראַמע וואָלט ניט געווען דער פּונקט וועגען גלייכע רעכטע פאַר פרויען, וואָלטען מיר דאָס געדאַרפט אריינעהמען צוליעב די פערדיענסטען פון היינטיגע פרויען... אָבער, ליזאַטשקאַ, איך קען איצט קיין ערנסטע געשפּרעכען ניט פיהרען. איך בין אַזוי מיעד, אַז קוים וואָס איך שטעה אויף די פיס... זיי אַ גוטינקע און דערלאַנג מיר אַ גלאָז טהעע.

זי האָט איהם דערלאַנגט אַ גלאָז טהעע און אַוועקזעצענדיג זיך אַקעגען איהם, פאַרלעגט אַ פוס איבער אַ פוס, האָט זי זיך פאַרקלערט און דערביי האָט זי יעדע ווייליע געכאַפּט אַ קוק אויף איהם.

פאַר די צוויי וואָכען, וואָס זי האָט איהם ניט געזעהן, איז ער שרעקליך אַ תל געוואָרען. זיינע ליפּען זיינען געווען בלאַס, אונטער די אויגען האָבען זיך ביי איהם בלויע צייכענס פערשפּרייט, און מען האָט גלייך געקענט זעהן, אַז ער איז טויט־מיעד.

זי האָט זיך נאָך מעהר צוגעקוקט צו איהם און דערזעהן, אַז ער האָט איינגעשלאָפען זיצענדיג אַזוי אויפ'ן שטוהל. זיינע ליפּען, האָט זי געזעהן, האָבען זיך ווי פון זיך געעפענט, די שטריכען פונ'ם פּנים האָבען זיך צוצויגען, דער ענערגישער אויסדרוק איז פערשוואונדען. און ליזאַ האָט פאַר זיך דערזעהן אַ גאַנץ געוועהנליכען פּנים פון אַ מאַנסביל, פערשמוצט, ניט ארומגעוואשען און בעוואַקסען מיט אַ באָרד...

אַ סקרוך איז איהר איבער'ן גאַנצען לייב דורכגעלאָפען, ווען זי האָט איצט זיין פּנים דערזעהן... ווי שמוציג און פערשטויבט ער

איז איצט! ווען ער האָט זי פריהער געקושט, האָט זיך פון איהם דער שוויים געפיהלט... דער קאָלנער פון זיין העמדעל איז פערשווייסיגט, די שטיוועל אויף זיינע פיס זיינען פול מיט שטויב און די נעגעל פון די פינגער זיינען ביי איהם פול מיט בלאָטע... און אָט אזא אָ ווי ער איז האָט זי געקושט... עס ליגט איהם גאָר ניט אין זינען איהר געפעלען צו ווערען... מען דערקענט גלייך, אז ווען ער איז אהער געפאָהרען, איז איהם אפילו אויף דער מינדעסטער מחשבה ניט געקומען, אז ער דארף זיך אָנטהאָן אזוי, אז ער זאָל איהר געפעלען...

און דאָס האָט איהר וועה געטהאָן, כאָטש זי האָט דאָס ניט געוואָלט...

שטעהענדיג אזוי ביים טיש מיט א טהעע־לעפעלע אין האנד, האָט זי, ווי איהר שטייגער איז געווען אלע מאָל, זיך גענומען פלאָנטערען אין איהרע אייגענע געפיהלען און עס איז ביי איהר אויסגעקומען, אז פון דער ווייטענס, ווען זי זעהט איהם ניט, האָט זי איהם מעהר ליעב... ווען ער איז נישטאָ, טרוימט זי וועגען איהם מיט אזוי פיעל ליידענשאפט, מיט אזא ברען... זי שטעלט זיך פאָר ווי גוט עס וועט איהר זיין ווען ער וועט קומען, ווי זי וועט אין זיינע צערטליכקייטען אין גאנצען פערגעסען... אָבער ווען ער קומט, ווען זי דערזעהט איהם, איז עפּעס נישט דאָס... אפילו ווען זי גיט זיך איהם איבער, פיהלט זי ניט די ליידענשאפט, וואָס זי וואָלט פיהלען, וואָס זי וואָלט געקענט פיהלען... און וואָס איז דער חידוש? אז ער איז פאָרט אזא מענש, וואָס ליעבע פּאסט איהם גאָר ניט!... און זי האָט אזוי געוואָלט, אז איצט זאָל ער זי ניט ברייננגען דערצו, אז זי זאָל זיך איהם איבערגעבען...

מיט אמאָל האָט ער געטהאָן אַן עפען די אויגען און דערזעהענדיג ווי זי שטעהט אזוי און קוקט אויף איהם, האָט ער פאַרלעגען א שמייכעל געטהאָן:

— געשיקט זיך אז איך האָב טאַקע געכאפּט א דרעמעל? נו, ענטשולדיג מיר, ליזאַטשקאַ. איך בין זעהר מיעד. פאַר די לעצטע צוויי וואָכען בין איך מעהר ווי דריי שטונדען א נאכט

ניט געשלאָפֿען... איך בין איבער דעם געוואָרען אַזוי נערוועז, ווי אַ צובלאָזעטע דאַמע.

דאַ האָט ער זיך פֿרעהליך פֿאַנאַנדערגעלאַכט, צוגעגאַנגען צום טיש און זיך אַ ציה געטהאָן אַזוי מיט זיין גאַנצען ריעזיגען קערפּער, אַז די ביינער האָבען איהם אַזש געטרעשטשעט. און מיט זשעדנע אויגען האָט ער אַ קוק געטהאָן אויף ליזאַ'ן.

זי האָט זיין בליק ניט געזעהן, אָבער האָט איהם געפיהלט. און דאָס איז שוין פֿאַר איהר גענוג צו פֿערשטעהן, אַז דער היינטיגער וויזיט וועט זיך ענדיגען פּונקט אַזוי ווי די פֿריהערדיגע.

פּאַטאַפּאָוו האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט און ווי זי איז אַזוי מיט דער פּלייצע צו איהם געשטאַנען, האָט ער זי געטהאָן אַ כאַפּ אַרום און איהר אַ קוש געטהאָן אין האַלז און נאַקען. זי האָט זיך ניט געוועהרט.

— טרינק די טהעע... עס ווערט קאַלט, — האָט זי איהם דערמאָנט.

— ליזאַ... — האָט ער שטיל ליידענשאַפֿטליך אַ שעפּטשע געטהאָן און מיט דער האַנד אָנגענומען איהר ברוסט...

האָט זי איהם פֿאַר דער האַנד אָנגענומען, זיך פֿערקרימט און געזאָגט:

— סטיאָפּושקאַ, מען דאַרף פֿריהער די האַנד אָפּוואַשען... דו ביזט דאָך איצט אַזוי שמוציג!...

ערשט דאַן האָט ער זיך דערמאַנט, אַז ער איז טאַקע צו שמוציג, און ווען ער האָט זיך אויף די נעגעל אַ קוק געטהאָן און דערזעהן ווי שוואַרץ זיי זיינען, האָט ער זיך אַזש פֿערשעהמט.

— יאָ, איך בין טאַקע שמוציג ווי אַ קוימענקעהרער, צום שוואַרצען יאָהר זאָל דאָס געהן! אפשר קען איך זיך דאָ ערגעץ אַרומוואַשען?

געזאָגט האָט ער דאָס כלומר'שט ווי אַ היימישער מענש און דערביי האָט ער זיך אַלץ געסטאַרעט צו זיין גלייכגילטיג ווי

מעגליך, אָבער עס האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען. זיין שטימע האָט געציטערט און עס איז איהם געווען שרעקליך אונאָנגענעהם, וואָס ער איז אַזוי שמוציג און פערשטויבט, אין דער צייט ווען זי זיצט דאָ אין גאַנצען אָנגעטהאָן אין ווייסען, אַזאַ ציכטיגע, אַזאַ זויבערע...

ער האָט זיך ארומגעוואַשען, אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפען. ווען ער האָט זי דערנאָך ווידער אַ קוש געטהאָן אין די ליפּען, האָט זי געדענקט, וואָס פאַר אַ טעם טאַבאַקצעווע'ס ווייבע ליפען האָבען און ווי עס שמעקט פון זיין קערפּער...

אַליין ניט בעמערקענדיג דאָס, האָט זי איהם פון זיך אָפּגע־שטויסען, און ווען ער האָט אויף איהר אין יענעם מאָמענט אַ קוק געטהאָן און דערזעהן ווי זי פערשטעלט זיך דאָס פּנים מיט ביידע הענד, האָט ער גלייך דערפיהלט אַז ער איז איהר נמאס...

זי איז דאַן עפּעס אַזוי אונטערטהעניג אויף דער ווייכער זאָפע געלעגען, און ווי זי וואָלט גאָר קיין דעה ניט געהאַט איבער זיך אַליין, געוואָלט וואָס גיכער איבערקומען דאָס וואָס זי מוז... ער האָט דאָס פון איהרע אויגען ארויסגעלעזען, האָט זיך געגעבען אַ שפּאַר צוריק פון דער זאָפע, גלייך פאַר איהם וואָלט ניט גע־לעגען קיין שעהנע פרוי, נאָר אַ בייזע שלאַנג, וועלכע וויל איהם אַ ביס טהאָן גלייך אין הארצען אריין... אָטהעמענדיג שווער, איז ער געשטאַנען מיט ברייט פאַנאַנדערגעעפענטע אויגען און גע־האַלטען אין איין קוקען אויף איהר.

ווען זי האָט די אויגען געעפענט און דערזעהן ווי ער קוקט אויף איהר, האָט זי זיך דערשראָקען. מיט אַמאָל האָט זי זיך אויפ־געזעצט, ארונטערגעלאָזט די פיס, צורעכט געמאַכט די האָר, נער־וועז זיך גענומען ארומקוקען אין אַלע זייטען, און ווען זי האָט דערזעהן, ווי ער האָט זיך געגעבען אַ זעץ אַוועק אויפ'ן שטוהל און זיך פערשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענד, האָט זי פער־שטאַנען, אַז אַ נייער אונגליק קומט אָן... און זי האָט איהם שוין אויך פערלאָרען...

— סטיאָפּושקאַ! — האָט זי פון גרויס אויפרעגונג קוים

אַרויסגערעדט. — זיי ניט בייז אויף מיר! איצט טאָר מען ניט, ווייל... איך בין קראַנק...

ער האָט גאָר ניט געענטפערט, ווייל ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָס איז ניט מעהר ווי אַן אויסרייד...

זי איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו איהם נאָהענט, ווי אַ פאַרווירטע, די פינגער פון די הענד געבראָכען אַן אַליין ניט געוואוסט וואָס איהם צו זאָגען... ער האָט מיט'ן גאַנצען קערפּער געציטערט. אָבער זי האָט געפיהלט, אַז דאָס ציטערט ער שוין ניט פון דעם בעגעהר זי צו האָבען, אַז די ליידענשאַפט אין איהם איז שוין אַוועקגע'הרג'עט...

— פאַרוואָס האָסטו מיר פריהער ניט געזאָגט, אַז איך בין דיר נמאס? — האָט ער צו איהר געהאַט אַ טענה.

געענטפערט דערויף האָט זי איהם גאָרניט, ווייל זי האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען, איז זי פאַר איהם אויף די קניע געפאַלען און גענומען קושען זיינע הענד.

דאָס האָט איהם נאָך קלאָרער בעוויזען, אַז זי האָט איהם ניט ליעב, האָט ער זי צערטליך אויפגעהויבען, זי אַוועקגעזעצט אויף אַ שטוהל און אַליין האָט ער, אַן אויפגערעגטער, גענומען שפּאַנען איבער'ן צימער הין און צוריק.

— אָפּנאַרען — דאָס דאַרף מען ניט! — האָט ער ווי פאַר זיך געזאָגט. — ליגען זאָגען איינער דעם אַנדערען — דאָס איז ניט נויטהיג!... איך דענק, אַז מיר זיינען גוטע פריינד, מיר האָבען איינער פאַר'ן אַנדערען געגוג אַכטונג, און מיר קענען זיך בעגעהן אָהן ד ע ם אויך... דו ביזט ניט מיין פרוי און איך האָב קיין רעכט ניט אויף דיר... אָבער פאַרוואָס האָסטו מיר פריהער ניט געזאָגט, אַז איך בין דיר נמאס?

— סטיאָפּושקאַ! — האָט זיך ביי איהר פון האַרצען אַ געשריי אַרויסגעריסען. — סטיאָפּושקאַ!

קיין ווערטער האָט זי ניט געהאַט. זיי זיינען ביי איהר אין האַלז דערשטיקט געוואָרען, ווייל פון דעם געדאַנק, אַז איצט איז שוין אַלעס פערפאַלען, אַז מעהר וועט ער זי שוין ניט צערטלען און

זי וועט ווידער בלייבן אזוי עלנד ווי פריהער, איידער זי האָט איהם דערקענט — פון דעם געדאַנק איז איהר אויפ'ן הארצען גע־וואָרען אזוי שווער, אז אַ פּחד איז אויף איהר אזש געפאַלען.

ער האָט גענומען זיין היטעל, וואָס איז אויפ'ן טיש געלעגען.

— סטיאָפּושקאַ, דו געהסט שוין אוועק? — האָט זי איהם געפרעגט און איהרע ליפּען זיינען אזש ווייס געוואָרען.

— יאָ, שוין צייט...

— און ווען וועלען מיר זיך נאָך אמאָל זעהן?

— דאָס קען איך ניט וויסען... איך פאָהר אין גאַנצען אוועק פון מאָסקווא...

— ווען?

— היינט אויף דער נאַכט...

— וואוהין? און ווען וועסטו קומען צוריק?

— איך ווייס ניט... איך קען קיינמאָל ניט וויסען, ווען איך וועל קומען צוריק...

אין דעם מאָמענט איז שוין ליזא געווען גרייט צוצופאַלען צו איהם און איהם בעטען, אז ער זאָל זיך פון איהר ניט דער־ווייטערען, אז זי זאָל ווייטער זיין זיינע. אָבער זי האָט ניט גע־וואוסט, אז ער וועט זי אָבשטויסען פון זיך און אזוי קאַלט זאָגען: „אָפּנאַרען — דאָס דאַרף מען ניט!" זי האָט געהאַט דאָס געפיהל ווי זי וואָלט אין טיעפען תהום געזונקען...

— סטיאָפּושקאַ! — האָט זיך פון הארץ ביי איהר אַ שלוכץ ארויסגעריסען. — פערגיעב מיר! איך בין אַ אונגליקליכער מענש!...

— אויב דו ביזט אונגליקליך, — האָט ער ווייך און אנגסטליך געזאָגט, — וויל איך ניט אז איבער מיר זאָלסטו זיין נאָך מעהר אונגליקליך... איך זעה, אז איך בין פאַר דיר פּשוט... נו, מילא, וואָס קען איך טהאָן, אז איך קען פאָרט קיין קאַוואַליער ניט זיין!... אָבער וואָס ס'איז געווען איז פערפאַלען... פון היינט אָן און ווייטער איז אויס!...

— ווילסטו מיך אוועקוואַרפען?

— חלילה! ווי קען דיר גאָר אַזאַ זאַך איינפאַלען?! אונז פעראייניגט ניט נור די ליידענשאַפט... מיר זיינען דאָך געגאַסען אויך...

ער איז אַוועק און איהר אפילו קיין קוש ניט געטהאָן.

צוויי שטונדען נאָכאַנאַנד איז זי נאָך זיין אַוועקגעהן געזעסען אויף איין אָרט און געפיהלט ווי דער קאָפּ ווערט איהר שיער ניט צושאָסען פון די געדאַנקען וואָס פּלאָנטערען זיך דאָרט.

אהיים פאָהרען אויף דער דאַטשע האָט זי ניט געקענט. די שוויגער האָט זיך שוין אָנגעהויבען בעאונרוהיגען, האָט זי געשיקט נאָך טאַבאַלצעוו'ן זעהן וואָס ס'האָט מיט איהם פּאַסירט.

ווען טאַבאַלצעוו איז אַריינגעקומען און דערזעהן ווי בלאַס און צוטומעלט ליזאַ איז, האָט ער זיך אַזש דערשראָקען.

— וואָס איז דיר, ליזאַ? ביזט עפּעס ניט געזונד? — האָט ער זי געפרעגט.

און ווען זי האָט איהם דערויף גאָרניט געענטפערט, האָט ער זיך נאָך מעהר דערשראָקען און ווייטער געפרעגט:

— וואָס איז דיר, ליזאַ? מען האָט א י ה ם ארעסטירט?

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז מען האָט איהם ארעסטירט? — האָט זי ווי אַ ווילדע געגעבען אַ געשריי. — פון וואַנען ווייסטו דאָס?

— איך וויים גאָרניט. איך פרעג דיך צי מען האָט איהם ארעסטירט... קום אהיים, ליזאַ, דו ביזט קראַנק...

דערפון אַליין, וואָס זי האָט טאַבאַלצעוו'ן געפיהלט לעבען זיך און אויך דערפון, וואָס זי האָט זיין אנגענעהמע שטימע געהערט, איז איהר געוואָרען גרינגער, און איינגורענדיג דאָס פּנים אין קישען, האָט זי זיך אַזוי צוכליפּעט, אַז עס האָט אַזש ביים הארצען געריסען.

איהר געוויין האָט איהם שטאַרק געריהרט. ער האָט זעהר געוואָלט וויסען פאַר וואָס זי וויינט, וואָס זי האָט דאָ איבערגעלעבט. אָבער זי האָט איהם בשום אופן קיין זאַך ניט געוואָלט דערצעהלען.

זי איז געווען אזוי נערוועז און קאפריזנע, אז טאבאָלצעוו האָט ביי איהר קיין טאָלק ניט געקענט דערגעהן, און ער איז אוועק צוריק אָהן איהר.

א גאַנצען טאָג האָט זי געוואַרט אז פּאָטאפּאָוו זאָל קומען צוריק. ביי זיך האָט זי אָבגעמאַכט, אז אויב ער וועט ניט קומען איז אַ סימן אז ער האָט זי מעהר ניט ליעב און אַלעס איז אויס. עס איז נאַכט געוואָרען און ער איז ניט געקומען. און אויב ער איז ניט געקומען, טאָ וואָס־זשע בלייבט איהר איבער אין לעבען? איז זי דאָך ווידער עלענד און אונגליקליך...

איילענדיג האָט זי זיך אָנגעטהאָן, געכאַפּט אַ קאַרעטע און איז אוועק צום קורסקער וואָקזאַל. דאָרטען איז זי ווי אַ פּערי־סם׳טע מויז ארומגעלאָפען איבער דער פּלאַטפּאָרמע, געקוקט אין אַלע וואַגאָנעס, און ווען זי האָט איהם אין ערגעץ ניט געזעהן, איז זי אוועק צום ניקאָלאַיעווסקי וואָקזאַל, זיך ארומגעדרעהט דאָרטען אפשר צוויי שטונדען, געוואַרט ביז דער לעצטער באַהן איז אוועק, און ווען זי האָט איהם דאָרט אויך ניט געזעהן, האָט זי געהייסען דעם פוהרמאַן ער זאָל זי אָבפּירען אהיים. דאָרט איז זי אַ גאַנצע נאַכט אָבגעלעגען ביי זיך אין צימער, איינגענורעט דעם קאָפּ אין קישען און אַלץ געוויינט.

זי וואָלט זיכער געווען בעגאַנגען זעלבסטמאָרד, אָבער דער געדאַנק, אז פּאָטאפּאָוו וועט זאָגען, אז זי איז אַ טרוס, האָט זי אָבגעהאַלטען דערפון...

ערשט אויפ׳ן צווייטען טאָג איז זי צוזאַמען מיט טאַבאָל־צעוו׳ן געקומען אהיים אויף דער דאַטשע. ווען מען האָט זי דער־זעהן, האָט מען שוין גאָר ניט געצווייפעלט אין דעם, אז זי איז טאַקע ערנסט קראַנק.

אין הויז האָט מען דאַן גערעדט וועגען דעם, וואָס דער מיניסטער פאָן־פּלעהווע איז דער׳הרג׳עט געוואָרען.

ניט ריידען וועגען דעם איז געווען אַן אונמעגליכע זאַך, ווייל אַלעמען האָט זיך געדוכט, אז דאָס איז אַן אָנזאָג אויף אַ שטורם, וואָס וועט אין גיכען אויסברעכען...

— דאָס האָט איהם אודאי אַ זשיד (איד) דער׳הרג׳עט, — האָט זיך קאַפּיטאַן ארויסגעזאָגט זיין מיינונג.

— ווער דען וועט הרג׳ענען אַ מיניסטער אויב נים אַ „זשיד"?

— האָט קאַטיאַ פון איהר זייט אויך צוגעגעבען.

טאַבאַלצעוו איז אַזש בלאַס געוואָרען, ווען ער האָט דער־הערט פון קאַטיאַ׳ן דאָס וואָרט „זשיד".

— קאַטיאַ! — האָט ער איהר גאַנץ שטרענג געזאָגט, — איך וויל פון דיר מעהר אַזאַ וואָרט ניט הערען!... קענסט זיך האָבען אַ מיינונג אַז בלויז אַ איד איז פעהיג צו הרג׳ענען אַ מיניסטער, אָבער דאָס וואָרט „זשיד" דאַרפסטו פון דיינע ליפּען נים ארויסברייננגען! די אידען האָבען דיר קיין שלעכטס ניט געטהאָן, און פיינט האָבען דאַרפסטו זיי ניט...

נאָכ׳ן עסען האָט די אַלטע מאַדאַם טאַבאַלצעווא אריינגע־רופען דעם זוהן צו זיך אין צימער און מיט גרויס אינטערעס איהם געפרעגט:

— וואָס וועט דאָס זיין, אַנדריושאַ? דו ביזט דאָך עפּעס אַ מענש וואָס ווייסט אַלעס און פערשטעהט אַלעס. זאָג־זשע מיר, גיב מיר צו פערשטעהן, וואָס וועט דאָס זיין? דער׳הרג׳עט אַ מיניסטער... דאָ אַ סטרייק, דאָרט אַן אויפשטאַנד... ארבייטער בונטעווען זיך... וואָס וועט דאָס זיין? וואָס מיינט דאָס?

— דאָס מיינט, מאַמע, אַז דער גרויסער בער הויבט זיך אָן אויפכאַפּען פונ׳ם שלאָף... דאָס מיינט, מאַמע, אַ נייע צייט קומט אָן...

— הלואי, אַנדריושאַ, זאָל דאָס זיין אַזוי! — האָט די אַלטע שטילערהייט געזאָגט מיט אַ כונה, גלייך דאָס וואָלט געווען אַ תפלה...

מוטער און זוהן האָבען זיך ביידע מיט שטראַהלענדע בליקען איבערגעוואָרפען...

אַכט און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

דאָס יונגע פּאָר פּאָלק האָט אויפגענומען געסט ביי זיך אין די צימערען אויף דער דאַטשע. גאָר געהויבענע געסט זיינען דאָס געווען: די שעהנע מאַדאַם זאַסיעצקאַיאַ מיט איהר מאַן, וועלכער האָט אין זיין רוסיש אריינגעהאַקט פראַנצויזישע ווערטער, כאָטש ער האָט קיין פראַנצויזיש ניט געקענט; די מאַדאַם קאָנקינאַ מיט איהר מאַן, וועלכער האָט שטאַרק געבלאָזען פון זיך און זעהר ליעב געהאַט צו ריידען וועגען פּאָליטיק.

קאַטיאַ האָט זיך פּאָר די געסט אויסגעפּיינט, זיי מכבד געווען מיט גוטע מאכלים, און טאַבאָלצעוו האָט מיט זיי גערעדט וועגען פּאָליטיק. צו זיין מיינונג האָבען זיך אַלע צוגעהערט און די דאַמען האָבען איהם גאָר אין מויל אריין געקוקט און געשלונגען יעדעס וואָרט זיינס.

זיך אָנגערעדט גענוג וועגען פּאָליטיק, האָט די מאַדאַם זאַסיעצקאַיאַ פאָרגעגעבען אַ פּלאַן:

— זאָל די יונגע מאַדאַם טאַבאָלצעוואַ אביסעל שפּיעלען אויף דער פּיאַנאָ...

איהר, דער שעהנער מאַדאַם זאַסיעצקאַיאַ, איז נאָך ביז איצט פונ'ם קאָפּ ניט אַרויס, ווי גוט און קינסטלעריש־פיין קאַטיאַ האָט אין יענעם אבענד אויף דער פּיאַנאָ געשפּיעלט אין טהעאַטער, און זי האָט גאַנץ אָפענהערציג געזאָגט צו טאַבאָלצעוו'ן:

— איך דענק, אַז איך וועל קיין טעות ניט האָבען, ווען איך וועל זאָגען, אַז טאָקע אין יענעם אויף דער נאַכט האָט איהר זיך פערליעבט...

קאַטיאַ האָט זיך אַ ווייל פערטראַכט.

— יאָ, אין יענעם אויף דער נאַכט האָב איך טאָקע געשפּיעלט... איך געדענק עס נאָך איצטער אויך... דאַמאָלט בין

איך געווען אומגליקליך און די מוזיק איז געווען מיין איינציגער טרויסט אין לעבען. איצט אָבער איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. דאָס לעבען האָט מיר געגעבען מעהר ווי איך האָב ערוואַרטעט...

פון איהרע רייד איז אויסגעקומען, אַז אַ גליקליכער מענש — מעג ער זיין ווי טאַלאַנטפול — קען שוין קיין קינסטלער ניט זיין. און דאָס איז טאַבאַלצעוו׳ן זעהר ניט געפעלען געוואָרען.

— אויב גליק איז אַ שטערונג צו קונסט, — האָט ער גאַנץ ערנסט געזאָגט, — דאַן זאָל דאָס גליק פערשאָלטען זיין!

— דו ביזט דאָך אין אַלגעמיין אַ מאָדנער מענש, — האָט זי איהם מיט אַ שמייכעל געזאָגט.

טאַבאַלצעוו׳ס ווארימער בליק איז געפאַלען אויף ליזא׳ן, וועלכע איז זיך אַזוי פערטראַכט — אַן אונגליקליכע און פער׳חלש׳־טע — אַן אַ זייט געזעסען, און אין דער מינוט איז זי איהם גע־פעלען געוואָרען נאָך מעהר ווי אַלע מאָל.

— יאָ, — האָט ער זיך געקלערט, — עס קען טאַקע זיין, אַז ווען מענשען זיינען אונגליקליך זיינען זיי אינטערעסאַנטער און שעהנער... אָט אַ שטייגער די זעלבע ליזא! איצט, ווען זי איז אונגליקליך, איז זי אַזוי שעהן און גרויס! אָבער עס קען זיין, אַז ווען זי וואָלט געווען גליקליך אין אַ פאַמיליען־לעבען, וואָלט זי גאָר אַן אַנדערע געווען... פּונקט אַזוי ווי קאַטיא וואָלט זי איצט רוהיג און סטאַטעטשנע געזעסען אויף אַ ווייכען שטוהל,ביידע הענד פערלייגט אויפ׳ן גרויסען בויך, ווי איינער רעדט: „זעהט באַלד־־באַלד וועל איך זיין אַ מאַמע!“... ניט אינטע־רעסאַנט...

אַלע געסט זיינען איבערגעגאַנגען אין קאַטיא׳ס זאַאל, וואו די פּיאַנאָ איז געשטאַנען. דאַרטען האָט דער גרויסער בליץ־לאָמפּ די גאַנצע זאַאל אין ליכט געבאָדען און דורך די אָפענע פענסטער האָט אַריינגעקוקט דער שעהנער זומערדיגער אויף דער נאַכט.

ליזא האָט זיך אוועקגעזעצט ביי אַן אָפענעם פענסטער און מיט די צוויי גרויסע אויגען אַרויסגעקוקט אין דער נאַכט אריין. נערערט האָט זי מיט קיינעם כמעט גאָרניט. אַזוי עלענד, אונ־

גליקליך האָט זי זיך צווישען די פרעהליכע געסט געפיהלט, אז דאָס גאנצע לעבען איז איהר ניט איינגעגאנגען. ווארים עס איז איהר שרעקליך שווער געווען צו זעהן טאבאַלצעוו׳ן אין דער געזעלשאפט פון פרויען; די שווארצע שלאַנג פון גיפטיגער איי־פערזוכט האָט זי ניט געלאָזט רוהען און אלץ גענאָגט איהר אָנ־געוועהטאָגטע הארץ... אין אזא מאָמענט איז זי געווען גרייט צו שרייען מיט בענומענע קולות און ווי א פעריקטע, זיך שלאָגען קאָפּ אָן וואנד. עפּעס א שרעקליכע בענקעניש האָט איהר גאנצען וועזען ארומגעכאפּט און זי איז געווען גרייט צו לויפען אפילו אין עק וועלט. אפילו דער גיהנום האָט שרעקליכער ניט גע־קענט זיין...

אין דעם אויף דער נאכט האָט זי איהם געאייפערט צו סאָ־ניא׳ן, קאטיא׳ס אינגערע שוועסטער. זי האָט געזעהן, אז זי איז געפעהרליכער פון אנדערע פרויען; זי הענגט זיך איהם ממש אויפ׳ן האלז און ער איז צו איהר זעהר ליעבליך און מעסט זי אלע מאָל אָפּ מיט די אויגען פונ׳ם קאָפּ ביז די פיס...

„גאָט מיינער, וואָס פאר א מענש איז ער! — האָט זי זיך בעקלערט. — וויפיעל פרויען קען ער דאָס ליעב האָבען?"

די אלטע מאדאם טאבאַלצעווא איז אויך אריינגעקומען, האָט מען איהר באלד א ווייכען שטוהל אונטערגעטראָגען און קאטיא האָט אָנגעהויבען שפּיעלען.

זי האָט געשפּיעלט לאַנג, און טאבאַלצעוו, וועלכער איז דאַן געווען זעהר גוט געשטימט, האָט אויף א מערקווירדיג קינסטלע־רישען אופן ערקלערט, וואָס יעדער טאָן בעדייטעט, וואָס פאר א געפיהל עס דריקט אוים.

ער האָט דאָס געטהאָן אזוי שעהן, מיט אזוי פיעל טאלאנט, אז אלע דאמען האָבען פון איהם די אויגען ניט געקענט אָבּרייסען.

ווען קאטיא האָט געענדיגט איהר שפּיעלען, און, ווי איהר שטייגער איז געווען, צוגעמאכט די פּיאנאָ מיט א קנאַק, האָבען אלע גענומען אויסדריקען זייער בעגייסטערונג.

— דאָס איז א כשוף! — האָט די מאדאם זאסיעצקאיא

איהר בעגייסטערונג אַרויסגעגעבען. — איהר זיינט ביידע מערק־ווירדיגע קינסטלער! דאָס איז, זאָג איך אייך געווען וואונדער־באר! פאָרטרעפליך! איך האָב נאָך אַזעלכעס ניט געהערט זייט איך לעב!

— דאָס איז הימלישע מוזיק! — האָט די מאדאם קאָנ־קאָווא צוגעגעבען. — אַזאַ מוזיק און אַזאַ אויסטייטשונג הערט מען ניט אָפט.

— דאָס איז, פערשטעהט איהר מיך, איינמאָל און גוט! — האָט קאַפּיטאַן איבערגעגעבען זיין מיינונג אויף זיין אייגענעם שטייגער.

קאַטיאַ האָט דאָס אַלעס אויסגעהערט און צופריעדען גע־שמייכעלט.

מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אָן דער פּאָדלאָגע, ווי אימיצער וואָלט אַ פאַל געטהאָן.

די דאַמען האָבען זיך שטארק דערשראָקען.

— ליזאַ! — האָט די אַלטע מאדאם טאַבאַלצעווא ווילד אויסגעשריען און זיך אַ הויב געטהאָן פון שטוהל.

טאַבאַלצעוו האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צום פענסטער.

ליזאַ איז דאָרט געלעגען אויף דער פּאָדלאָגע אַ בעוואוסט־לאָזע...

נײַן אײַן צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

פינף טעג נאָכאַנאַנד האָט זיך ליזאַ אין הויז געהאַלטען אַזוי מאָדנע, אַז מען האָט געמיינט, אַז זי איז פון זינען גע־ריהרט. זי האָט אויף איין אָרט ניט געקענט איינזיצען. אָט איז זי געשטאַנען, אָט איז זי געזעסען, אָט איז זי געלעגען. און וואָס מען האָט ניט געפרעגט וואָס איהר איז, האָט זי אַלץ גע־ענטפערט:

— גאָרניט... ס'וועט איבערגעהן...

צו נאטאשא'ן האט זי אוועקגעשיקט א בריוועלע, אז זי זאל זעהן למען השם וואס שנעלער אויסגעפינען צי פאטאפאוו איז ניט געקומען צוריק אין שטאדט אריין. אין דעם בריוועלע האט זי איהר אריינגעלייגט א צעטעלע צו איהם אליין, און אינ'ם צעטעלע האט זי געשריבען אזוי:

„טייערער מיינער! איך קוק זיך אוים די אויגען ווארטענדיג אויף דיר. איך בין קראנק פאר פערדרוס. טעג און נעכט וועל איך אויף דירווארטען. נור דיין ליזא".

אין צוויי טעג ארום האט זי פון נאטאשא'ן געקראגען א טעלעגראמע, אז פאטאפאוו איז שוין דא צוריק און אז דאס צעטעלע האט זי איהם איבערגעגעבען.

געקראגען די טעלעגראמע האט זי דאן, ווען די מענער זיינען שוין אין דערהיים ניט געווען. דאס איז געווען אין דערפריה, ווען די דאמען זיינען געזעסען ביי'ם טיש און גענעסען פריהשטיק.

דער קאליער פון איהר פנים האט זיך גלייך געביטען, און דאס ערשטע מאל פאר די עטליכע טעג האט זי אנגעהויבען שמייכלען.

— איך פאהר שוין אין שטאדט אריין, — האט זי צו קאטיא'ן געזאגט.

— וואס איז עפעס אין מיטען דערינען?

— איך דארף פאהרען... זעהר א וויכטיגע זאך.

— א סוד?

— זעהסט דאך, אז זי איז פערליעבט... — האט פימא מיט א צינישען שמייכעל געזאגט. — אט אזוי א שטילינקערהייט קאמאנדעוועט זי...

ליזא'ן האט דאס וועניג וואס געארט וואס פימא קליגערט זיך אויף איהר חשבון. גלייך נאכ'ן עסען האט זי זיך אנגעטהאן און איז אוועקגעפאהרען אין שטאדט אריין.

א גאנצען טאג איז זי אין מאסקווא ארומגעלאפען פון איין בעקאנטער צו דער אנדערער און פארנאכט איז זי אוועק אהיים

אויף דער ווינטערדיגער וואהנונג, זיך אוועקגעזעצט ביי׳ם פענ־סטער און מיט אונגעדולד געווארט, ער זאל שוין קומען.

ווי לאנג זי איז אזוי א פערטראכטע ביי׳ם פענסטער גע־זעסען, האט זי ניט געקענט וויסען. און ווען די טהיר האט זיך געעפענט און ער איז אריינגעקומען, האט זי אזוי מארנע אנגע־הויבען צו לאכען און וויינען אין דער זעלבער צייט און איז איהם אויף דעם האלז געפאלען.

— סטיאפושקא... טייערער! איך האב דיך דאך אזוי ליעב... אזוי ליעב... נור דיר... איך מיין דיינע, דיינע, דיינע...

א גאנצע נאכט זיינען זיי ביידע געווען צוזאמען... — — —

ערשט פארטאג איז ער אוועק. וואוהין ער פאהרט האט ער איהר ניט געזאגט. דאס האט ער אליין ניט געוואוסט. ער האט איהר בלויז געזאגט, אז שרייבען קיין בריעף ווען ער איהר ניט, ווייל ער וועט זיין צו שטארק פערנומען; נור ווען ער וועט ווידער קומען אהער וועט ער איהר לאזען וויסען...

ווי אזוי האט זי מיט איהם די נאכט פערבראכט — דאס האט זי ניט געדענקט. זי האט אבער גוט געדענקט, אז נאכדעם ווי זיין ליידענשאפט איז אבגעקיהלט געווארען, האט ער מיט איהר גארניט גערעדט... ער איז בלויז געלעגען לעבען איהר אזוי קאלט, ווי פון יוצא וועגען ארומגענומען און גארניט געזאגט... וואס קען דאס זיין? פארוואס איז דאס געווען אזוי? איבערי־גענס, צו וואס זיך גריבלען אזוי פיעל אין דער נשמה? גוט איז אן אנגענעהמער מאמענט... ווארים אהן דעם איז דאך נאך טוי־זענד מאל ערגער צו לעבען...

נאך דעם איז זי שוין א גאנצע וואך געווען אויף דער דאטשע. זי האט זיך געפיהלט זעהר שוואך. גאנצע טעג איז זי אבגעלעגען ביי קאטיא׳ן אין צימער אויף דער וויכער זאפע און אלץ געקוקט אין איין פינטעלע.

איינמאל, ווען אין דרויסען איז געגאנגען א רעגען און אויפ׳ן הארצען איז געווען אזוי שווער, איז די אלטע מאדאם טאבאלצעווא צוגעגאנגען צו איהר און, אוועקזעצענדיג זיך לעבען

איהר אויף דער זאפע, האט זי אזוי געטריי געפרעגט:

— ליזאטשקא, וואס איז מיט דיר? דערצעהל מיר, רעד זיך אוים דאס הארץ פאר מיר. אפשר וועל איך דיר עפעס קענען העלפען?

— עס איז מיט גארניט, מאמעניו, — האט זי געענטפערט, — קוק זיך נאר ניט אום אויף מיר!... עס וועט איבערגעהן...

— אבער קינד מיינס, דאס הארץ ווערט מיר צוריסען קוקענדיג אויף דיר...

— איך בין שוין סאי ווי סאי א פערפאלענער מענש... מיר קען מען שוין מיט גארניט העלפען...

אבזיפצענדיג שווער, איז די אלטע אוועק פון איהר. זי האט געוואוסט, ווי ליזא איז אונגליקליך אין איהר ליעבע, זי האט געזעהן ווי זי צאפעלט זיך אין די שארפע נעגעל פון בייזען שיקזאל און זי האט פערשטאנען, אז ליזא איז גערעכט; אז זי איז שוין טאקע א פערפאלענער מענש און מען קען איהר מיט גארניט העלפען...

אבער קאטיא האט ניט געקענט פערטראגען קיין געהיימניסע ארום זיך, און זי איז צו ליזא'ן צוגעשטאנען:

— רעד זיך אוים דאס הארץ, וועט דיר ווערען גרינגער! עס איז אלע מאל בעסער ווען מען רעדט זיך אוים דאס הארץ...

און ווען ליזא האט איהר דארויף אזוי שנעל ניט געענטפערט, איז זי שוין געווארען בייז:

— וואס איז דאס פאר א פריינדשאפט? אויף מיין עהרענווארט, אויב דו וועסט מיר ניט דערצעהלען פארוואס דו ליידסט אזוי פיעל, וועל איך מיט דיר ווערען ברוגז! וויל איך דען אז דו זאלסט מיר דערצעהלען דעם אמת ווייל איך בין גלאט נייגעריג צו וויסען? איך בין דאך ניט פימא...

— עס זיינען אבער פאראן אזעלכע זאכען, וואס מען קען אפילו דער אייגענער מאמען ניט דערצעהלען.

— דער אייגענער מאמען טאקע ניט, אבער א גוטען פריינד־

— יאָ. ובפרט נאָך פאַר אַזאַ פריינד ווי איך בין דיר, מעגסטו אַלעס דערצעהלען.

מיט אַמאָל האָט ליזאַ אַ הויב געטהאָן דעם קאָפּ און אַזוי דורכדרינגענד געגומען קוקען אויף קאַטיאַ'ן, גלייך זי וואָלט זי ערשט איצט דערזעהן. זי האָט איהר געזאָגט:

— נו גוט. איך וועל דיר אַלעס דערצעהלען. אָבער ווען איך וועל דיר עפּעס פרעגען, זאָלסטו מיר אויך דערצעהלען דעם אמת... יאָ?

— אודאי! פאַרוואָס ניט? איך האָב אין אַלגעמיין קיין סודות ניט... איך קען דרייסט ענטפערען אויף אַלעס.

ליזאַ'ן האָבען זיך די קאָלירען געביטען אין פּנים און זי האָט שטיל געזאָגט:

— קאַטיאַ... דו ווייסט, אַז איך לעב ניט מיט מיין מאַן?

— וואָס? — איז קאַטיאַ געוועזען איבערראַשט. — וואָס הייסט דו לעבסט ניט מיט'ן מאַן?

— גאַנץ איינפאַך. איך לעב ניט מיט מיין מאַן, ווייל איך האָב איהם פיינט... איך האָב אָבער אַ געליעבטען...

— ליזאַ!!? וואָס רעדסטו?

אין צימער איז געוואָרען אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקענט הערען דעם מינדסטען שאָרך.

— און איך קען איהם אפשר? — האָט קאַטיאַ שטילער־הייט געפרעגט.

דאָ האָט ליזאַ אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, פערביסען די אונ־טערשטע ליפּ, און ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי געענטפערט:

— ניין, דו קענסט איהם ניט...

— ביזטו כאָטש גליקליך מיט איהם?

— ניין... איך בין אונגליקליך, — האָט ליזאַ מיט אַ פער־שטיקטער שטימע געענטפערט.

— הייסט עס, אַז דו האָסט איהם ניט ליעב? אָדער אפשר איז ער פאַלש צו דיר? אפשר האָט ער דיך פערראַטהען און זיך נאָר פערליעבט אין אַן אַנדערער?... אַך, ליזאַטשקאַ, ליזאַטשקאַ,

ס׳איז שווער הײנטיגע צײטען צו געפינען א לײטישען יונגענמאן. זײ זײנען אלע געמײנע לומפען! זײ האבען ליעב בלויז ביז זײ קריגען וואס זײ ווילען... אלע אזוי... מיר איז נאך ניט אויסגע־קומען צו זעהן קײן גליקליך פאר פאלק. אויב א פרוי איז שוין יא אמאל גליקליך, איז דאס אויך דערפאר, ווייל איהר מאן איז א מאסטער זי אבצונארען... און ס׳זײנען פאראן א סך פרויען, וואס עס ארט זײ שוין גארניט; זײ זײנען צופריעדען דערפון, וואס מען נארט זײ קונציג אפ, אבי מען זאל דעם טרויעריגען אמת ניט וויסען...

— און ווי וואלסטו געהאנדעלט, ווען מען וואלט דיך אב־גענארט? — האט ליזא פארזיכטיג געפרעגט.

— איך! — קאטיא׳ס בלויע אויגען האבען זיך אנגעצונ־דען. — איך וואלט דאס קײנמאל ניט מוחל געווען! ביז׳ן קבר וואלט איך דאס געדענקט! איך האב פײנט ליגען! און קײן פערראטה וואלט איך אודאי ניט מוחל געווען! ווען מען האט אמת ליעב, קען מען ניט פערראטהען און ווען מען הערט אויף צו ליעבען — איז צו אל די שווארץ יאהר!

א ווײלע האט זי געשוויגען, גלעטענדיג מיט אײן האנד דאס באטיסטענע העמדעלע, וואס זי האט פאר׳ן קינד גענײהט.

— ווען איך וואלט זיך ניט געווען בעקענט מיט אנדרעי׳ן, — האט זי ווײטער גערעדט, — וואלט איך קײנמאל ניט געווען חתונה געהאט. אזא גוטע, ארענטליכע און אויפריכטיגע נאטור, ווי ער, האב איך נאך קײנמאל ניט געזעהן! ער האט מײן הארטע נשמה ווײכער געמאכט. און איצט... איצט בין איך גרײט מײן לעבען צו אפפערען פאר זײן גליק!

ליזא איז אראפ פון דער זאפא און געפאלען אויף די קניע פאר קאטיא׳ן... געזאגט האט זי גארניט. פון איהרע אויגען זײנען טרערען געלאפען און זי האט דאס פנים אין קאטיא׳ס שויס בעהאלטען... מיט בײדע הענד האט זי איהר קניע ארומ־גענומען, זי געקושט... עס האט זיך געדאכט, אז אהן ווערטער בעט זי מען זאל איהר פערגעבען... עס האט זיך געדאכט, אז זי

האָט רחמנות אויף דער נאַאיווער פרוי, וועלכע איז אַזוי שטאַרק פערגלויבט אין איהר מאַן. עס האָט זיך אויך געדאַכט, אַז אָהן ווערטער פערשפּרעכט זי עפּעס...

קאַטיאַ האָט זיך פערלאָרען. אין דעם מאָמענט האָט זי זיך דערפיהלט נעהענטער צו ליזאַ'ן, און זי איז מיט איהר געוואָרען אָפענהערציג.

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, ליזאָטשקאַ, — האָט זי איהר געזאָגט, גלעטענדיג זי איבער'ן קאָפּ. — נאָך איידער איך האָב מיט אַנדריושאַ'ן געזעצליך חתונה געהאַט, האָב איך מיט איהם געלעבט... ווי ער האָט מיך נור דאָס ערשטע מאָל גערופען צו זיך, בין איך געגאַנגען און בין געבליבען נעכטיגען ביי איהם... אָבער דריק מיט ניט אַזוי שטאַרק די האַנד, דו משוגענע, דו! איך האָב אַפילו געוואוסט, אַז אַ מאַן שעצט ניט דאָס ווייב וואָס ס'קומט איהם אָן גרינג... דאָך בין איך צו איהם געגאַנגען. ווען אַנדרעי וואָלט געווען אַזוי ווי אַלע מענער, וואָלט ער מיך אין אַ מאָנאַט אַרום אוועקגעוואָרפען. אָבער ער איז נישט אַזוי ווי אַלע. ער איז אַ מלאך!

מעהר האָט ליזאַ ניט געקענט הערען. מיט אַמאָל האָט זי זיך נעגעבען אַ הויב אויף, צוגעגאַנגען צום פענסטער און עס געעפענט.

— עס איז דיר שוין ווידער ניט גוט? — האָט קאַטיאַ געפרעגט.

ניין, עס איז מיר גאָרניט, — האָט ליזאַ געענטפערט פער־לעגען. — עס איז גלאַט אַזוי.

פּלוצים האָט זי זיך געווענדעט צו קאַטיאַ'ן מיט אַ פראַגע:

— און וואָס וועט זיין, אויב דו וועסט איהם אויפהערען גלויבען? אויב דו וועסט צו איהם דעם צוטרויען פערליערען?

— נאַרעלע, פאַרוואָס זאָל איך צו איהם דעם צוטרויען פער־לירען?

ליזאַ האָט געפיהלט, אַז אָט־אָט פאַלט זי אום. ווי פון זיך האָט זיך ביי איהר אַרויסגעריסען נאָך אַ פראַגע:

— און אויב ער וועט דיך פערראטהען ? אויב אן אנדער פרוי וועט זיך איהם איבערגעבען ?...

— דאן וועל איך זיך דאס לעבען נעהמען ! — האט קאטיא ערנסט און רוהיג געענטפערט. — אויב איך וועל איהם פערלירען, וועל איך מיין לעבען פערלירען, ווייל אהן איהם בין איך גארניט...

דערהערענדיג די ווערטער האט ליזא געפיהלט, אז אט־אט וועט זי אויסשיסען אין א היסטערישען געלעכטער... מיט אלע כחות האט זי די צייהן פערקריצט. אליין ניט בעמערקענדיג וואס זי טהוט, האט זי גענומען שפאנען צו דער טהיר, און ווען זי איז צוגעקומען אהין, האט זי געגעבען א פאל מיט'ן קאפ און גלייך זיך א כאפ געטהאן ביי די האר.

— ליזא... ליזא ! — האט קאטיא מיט שרעק אויסגע־שריען. — וואס טהוט זיך מיט דיר ? קום אהער צו מיר !

אבער ליזא האט ניט געהערט וואס זי האט געשריען, און זי איז ארויס פון דעם צימער שטיל ווי א שאטען.

אויף מארגען האט זיך געדאכט, אז ליזא איז שוין רוהיג. אין דערפריה האט זי צוזאמען מיט אלע ביי'ם טיש טהעע גע־טרונקען, און דערנאך איז זי ווידער אריין צו קאטיא'ן אין צימער און איהר געהאלפען נייהען די קליידעלאך פאר דעם קינד, וואס וועט געבארען ווערען.

— דו ווייסט, קאטיא, — האט זי צו איהר געזאגט, קוקענ־דיג אויף איהר מיט פארוואורף, — דו ביזט מיר שולדיג א חוב. איך האב דיר נעכטען אלעס דערצעהלט און דו האסט מיר גאר־ניט דערצעהלט.

— איך האב דיר ניט וואס צו דערצעהלען, — האט קאטיא געענטפערט. — ביי מיר זיינען קיין געהיימניסע ניטא... אט אזוי ווי דו זעהסט מיך, אזא בין איך...

— ניין, ניט דאס מיין איך, — האט ליזא ניט זיכער גע־נומען ריידען. — איך מיין... דו האסט דאך אנדריושא'ן זעהר ליעב... נו, איז ווען אזעלכע צוויי מענשען פערברענגען... דו ווייסט

דאָך וואָס איך מיין... נו, ביינאַכט... ווען די ליעבע־געפיהלען ווערען שטאַרקער... ליידענשאַפט... וואָס פילט מען דאַן?

קאַטיאַ האָט אויף איהר אַ קוק געטהאָן, און עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז ליזאַ איז געריהרט פון זינען. עפּעס אַזאַ שרעקליכען אויסדרוק האָבען איהרע אויגען געהאַט.

ווידער אַמאָל, פּונקט ווי נעכטען, איז ליזאַ פאַר קאַטיאַ'ן אויף די קניע געפאַלען און רחמנות'דיג זיך גענומען בעטען:

— קאַטיושאַ, טייערינקע! דו ביזט דאָך אַזוי גליקליך און איך — אַזוי אונגליקליך... טו האָב רחמנות אויף מיר און דער־צעהל מיר! איך בעט דיך... ווי אַזוי נעהמט ער דיך ארום?... וואָס פיהלסטו דאַן, ווען דו גיסט זיך איהם איבער?... איאַ. ער מוז זיין זעהר אַ ליידענשאַפטליכער, האַ?...

קאַטיאַ האָט געענטפערט מיט האַלבע ווערטער, וועלכע האָ־בען ליזאַ'ן ניט צופריעדענגעשטעלט. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן ראַנג, די פיס אונטער זיך, און ווייטער גערעדט:

— ניין, ניט דאָס מיין איך... איך מיין... זאָג מיר, גיב מיר צו פערשטעהן, וואָס מיינען אָט די ווערטער, וועלכע איך בעגעגען גאַנץ אָפט אין די ראָמאַנען: „זייערע נשמות און זייערע קער־פּערס האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין איין פלאַמענדיגען געפיהל"... אָדער אַזוי: „זיי האָבען אָן דער גאַנצער וועלט פערגעסען אין יענעם מאָמענט, ווען זיי זיינען איינע ביי די אַנדערע אין די אָרעמס געלעגען". אָדער אַזוי: „זי האָט געפיהלט, ווי זיין הייסער אָטהעם ברענט איהר דאָס פּנים און זיין צוהיצטע ליי־דענשאַפט מאַכט זי אין גאַנצען אונטערטהעניג„. זאָג מיר, קאַ־טיושאַ, האָסטו אַזעלכעס איבערגעלעבט? אָבער דעם אמת! — און זי האָט שאַרף אָנגעשטעלט די אויגען אויף קאַטיאַ'ן.

קאַטיאַ האָט זיך פאַר איהר בליק דערשראָקען. און פּונקט דאַן, ווען זי האָט שוין געוואָלט דאָס מויל עפענען און ענט־פערען ליזאַ'ן אויף איהר פראַגע, האָט יענע געטהאָן אַ פאַל מיט'ן פּנים צו איהר קניע און ווי אַ ווילדע אָנגעהויבען שרייען:

— מען דאַרף ניט! מען דאַרף ניט! שווייג! רעד ניט

א װאָרט! איך דערקען אין דײנע אױגען, אַז דו האָסט דאָס איבערגעלעבט... דו!!!

— — — — — — — — — — — — — — — —

זי האָט זי קוים דערמינטערט. דערנאָך האָט ליזא גענומען בײ איהר דאָס װאָרט, אַז זי זאָל קײנעם ניט דערצעהלען, װאָס ס'איז צװישען זײ בײדען פאָרגעקומען. אפילו אנדריושא'ן אויך ניט...

פונדעסטװעגען, װען קאַטיא איז אויף דערנאַכט מיט אנ־דריושא'ן אין שלאָף־צימער געװען, האָט זי זיך ניט געקענט אײנ־האַלטען און האָט איהם דערצעהלט די סצענע מיט ליזא'ן. דער־פון האָט ער גלײך פערשטאַנען, װאָס ליזא לעבט איצט איבער; ער האָט פערשטאַנען, אַז זי האָט אין פּאַטאַפּאָװ'ן בלויז געזוכט גליק, אָבער געפונען האָט זי דאָס ניט; ער האָט פערשטאַנען, אַז זי האָט געזוכט גענוס, אָבער געפונען האָט זי דאָס ניט...

דאָס האָט איהם אזוי צוטומעלט, אַז ער האָט מעהר װעגען דעם ניט געקענט רעדען. אַ צוטראָגענער האָט ער זיך אװעק־געזעצט אויפ'ן אָפּענעם פענסטער. דאָס האַרץ האָט איהם אונ־רוהיג געקלאַפּט, און ער האָט אַלײן ניט געװאוסט פאַרװאָס — צי דאָס איז דערפאַר װאָס ער האָט רחמנות אויף ליזא'ן, צי דערפאַר װאָס ער פיהלט, אַז סוף כל סוף װעט זי זיך איהם דאָך איבערגעבען...

— דו װעסט זיך נאָך פערקיהלען, אנדריושא, — האָט זי איהם צערטליך געזאָגט, — אין דרויסען איז איצט קיהל.

האָט ער צוגעמאַכט דאָס פענסטער און זיך אװעקגעזעצט אויפ'ן בעט, לעבען איהר.

— קאַטיא, — האָט ער זיך מיט אַמאָל געװענדעט צו איהר. — האָסטו איהר ניט געגעבען דאָס װאָרט, אַז דו װעסט דאָס קײנעם ניט דערצעהלען?

— אודאי האָב איך איהר געגעבען דאָס װאָרט.

— טו פאַרװאָס־זשע האָסטו דאָס מיר דערצעהלט?

— צי דו ביזט משוגע צי מטורף! — האָט זי אַ זאָג גע־

טהאָן, אָנשפּאַרענדיג דעם עלענבויגען אָן קישען. — פאַר דיר האָב איך קיין סודות נים!

— אָבער, קאַטיא, ווי פערשטעהסטו נים אַזאַ פּשוט׳ע זאַך? דאָס איז דאָך נים דיין סוד, נור ליזאַ׳ס סוד. און אויב זי האָט דיר איהם פערטרויט, האָסטו קיין רעכט נים מיר דאָס צו דער־צעהלען...

— איך פערשטעה נים אַזעלכע זאַכען. ביי מיר איז דאָס גאַנץ פּשוט: צווישען מאַן און ווייב דאַרפען קיין סודות נים זיין! ווי זאָגט מען דאָס ווערטעל: „מאַן און ווייב — איין לייב“.

— אָט דאָס ווערטעל האָט דיין באָבע גערעדט זאָגען, אָבער דו מעגסט פערגעסען אָן דעם...

זי איז דערפאַר ברוגז געוואָרען און זיך אויסגעדרעהט מיט דער פּלייצע צו איהם...

איבער דעם וואָס טאַבאַלצעוו איז אַ פּאָר מאָנאַטען כסדר געווען שטאַרק פערנומען מיט זיך און מיט זיינע געשעפטען, האָט ער ווילענדיג נים ווילענדיג פערנאַכלעסיגט זעהר אַ וויכ־טיגע זאַך — ער האָט זיך נים גענוג אינטערעסירט מיט סאָניא׳ן, מיט קאַטיאַ׳ס איינגערע שוועסטער...

סאָניא האָט זיך פון אונטער זיינע הענד ארויסגעגליטשט און אָנגעהויבען זיך בעגעגענען צו אָפט מיט טשערנאָוו׳ן...

טשערנאָוו האָט אויסגעצייכענט גוט געקענט די קונץ ווי צו שפּיעלען אַ ראָלע פון אַ פיינעם מענשען, און פאַר די פּאָר מאָ־נאַטען, וואָס ער איז אַריינגעקומען צו סאָניא׳ן אויף דער דאַטשע, האָט זיך איהם איינגעגעבען צו געווינען די סימפּאַטיע פון דער אַלטער דייטשקע, סאָניאַ׳ס מוטער, וועלכע האָט זעהר ליעב גע־האַט צו הערען ווי טשערנאָוו דערצעהלט מעשיות.

מיט קאַטיא׳ן האָט זיך טשערנאָוו קיינמאָל נים בעגעגענט אויף דער קליינער דאַטשע. אַ פּאָר מאָל האָט זי איהם אפילו יאָ בעגעגענט אויפ׳ן וועג, האָט ער זיך צו איהר ווי אַ העפ־

ליבער קאוואליער געגריסט, און איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג.

קאטיא האָט איינמאָל דערצעהלט טאַבאָלצעוו'ן, אַז זי האָט טשערנאָוו'ן אויפ'ן וועג בעגעגענט. זי האָט דערביי געזאָגט, אַז ס'געפעלט איהר ניט וואָס דער פוילענצער איז געוואָרען אַ צו־נאָהענטער מחותן מיט סאָניא'ן. האָט טאַבאָלצעוו דאראויף גע־ענטפערט אַזוי:

— ווייס איך וואָס! עס איז דאָך לעבערליך צו דענקען אַז סאָניא וועט זיך אין אַזאַ פויגעל פערליעבען...

אַזוי האָט ער געזאָגט, אָבער עס איז איהם אריין אין דער נאָז אריין און ער האָט בעשלאָסען, אַז מעהר זאָל ער שוין סאָ־ניא'ן ניט פערנאַכלעסיגען און זעהן מיט אַלע מעגליכקייטען טשערנאָוו'ן צו דערווייטערען.

איינמאָל ארום עלף אַ זייגער בייגאַכט האָט ער אָבגעפיהרט סאָניא'ן אהיים, אויף דער קליינער דאָטשע. ער האָט זי געפיהרט אונטער'ן אָרעם, אַלע מאָל מיט דער האַנד איהר מיידעלשע ברוסט בעריהרט און מיט די אויגען אָבגעמאָסטען איהר שעהנעם גראַ־ציעזען קערפּער.

האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט, האָט ער זי גענומען איבערפרעגען, צי זי בעגעגענט זיך מיט טשערנאָוו'ן און וואָס פאַר אַ מיינונג זי האָט וועגען איהם.

— יאָ, איך בעגעגען זיך גאַנץ אָפט מיט איהם, — האָט סאָניא געענטפערט. — ווארים ווען ניט ער וואָלט איך דאָך פון זינען ארונטער פון בענקשאַפט און אומעט... יעדער איינער איז פערנומען מיט זיך אַליין און אָן מיר פערגעסט מען גאָר... גלייך איך וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געוועזען.

— קאַטיא מיינט, אַז איך האָב פונקט אַזעלכע השגות ווי די מאַמע... אַז אַבי איך האָב וואָס צו עסען און וואו צו שלאָפען דאַרף איך זיך שוין שעצען גליקליך... ניין, דאָס איז פאַר מיר ניט גענוג! איך בין אַן אונגליקליכע מיידעל!...

און זי האָט זיך נאָך שטאַרקער פאַנאַנדערגעוויינט.

האָט טאַבאַלצעוו זי אַרומגענומען פאַר דער טאַליע, זי אַוועק־געזעצט אויף אַ באַנק צווישען די הויכע געדיכטע בוימער און צערטליך זי גענומען גלעטען איבער'ן קאָפּ.

— אַרימע מיידעלע!... דו ביזט טאַקע גערעכט... מיר זיינען טאַקע אַלע עגאָאיסטען און האָבען זיך אַליין צופיעל אין זינען...

מיט אַמאָל האָט סאָניא אַרומגעכאַפּט טאַבאַלצעוו'ן מיט ביי־דע הענד און ציטערענדיג ווי אַ פיש אין וואַסער, האָט זי זיך אָנגעהויבען קלאָגען פאַר איהם אויף איהר לעבען.

— אַנדריושאַ... איך האָב דיך אַזוי ליעב! — האָט זי שטיל געפּליסטערט, פערגעסענדיג אָן אַלעם. זי האָט איהם אַזוי פעסט און שטאַרק אַרומגענומען, אַז ער האָט אַזש דעם אָטהעם ניט געקענט כאַפּען... כאָטש עס איז געווען פינסטער, האָט ער דאָך לעבען זיינע ליפּען דערזעהן איהר שעהן פּנים'ל, וואָס האָט אין גאַנצען געפלאַמט פון ליידענשאַפט, פון אַזאַ ליידענשאַפט, וואָס פאָדערט ניט קיין תירוצים, ווייל זי איז דאָס לעבען אַליין, ווייל זי איז דער אמת אַליין... ער האָט געזעהן, ווי איהרע ליפּעלאַך בעטען זיך ממש אַ קוש...

שטאַרק אונרוהיג האָט איהם דאָס האַרץ אָנגעהויבען קלאַ־פּען. ער איז אין גאַנצען בעהערשט געוואָרען פון דער שעהנקייט פונ'ם דאָזיגען מאָמענט, און ער האָט איהר אַ הייסען קוש געטהאָן אין די ליפּען.

נאָר פּלוצים, סאַמע דאַן ווען זייערע ליפּען האָבען זיך אין אַזאַ הייסען קוש בעהעפט, האָבען זיך דערהערט טריט. סאָניא האָט זיך אין איינע שרעק אַ כאַפּ געטהאָן.

— אַנדריושאַ! — האָבען זיך ביי איהר פונ'ם מויל פּייערליך די ווערטער אַרויסגעריסען, — צוליעב אַזאַ קוש לוינט זיך צו לעבען אויף דער וועלט!... מיין גאָט, ווי בלאַס און נישטיג אַלעס אויף דער וועלט איז אין פערגלייך מיט דיינעם אַ קוש!...

ער האָט זי צוגעפיהרט ביז אַהיים. דאָרטען איז זי איהם וויע־דער אַרויפגעפאַלען אויפ'ן האַלז און איהם דאָס גאַנצע פּנים אויסגעקושט מיט אַזאַ דורשטיגקייט איז זי מיט די ליפּען צו

זיין פּנים צוגעפּאַלען, פּונקט ווי אַ דורשטיגער פאַלט צו צו אַ ברונים וואַסער.

פּאַמעלעך, רוהיג און מיט אַ ריינעם געוויסען האָט ער זיך געלאָזט געהן צוריק. עס איז געווען אַ שטאָק פינסטערע יוני־נאַכט — אַזוי פינסטער, אַז פינף שפּאַן פון די בוימער האָט מען גאָרניט געקענט זעהן. מיט אַמאָל האָט ער זיך אָנגעשטויסען אָן אימיצענס אויסגעשרעקטען פּוס. ער איז שיער ניט אומ־געפּאַלען. לכתחילה האָט ער געמיינט, אַז דאָס האָט זיך עפּעס אַ זשוליק פערלעגט אויף איהם, און ער איז שוין געווען גרייט צו דערלאַנגען קלעפּ. אָנשטרענגענדיג די אויגען, האָט ער דער־זעהן, אַז אַ מאַן זיצט אויף דער באַנק און האַלט די פּיס אויס־געשטרעקט.

— צום שוואַרצען יאָהר זאָלט איהר געהן, ווער איהר זיינט דאָרט! נעהמט אַוועק די פיס אייערע פּונ׳ם וועג איידער איך דערלאַנג מיט׳ן שטעקען!

— קענט איהר ניט זיין אביסעל העפליכער?— האָט ער דערהערט אַ צוצויגענע שטימע.

— ווער איז דאָס? טשערנאָוו? וואָס טהוסטו דאָ? ווי קומסטו אַהער?

— אַ מאָדנע פראַגע! איך זיץ מיר! — האָט די שטימע אַזוי וואַזשנע און ברייטליך זיך געצויגען.

— אַז דו זיצט זיך — דאָס זעה איך. אָבער איך פרעג דיך: ווי קומסטו אַהער? ביזט אפשר דאָ אַ סטאָראָזש (שומר) אויף דער קליינער דאַטשע ביי מיין שוויגער? — און ער האָט שטאַרק חשק געהאַט איהם אויסצופּאַטשען...

— ווי נאַריש! פּאַרוואָס עפּעס גאָר אַ סטאָראָזש? טשער־נאָוו איז ניט קיין סטאָראָזש... ער קען שפּיעלען גרעסערע ראָלען...

— זאָלסט זיך שוין פערנעהמען פון דאַנען! — האָט טאַ־באַלצעוו שטרענג אויסגעשריען. — וואָס פאַר אַ רעכט האָסטו קאַליע צו מאַכען די רעפּוטאַציע פון אַן אונשולדיגער פיינער מיידעל?

— כאַ־כאַ־כאַ ! — האָט טשערנאָוו געלאַכט. — עס איז נאָך אַ פראַגע ווער עס מאַכט קאַליע איהר רעפּוטאַציע — איך צי דו !... איז אַיִן אַלגעמיין — זיי מיר אַזוי גוט, מיין ליעבער פריינד, און מיש זיך ניט וואו מען דאַרף ניט...

— דו זאָג מיר ניט קיין דעות ! — האָט זיך טאַבאַלצעוו נאָך מיט מעהר כעס צושריען. — עס איז ניט דיין עסק. סאָניא איז מיר ניט קיין פרעמדע. זי איז מיין פרוי'ס שוועסטער, און אויב איך קוש זיך אַמאָל מיט איהר, טהו איך דאָס ווען אַלע זעהען... קיין ראָמאַנען מיט איהר פיהר איך ניט... אָבער דו...

— וואָס איך ?

— דער רוח ווייסט דיך וואָס !...

טאַבאַלצעוו האָט מיט'ן שטעקעלע אַ פּאָכע געטהאָן אין דער לופטען. האָט זיך טשערנאָוו דערשראָקען און זיך געגעבען אַ שטעל אויף.

— אויב דו פיהרסט ניט קיין ליעבע מיט סאָניא'ן, — האָט טשערנאָוו געזאָגט, — טו וואָס־זשע אַרט עס דיך אַז איך פיהר יאָ ?

— אַזוי, אַזוי ? פיהרסטו שוין טאַקע מיט איהר אַ ליעבע ?

— אַזוי, אַזוי !

טשערנאָוו'ס טאָן איז געווען אַזאַ פעסטער, אַזאַ זיכערער, אַז טאַבאַלצעוו'ן האָט זיך שרעקליך געגלוסט איהם גוט אויסצוּר־פּאַטשען. אָבער ער האָט פערקריצט די צייהן און זיך איינגע־האַלטען.

— וואָס־זשע פּאַר אַ פּלענער האָסטו ? — האָט ער טשער־נאָוו'ן געפרעגט.

— דעם זעלבען פּלאַן וואָס דו האָסט געהאַט, ווען קאַטיאַ האָט צו דיר דאָס ערשטע מאָל געדאַרפט קומען...

אַזאַ חוצפּה האָט שוין טאַבאַלצעוו ניט געקענט אַריבער־טראָגען און ער האָט דערלאַנגט טשערנאָוו'ן מיט'ן שטעקען איבער די פּיס.

— וואס טהוסטו, דו שלאגסט מיך? — האט טשערנאוו ביין געפרעגט.

יא, איך שלאג דיך!... און אויב דו ועסט נאך אמאל זאגען אזא ווארט, קריעגסטו גלייך מיט'ן שטעקען איבער'ן פרצוף!

— דו ביזט א ווילדער מענש! א סיבירער פויער! די וויכ־טיגסטע פראגען ענטשיידעסטו מיט'ן קולאק... סיבירער מוזשיק!

אין טאבאלצעוו'ס אויגען האט טשערנאוו אין יענעם מאָ־מענט אויסגעקוקט אזוי לעבערליך, אז ער האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און אנגעהויבען לאכען.

— נו, גוט, בין איך דער פויער און דו — דער אריסטאָ־קראט. אבער געדענק זשע, אריסטאקראט מיינער! פונקט אזוי ווי דו זעהסט ניט די אויערען, אזוי וועסטו סאניא'ן ניט זעהן!...

טשערנאוו האט אבגעטראטען מיט עטליכע שפאן צוריק און פון דערווייטענס צוגעווארפען די ווערטער:

— דאס וועלען מיר שוין שפעטער זעהן!... זאל דיך סאניא ליעב האבען, אבער מיר וועט זי אנקומען... זיין וועט זי מיינע!... איך בין א לייטישער מענש, אן אקטיאר, א קינסטלער. און אט וועסטו זעהן ווי גאר אין גיכען וועל איך מיט איהר חתונה האבען, דיר אויף צופיקעניש...

— פאדליעץ! — האט טאבאלצעוו פון צווישען די צייהן מיט כעס ארויסגעזאגט, און זיך געלאזט געהן ווייטער.

טשערנאוו איז געבליבען אליין. א צעהן מינוט איז ער גע־זעסען אויף דער באנק, ביז ער האט זיך בערוהיגט. דערנאך איז ער פאמעלעך אוועק, צוגעגאנגען צו סאניא'ס פענסטער און אנגעהויבען הוסטען... ער האט זעהר געוואלט, אז דוקא איצט זאל זי ארויסגעהן צו איהם און ווי אין די מעהרסטע אויף דער נאכטען זיצען לאנג מיט איהם אין גארטען און זיך קושען. אבער זי איז ניט ארויסגעגאנגען. ארום און ארום איז געווען שטיל און פינסטער.

מיט אמאל האט זיך די טהיר פון דער קיך געעפענט און די דיענסט האט ארויסגעשטעקט דעם קאפ.

— ווער איז דאָרט אַזוי שפּעט?

— דאָס בין איך... טשערנאָוו, — האָט ער געענטפערט. — לאָזט מיך אַריין איבערנעכטיגען... אַ זשוליק האָט מיך בעפאַלען אין מיטען וועג...

ביי דער דיענסט איז קיין נייעס ניט געווען, אַז טשערנאָוו זאָל דאָ נעכטיגען, און זי האָט איהם אַריינגעלאָזט.

ליגענדיג אויפ'ן בעט האָט ער ווידער אָנגעהויבען הוסטען, כדי סאָניא זאָל דערהערען אַז ער איז דאָ. ער האָט געמיינט, אַז ווי זי וועט נור דערהערען, וועט זי גלייך קומען צו איהם אין איין העמד, אַזוי ווי זי איז שוין ניט איינמאָל געקומען ווען ער איז דאָ געבליבען נעכטיגען. זיין גאַנצער קערפּער האָט געברענט פון ליידענשאַפט און ער האָט אַזוי געוואָלט, אַז דוקא היינט אויף דער נאַכט זאָל פערווירקליכט ווערען דאָס, וואָס ער האָט טאַבאָלצעוו'ן געזאָגט, אַז סאָניא וועט איהם אָנקומען.

אָבער אויף זיינע הוסטען האָט זיך סאָניא ניט אָבגערופען. אויף איהרע ליפּען האָט זי נאָך געפיהלט דעם טעם פון טאַבאָל־צעוו'ס הייסע קושען. און זי האָט ניט געוואָלט אַז אַן אַנדערער זאָל זיי אָפּווישען...

אין יענער נאַכט האָט טשערנאָוו מיט בלוטיגע טרעהרען גע־וויינט און זיין גאַנצער קערפּער האָט געברענט פון אייפערזוכט און פייערדיגער ליידענשאַפט.

דרייסיגסטער קאַפּיטעל

ענדע אויגוסט זיינען אַלע אַרויסגעפאָהרען צוריק אין שטאָדט אַריין. עס האָט אַלעמען באַנג געטהאָן פאַרוואָס מען דאַרף זיך שוין שיידען מיט'ן יונגען פאַר־פּאַלק. נאָר קאַטיא איז דוקא געווען צופריעדען דערפון, וואָס ענדליך וועט זי מיט איהר מאַן זיך איבערקלייבען אין אַן אייגענער היים, וואו זי וועט שטענדיג זיין צוזאַמען מיט איהם. זי איז שוין דאַן געווען אין די הויכע

מאנאטען; אין אקטאבער האט זי שוין געדארפט געבארען א קינד, און דערפאר איז איהר געווען זעהר שווער צו פיהרען אזא גרויסע בעל־הבית׳ישקייט. איידער מען איז איבערגעפאהרען אין שטאדט אריין, האט מען זיך געגעבען דאס ווארט, אז בלויז ווינ־טער, אין שטאדט, זאל מען וואהנען בעזונדער, און זומער, אויף דער דאטשע, זאל מען ווידער וואהנען אלע צוזאמען.

די נייע וואהנונג האט קאטיא מיט א בעזונדער מין ליעבע צוגעקליבען ווי אן אמת׳ע ערפאהרענע בעל־הבית׳טע. די שווינער האט פאר זיי אנגעקויפט אלעס וואס מען האט געדארפט, אפילו טעפלעך און געפעס. און טאבאלצעוו האט געמיינט, אז מעהר דארף מען שוין גאר ניט האבען. אבער ער האט א גרויסען טעות געהאט. עס האט זיך אנגעהויבען א נייע סדרה הוצאות; קאטיא האט איהם אלע טאג געוויזען א נייעם צעטעל: דאס האט זי געקויפט א גאנצען פריבאר (סעט) קופערנע געפעס, מעשענע טע־צעלאך, קעסעלאך, בעקעלאך, וואזאנעס און גלאט שמאכטעס, וואס האבען געקאסט א מאסע מיט געלד.

אבזאגען איהר האט טאבאלצעוו ניט געקענט. זי האט גע־וויזען חשבונות און ער האט געצאהלט געלד.

אויך ווען זי האט איהם געבעטען, אז ער זאל איהר ער־לויבען אריינצונעהמען אין הויז אריין איהר קראנקע מוטער און איהר אינגערע שוועסטער, האט ער איהר ניט אבגעזאגט.

— איך האב דיך ליעב און האב ליעב דיין משפחה, — האט ער איהר דערויף געענטפערט. — ווילסט זיי זאלען וואהנען ביי אונז? גוט, זאלען זיי וואהנען.

סאניא איז אודאי געווען צופריעדען דערפון. די מעגליכקייט צו זיין אזוי נאהענט צו טאבאלצעוו׳ן, איז פאר איהר געווען זעהר וויכטיג. צוזאמען מיט איהם איז זי געגאנגען אין טהעאטער, אין דער אפערא, און אן טשערנאוו׳ן האט זי גאר אין גאנצען פערגעסען.

ווי אן אמת׳ע נגידות׳טע האט זיך קאטיא געפירט. עס איז איהר געווען גוט ווי די וועלט — אזוי גוט, וואס בעסער קען

שוין גאָר ניט זיין. יעדען טאָג, נאָכדעם ווי זי איז פאַרטיג גע־וואָרען מיט דער בעל־הבית׳ישקייט, האָט זי זיך צוגעלייגט אויף דער וויכער זאָפע כאַפּען אַ דרעמעל מיט אַ בוך אין האַנד. אין שטוב איז דאַן געווען שטיל. בלויז די אַלטע מאַמע איז אין הויז געווען. טאַבאַלצעוו פלעגט זיין אַ גאַנצען טאָג אין באַנק און סאָניאַ אויף די אוראָקען.

זעהר אָפט איז צו איהר געקומען צו גאַסט די שוויגער, און אויב זי אַליין האָט ניט געקענט קומען, האָט זי מיט דער אויפ־פּאַסערין פעראָסיאַ צוגעשיקט עפּעס אַ מתנה — בלומען, פּרוכ־טען אָדער גוטע קנישעס. אָפטמאָל איז קאַפּיטאַן געקומען צו־גאַסט, ווייל ער איז שוין צו דער שוועגערין געווען אַזוי צוגע־וועהנט, אַז ער האָט זי געמוזט זעהן און פּלאַפּלען מיט איהר אביסעל. אמאָל איז פימאַ אויך געקומען. בלויז ליזאַ איז זעהר זעלטען געקומען אהער צו־גאַסט, ווייל זי האָט ניט געקענט זעהן ווי סאָניאַ איז מיט טאַבאַלצעוו׳ן אין איין הויז.

אָבער קאַטיאַ האָט דאָס גאָר ניט בעמערקט. זי איז איצט צופיעל מיט זיך אַליין געווען פערנומען און זי האָט זיך גאָר ניט אומגעקוקט צי ליזאַ קומט אהער אריין אָפט צי ניין...

טאַבאַלצעוו האָט זיך געמאַכט אַ געוואָהנהייט ניט צו פער־ברייננען די אויף דערנאָכטען אין דערהיים, איהם, דעם פרייען, שטענדיג גאַרענדען מענשען, איז אין דעם „בעל־הבית׳ישען הויז״ געווען צו ענג און דושנע... ווידער אמאָל האָט ער צונויפגעשטעלט אַ טרופּע און אַ פּאָר מאָל אין מאָנאט געשפּיעלט טהעאַטער און דאָס געלד אוועקגעגעבען פאַר דער פּאַרטיי אָדער פאַר נויטה־ליידענדע גענאָסען. קאַטיאַ האָט זיך דערצו בעצויגען גלייכ־גילטיג; עס האָט זי ניט געאַרט, און אַ חוץ דעם האָט זי איהם גלאַט ניט געוואָלט שטערען. די ארבייט אין הויז האָט זי מיעד געמאַכט און זי האָט זיך אויף דערנאָכט פריה געלייגט שלאָפען, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אנשטענדיגער בעל־הבית׳טע...

ער האָט זיך געלעבט אין זיין וועלט, און זי — אין איהר וועלט.

— נו, זוהן מיינער, — האָט די אַלטע מאַדאַם טאַבאַלצעווא איהם איינמאָל געפרעגט, — ביזטו צופריעדען?

— אָ, יאָ, אודאי בין איך צופריעדען. — קאַטיא איז זעהר א גוטע בעל־הבית׳טע, אָבער...

— וואָס אָבער?

— אָבער מיר זיינען צוויי פערשיעדענע מענשען... צייטענווייז קענען מיר זיך איינער דעם אַנדערען ניט פערשטעהן.

— פאַרוואָס?

— כ׳ווייס אַליין ניט... ס׳קומען צו מיר מענשען אין הויז אריין. — אויף זיין פּנים האָט זיך פערשפּרייט א איראָנישער שמייכעל. — דו ווייסט דאָך, מאַמע, איך בין א פּאָפּולערער מענש; מען האָט מיר געמאַכט א שם פאַר א גוטען מענשען און מען האָט זיך איינגערעדט, אַז איך בין רייך... קומט מען. דער בעט מען זאָל איהם אַרויסהעלפען מיט אַביסעל געלד; פאַר דעם דאַרף מען זיך סטאַרען א שטעלע צו געפינען. איז ווען זיי קומען, קוקט קאַטיא אויף זיי ווי א גזלן... דאָ ניט לאַנג צוריק איז צו מיר געקומען א יונגער בחור׳ל, אַזוי פון א יאָהר זיעבע־צעהן־אַכצעהן. ער איז געקומען בעטען איך זאָל איהם טהאָן א טובה, ווייל מען האָט איהם אודאי דערצעהלט, אַז איך טהו טובות... נו, נו, האָסטו געדאַרפט זעהן, ווי קאַטיא איז אויף איהם אָנגעפאַלען! „איהר האָט שוין גאָר ניט צו ווענען זיך צו ווענדען, נור צו מיין מאַן? — מאַכט זי אַזוי צו איהם. — ווער האָט געשיקט נאָך אייך?" איך זאָג דיר, מאַמע, איך האָב זיך שיער ניט בעגראָבען לעבעדיגערהייט... און אויף דעם בחור׳ל איז נעבעך געווען אַזאַ גאָט׳ס רחמנות!... און פרעג וואָס? מיט איינע פופציג רובעל האָב איך דאָס בחור׳ל געראַטעוועט... האָסט געדאַרפט זעהן, ווי נעבעכדיג ער האָט אויסגעקוקט! איך האָב צוויי נעכט איבער דעם ניט געקענט שלאָפען...

— ווייסטו וואָס, זוהן מיינער, — האָט זיך די אַלטע אָנגע־רופען נאָך א קורצען נאָכדענקען, — שיק צו דאָס אינגעל צו מיר. איך וועל איהם שוין ניט פערלאָזען. איך וועל איהם

געבען געלד וויפיעל ער וועט בעדאַרפען און ער וועט לערנען אזוי לאַנג, ביז ער וועט אויסשטודירען און קומען צו א ציעל...
אוים דאַנקבאַרקייט האָט ער זי א קוש געטהאָן.
— מאַמעלע, דו האָסט א גאָלדענע האַרץ!
די אַלטע האָט גוט געוואוסט, אז לויט דער ברייטקייט ווי קאַטיאַ פיהרט דאָס הויז, וועלען טאַבאַלצעווי׳ס פערדיענסטען ניט קלעקען, האָט זי מיט איהם אָבגעמאַכט, אז זי אליין וועט איהם ארויסגעבען דריי טויזענד רובעל א יאָהר, אז קיינער זאָל ניט וויסען. דאָס איז בלויז א טהייל פון די פּראָצענטען וואָס איהר קאַפּיטאַל טראָגט אריין... ער האָט דאָס ניט געוואָלט נעהמען, און עס איז איהר שווער אָנגעקומען ביז זי האָט ביי איהם דאָס גע׳פועל׳ט.
כאָטש זי האָט מיט איהם קיין סך ניט גערעדט וועגען זיין פאַמיליען לעבען, האָט זי דאָך פערשטאַנען, אז אין גאַנצען צופריעדען איז ער ניט. האָט זי איהם איינמאָל כלומר׳שט אין א שפּאַס געזאָגט:
— נו, אנדריושא, שווער צו זיין פערהייראַט, הא?
— וואָס מיינסטו דערמיט, מאַמע?
— איך מיין, פריי פויגעלע מיינס, אז ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג ווערסטו זיך מוזען אונטערהאַקען די פליגעל... איצט איז נאָך צו דערליידען. אָבער שפּעטער וועסטו דאָס מוזען... עס וועלען געבאָרען ווערען קינדער... די פליכטען וועלען ווערען גרעסער. איך וועל שטאַרבען... אַך, אנדריושא, אנדריושא, וועסט מוזען בויגען דיין ברייטע נאַטור! קאַטיאַ, פערשטעהסטו מיך, איז ניט פון יענע פרויען, וואָס לאָזען אָפּ די לייצעס...
— מאַמאַ! — האָט ער מיט א ציטערדיגער שטימע ארויסגעזאָגט. — עס איז אמת אז איך האָב מיין פרוי זעהר ליעב. אָבער איך קען שווערען ביי אַלע היילינגקייטען, אז אפילו איהר וועל איך מיין פרייהייט ניט אוועקגעבען. און איך גיב דיר מיין עהרען־וואָרט, אז אין דעם מאָמענט ווען זי וועט פערמאַכען די טהיר פאַר איינעם פון מיינע פריינד, נו, זאָל זיין פאַר פּאַטאַפּאָוו׳ן —

דאן איז אלעס אוים צווישען אונז!... דארטען וואו מיינע פריינד קענען ניט זיין, וועל איך אויך ניט זיין!...

מיט גרוים אויפרעגונג האט די אלטע מאמע אויסגעהערט די ווערטער פון איהר געליעבטעסטען זוהן. פון זיינע ווערטער איז פאר איהר געווען קלאהר, אז קאטיא, — ווי שטארק איהר כאראקטער זאל ניט זיין, — וועט אנדריושא'ס נאטור ניט קענען בויגען. עס איז איצט פאר איהר געווען קלאהר, אז ווען די טראגעדיע וועט קומען, וועלען זיי ביידע — אי אנדריושא אי קאטיא — זיין גערעכט, ווייל דאס איז א קאמפף צווישען צוויי פערשיעדענע, פיינדליכע וועלט־אנשויאונגען...

זי האט זיך שטארק פערטראכט. און קלערענדיג אזוי, איז ביי איהר אויסגעקומען, אז דאס גאנצע לעבען איז פול און פיעל מיט טעות'ן... אן אונגעריכטער צופאל בינדט צונויף צוויי מענ־שען, וועלכע פאסען זיך גאר ניט איינער פאר'ן צווייטען... א לעבעדיגען ביישפיעל קען זי זעהן אין איהר משפחה... קאטיא, א גאנץ וואוילע פרוי, אבער זי האט ניט געדארפט חתונה האבען פאר אנדריושא'ן, נור פאר קאפיטאנ'ען... זיי פאסען זיך אזוי איינער צום אנדערען... זיי ביידע וואלטען געווען א גליקליך פאר־פאלק! זי וואלט פאר איהם יעדען אבענד צוגעגרייט שווארצע קאפע מיט א גוט גלעזעלע שנאפס און דערנאך וואלטען זיי גערעדט וועגען בונטאווטשיקעס און אידען...זי וואלט געברויכט דאסווארט „זשיד" און ער וואלט גאר אנגעקוואלען דערפון... א גליקליך פאר־פאלק! ליזא — א ווייכע נאטור, א פער־טרוימטע, א פער'חלומ'טע... זי וואלט גאר געדארפט זיין אנ־דריושא'ס פרוי... און פימא — א געזונטע, שעהנע ווייבעל, זי וואלט געדארפט זיין ניקאלאי'ס פרוי... אבער אט אזוי איז דאס שוין אין לעבען: אלץ טהוט זיך נור ווי אויף צו להכעיס...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אין מאנאט אקטאבער האט קאטיא, נאך א מאטערנים פון צוואנציג שטונדען, געבארען א זוהן.

די גאנצע צייט וואס זי האט וועהטאגען געליטען, איז מא־

באַלצעוו פון איהר בעט ניט אַבעטראַטען. אַט האָט ער געהאַלטען איהר האַנד, וואָס האָט איהם פון נערוועזיטעט די פינגער גע־בראָכען אַזוי שטאַרק, אַז עס האָט איהם אַזש וועה געטהאָן; אַט האָט ער צערטליך געקושט איהר שטערן, וואָס איז געווען מיט אַ קאַלטען שווייס בעדעקט... איהם האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז אַזעלכע וועהטאָגען וועט קאַטיאַ ניט אריבערטראָגען און זי וועט שטאַרבען. ער האָט ניט געגלויבט דער אַקושערקע, ניט געגלויבט דעם דאָקטאָר; אפילו איהר אַליין האָט ער ניט געגלויבט, ווען זי האָט איהם בערוהיגט אין אַ מאָמענט ווען די וועהטאָגען האָבען זי אָבגעלאָזט אויף אַ ווײַלע. ער איז געווען גרייט צו פערשילטען דאָס קינד, וואָס דאַרף געבאָרען ווערען, און מיט אויגען פול מיט שרעק, האָט ער ווי אַ וואַהנזיניגער געקוקט אַרום זיך און אריינ־לויפענדיג אין דעם עס־צימער, וואו סאָניאַ איז געזעסען פער־טיעפט אין געדאַנקען, האָט ער עטליכע מאָל דאָס זעלבע איבער־גע׳חזר׳ט:

„אויב זי וועט שטאַרבען, וועל איך זיך דערשיסען!”

זיינע נערווען זיינען געווען אַזוי צורודערט, ער האָט זיך אַזוי פיעל אָנגעמוטשעט אין יענער שרעקליכער נאַכט, אַז ווען די אַקושערקע האָט איהם אָנגעזאָגט די בשורה, אַז זיין פרוי האָט אַ זוהן געבאָרען, האָט זיך ביי איהם פונ׳ם האַרצען אַ ווילדער אויסגעשריי אַרויסגעריסען און ער האָט זיך פאַנאַנדער־געוויינט, פאַלענדיג אויף די קניע און איינגנורענדיג דעם קאָפּ אין קישען, וואָס איז געלעגען אויף קאַטיאַ׳ס בעט.

סאָניאַ האָט דאָס געזעהן, און ערשט דאַן האָט זי פער־שטאַנען ווי טאַבאַלצעוו האָט ליעב קאַטיאַ׳ן, און דערפאַר איז איהר געוואָרען אַזוי שווער, גלייך מען וואָלט איהר נאָר וואָס גע־זאָגט, אַז גאָר אין גיכען וועט זי שטאַרבען...

טאַבאַלצעוו אַליין איז דוקא ניט געווען איבערראַשט דערפון, וואָס ער האָט אַזוי איינגעלייגט די וועלט אין יענער שרעקליכער נאַכט. וואָרים געפיהלט האָט ער, אַז יענע אַלע פריהערדיגע איבערלעבונגען און ליעבעס זיינען גאַרניט אין פערגלייך מיט

דער איבערלעבונג. ווען ער האט זיך מיט א פאר שטונדען שפע־טער שוין אין גאנצען בערוהיגט, זיצענדיג אויף א שטוהל לעבען קאטיא׳ס בעט, האט ער זיך געקלערט אזוי:

„ערשט איצט איז פאר מיר אלעס קלאהר. אין ליזא׳ן האב איך ליעב איהר ליעבע. אין סאניא׳ן איהר קערפער. אבער קא־טיא׳ן האט איך טאקע ליעב אין גאנצען, אזוי ווי זי איז... און דערפאר טאקע גיט זיך איהר מעהר אדער ווענינער איין מיך צו האלטען אין די הענד!...

ארום זיעבען א זייגער אין דערפריה, ווען מען האט דאס קינד אויסגעבאדען און עס אוועקגעלייגט לעבען דער מוטער, האט זי עס אזוי צערטליך אין פנים׳ל א קוש געטהאן און מיט א שוואכער שטימע געזאגט:

— זעה נור, אנדרעי, וואס פאר א שעהן אינגעלע ער איז! ער איז פונקט געראטען אין דיר... זעה נור א נעזעלע! זעה נור א מיילכעל! ער איז מיין גאנץ לעבען... מיין גאנץ לעבען!...

טאבאלצעוו האט זי אנגעקוקט און ניט געקענט פערשטעהן, ווי א מענש קען דאס אזוי ריידען... ווי קען מען דאס שוין ליעב האבען אזא נפש׳ל?

— אנדרעי, גיב עס א קוש!... זעה נור די סאמעטענע בע־קעלעך, וואס ס׳האט!...

ער אליין האט צו דעם קליינעם נפש׳ל גארניט געפיהלט, נור כדי איהר קיין יסורים ניט אנצוטהאן, האט ער עס א קוש געטהאן.

זיעבען א זייגער אין דערפריה איז טאבאלצעוו אליין אוועק צו זיין מוטער, איהר אנזאגען די בשורה, אז קאטיא האט גע־בארען א זוהן. אין דרויסען איז דאן געוועזען א ביסעל נעבעלדיג, אבער די פרישקייט פון דעם פריהמארגען איז געוועזען א מחיה־דיגע, און טאבאלצעוו האט זיך געפיהלט אזוי גוט, גלייך ער וואלט איצטער אליין א נייגעבארענער געוועזען.

א צופריעדענער, אנגעטהאן יום־טוב׳דיג, האט ער געשפאנט, זיך צוגעהערט צום הילוך פון זיינע טריט, און אן אנגענעהמער

גערעדט, האָט איהם געוואָרימט די נשמה: „איך בין שוין אַ טאַטע!... איך בין שוין אַ טאַטע!...“

אַזוי גוט אויפ׳ן האַרצען איז איהם דאַן געווען, אַז ווען זיין מוטער׳ס אויפפּאַסערין פעדאַסיאַ האָט פאַר איהם די פּאַראַדנע טהיר געעפענט, האָט ער איהר מיט אַ צופריעדענעם שמייכעל גלייך אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ער איז שוין אַ טאַטע, כאָטש ער האָט זי פיינט געהאַט בתכלית השנאה און זעלטען ווען צו איהר אַ וואָרט אויסגערעדט...

אין איילעניש איז ער אַרויף אויף די שטיגען, אַריין צו דער מוטער אין צימער און איהר אָנגעזאָגט די בשורה:

— מאַמע, איך בין שוין אַ טאַטע! מיין קאַטיאַ האָט געבאָרען אַ זוהן!

די אַלטע האָט זיך גאָר דערפרעהט:

— מזל־טוב דיר, זוהן מיינער!

עס איז איהר אפילו געווען קשה, וואָס אַ קינד איז געבאָרען ניט געמאַכט. זי האָט גלייך פערשטאַנען, אַז קאַטיאַ האָט געלעבט געוואָרען אַזוי שנעל, אָבער זי האָט וועגען דעם קיין בעמערקונג מיט טאַבאַלצעוו׳ן נאָך פאַר דער חתונה.

איצט האָט ליזאַ אָנגעהויבען קומען אָפט צו טאַבאַלצעוו׳ן אין הויז אַריין, און טאַבאַלצעוואַ ווידער האָט געהאַט אַ גע־לעגענהייט אַרויסצואווייזען איהר געטריישאַפט צו אַנדריושאַ׳ן און קאַטיאַ׳ן. אין אַ וואָך אַרום, ווען זי איז צו זיי צו־גאַסט גע־קומען, האָט זי אַזוי פּשוט זיך דערצעהלט, אַז זי האָט אויפ׳ן קינד׳ס נאָמען אין באַנק אַוועקגעלייגט צעהן טויזענד רובעל...

— וואָס רעדסטו, מאַמע ?! אַזוי פיעל ?

— עס איז גאָר ניט אַזוי פיעל, ווי דיר דוכט זיך...

ליזאַ האָט אויך געבראַכט פאַר׳ן קינד אַ שעהנע מתנה — אַ זיידענע קאָלדרע מיט טהייערע קרוזשעוועס. וויפיעל די מתנה קאָסט האָט זי ניט געוואָלט זאָגען קיינעם, אָבער מבינים האָבען געזאָגט, אַז פאַר אַזאַ קאָלדרע דאַרף מען בעצאָהלען אַ שעהנע מטבע...

איצט האָט ליזא אָנגעהויבען קומען אַלע טאָג. זי האָט אויך אויסגעפונען, אַז דאָס קינד איז געראָטען אין אַנדרעי'ן און ביי זיך אין געדאַנק האָט זי עם אַנדרעש ניט גערופען, נור — „דער קליינינקער אַנדריושא"...

ליידענשאַפטליך האָט זי דעם קינד'ס פּוכקע הענטעלאך גע־קושט און געגאָסען מיט טרעהרען...

— וואָס ווייְנסטו, נאַר איינער? — האָט זיך קאַטיא גע־וואונדערט. — דו דאַרפסט זיך פרעהען, ווייְנסטו גאָר!

ליזא האָט זיך פערשעהמט און זיך אויסגעדרעהט אַזוי:

— טאַקע... אוודאי דאַרף איך זיך פרעהען... זעה נור די שעהנינקע, פּוכקע הענטעלאך!

איבער דעם וואָס ליזא האָט צום קינד אַזוי פיעל ליעבע אַרויסגעוויזען, איז קאַטיא צו איהר ווידער געוואָרען צוגעבונדען. גאַנצע טעג, ווען טאַבאַלצעוו און סאָניא זיינען אין דער היים ניט געווען, איז ליזא איבערגעזעסען ביי קאַטיא'ן אין הויז און אַלץ געלאַשטשעט און געצערטעלט דאָס קינד. אַמאָל פלעגט זי זיך גאָר אין מיטען דערינען פאַנאַדערוויינען און דאַן האָט קאַ־טיא געהאַט טענות צו איהר:

— דו משוגענע ווייבעל, וואָס בעוויינסטו דאָס קינד?

אַן אָפּטער גאַסט איז דאָ געוואָרען קאַפּיטאַן, טאַבאַלצעוו'ס עלטערער ברודער. כמעט אַלע אויף דער נאַכט איז ער געקומען אַהער טרינקען טהעע און פּלאַפּלען אַביסעל מיט קאַטיא'ן וועגען וועלט־זאַכען. אָבער די לעצטע צייט האָט ער אָנגעהויבען בע־מערקען, אַז קאַטיא איז געוואָרען אַן אַנדערע זייט זי איז אַ מוטער געוואָרען; צופיעל האָט זי זיך אָבגעגעבען מיט'ן קינד און מיט קיין וועלט־זאַכען האָט זי זיך מעהר ניט אינטערעסירט...

טאַבאַלצעוו האָט אָנגעהויבען פיהלען, אַז אַ קינד אין הויז איז קיין נחת ניט, נור פּשוט אַ „שטיקעל פלייש", וואָס לאָזט ניט לעבען און קיין קאָפּ ניט אויפהויבען... ווען דאָס קינד איז געשלאָפען האָט ער קיין הויך וואָרט ניט געטאָרט אַרויסריידען... און ווען ער האָט געבעטען קאַטיא'ן, אַז זי זאָל פאַר אַ נאַווינע

אַביסעל שפּיעלען אויף דער פּיאַנאַ, האָט זי איהם אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם.

— ווי קען איך איצט שפּיעלען, אַז אַדיאַ (אַזוי האָט געהייסען דאָס קינד) שלאָפט?

— אַלץ אַדיאַ און אַדיאַ!

האָט עס טאַבאַלצעוו׳ן טאַקע שטאַרק געקרענקט. — אַ שטיקעל פּלייש! אָדער ס׳שלאָפט אָדער ס׳שרייט!...

ניט אומזיסט איז טאַבאַלצעוו אויפ׳ן קינד אין כעס געווען. זינט עס איז געבאָרען געוואָרען איז קאַטיאַ אַן אַנדערע געוואָרען. ווי עס איז נור געקומען ניין אַ זייגער אויף דער נאַכט האָט זי אָנגעהויבען געגעצען און איז געוואָרען שלעפעריג.

— וואָס טהוט זיך מיט דיר, קאַטיאַ? — האָט ער אונצופריעדען געפרעגט.

— איך וויל שלאָפען.

— עס איז דאָך נאָך אפילו ניט ניין דער זייגער? איך וויל גאָר אביסעל פערברענגען מיט דיר...

— ווי קען מען פערברענגען, אַז אַדיאַ׳ן טהוט וועה דאָס בייכעלע און ער לאָזט מיך ניט שלאָפען דורך די נעכט?

— דאָס איז אַ סקאַנדאַל! — האָט ער מיט פערדרוס געזאָגט. — עס קומט אויס, אַז דאָס גאַנצע לעבען הענגט אָפּ פון עפּעס אַ בייכעלע!... און איך מוז דיר זאָגען, אַז זינט דו ביזט אַ מוטער געוואָרען, האָסטו אַ סך פערלאָרען פון דיין ווערדע; עס איז דיך גאָר ניט צו דערקענען...

זי האָט איהם געפעהלט, זי איז איהם אָבגעגאַנגען. אָבער ער האָט זי ניט געקענט קריגען, ווייל זינט זי איז געוואָרען אַ מאַמע, איז זי געוואָרען וועניגער ווייב...

איינמאָל אין אַן אויף־דער־נאַכט האָט ער זי ווילד ליידענשאַפטליך אָנגעהויבען צו צערטלען, ווייל דערפון, וואָס ער האָט מיט איהר גאַנצע דריי חדשים ניט געלעבט, איז ער געווען אויסגעהונגערט...

— לאז מיך אב! — האט זי זיך געריסען, — איך שטארב שלאפען!

איז ער געווארען בייז און איז ארויסגעלאפען פון שטוב...

במעט א גאנצע נאכט האט ער זיך ארומגעבלאנקעט איבער דער שטאדט. אהיים איז געקומען ערשט פארטאג, ווען קאטיא איז שוין געשמאק געשלאפען. די טהיר האט איהם געעפענט סאניא.

— האט קאטיא געפרעגט אויף מיר?

— ניין, — האט סאניא געענטפערט. — וואס דארף זי דיך האבען, אז זי האט אדיא'ן?...

איהרע ווערטער האבען איהם א שטאך געטהאן אין הארצען.

און קאטיא'ן איז דאס גאר ניט אנגעגאנגען, וואס ער איז אזוי צדרעהט און צוטראגען. זיינע צערטליכקייטען זיינע איהר ניט אבגעגאנגען. זי האט זיי ניט געוואלט, ווייל פון ביכער האט זי געוואוסט, אז פון אזעלכע צערטליכקייטען, וואס רעגען אויף, ווערט קאליע די מילך אין די ברוסט... און דערצו טאר זי ניט דערלאזען, ווייל דאס קען נאך חלילה שאדען דעם קינד...

— אבער, קאטיא, — האט ער צו איהר געהאט א טענה, וואס וועט זיין דער סוף? מילא, אז מען זויגט א קינד דארף מען שוין ניט לעבען?...

— לייען איבער, — מאכט זי צו איהם, — וואס טאלסטאי שרייבט וועגען דעם...

— אבער וואס גערט מיך אן, וואס טאלסטאי שרייבט! טאלסטאי איז שוין אן אלטער מאן... און חוץ דעם: איך האב מיט דיר ניט חתונה געהאט אויף צו לייענען טאלסטאי'ן...

— אנדריושא, וואס רעדסטו נארישקייטען? ווייסטו דען ניט, אז קינדער זיינען דער ציעל פון הייראטה? מיר האבען א קינד און דערפאר דארפען מיר זיך אבזאגען פון אייגענעם גענוס...

— פארוואס? — האט ער געפערגט. — האב איך דען אויפגעהערט צו זיין דאס וואס איך בין דורך דעם, וואס איך בין

געוואָרען אַ טאַטע?... איך בין אַ לעבעדיגער מענש און איך קען זיך אָהן דעם ניט בעגעהן...

קריגען זיך מיט איהם אָבער האָט זי ניט געוואָלט שטיל און געלאַסען האָט זי איהם געגעבען צו פערשטעהן, אַז אַ קינד איז ניט קיין קלייניגקייט, אַז דער צוּיבער פון יענע צייטען איז שוין פאַראיבער און אַז כל זמן זי זויגט אַ קינד וועט זי מיט איהם ניט לעבען, ווי אַ ווייב מיט אַ מאַן.

— און ווי לאַנג דענקסטו צו זויגען דאָס קינד?

— ניט ווענ־גער ווי נײַן חדשים... לייען איבער, וואָס פּראָ־פעסאָר זשול שרייבט וועגען דעם אין זיין בוך „מוטער און קינד".

— און איך וועל ניט לייענען וואָס דער נאַרישער פּראָפע־סאָר דיינער שרייבט דאָרטען, — איז ער געוואָרען בייז. — און וואָס, זאָגט עפּעס דיין פּראָפעסאָר, דאַרפען טהאָן די מענער אין דער צייט? גיט ער זיי אפשר אַרוים אַ הכשר, אַז זיי מעגען האָבען צו טהאָן מיט אַנדערע פרויען אין דער צייט ווען זייערע אייגענע פרויען זויגען די קינדער?

דערפאַר איז זי געוואָרען בייז און איהם גאָר ניט געוואָלט ענטפערען.

איינמאָל ווען ער האָט זי געוואָלט אַ קוש טהאָן און זי האָט זיך אויסגעריסען פון זיינע הענד, האָט ער אונצופריעדען אַ בור־טשע עטהאָן: — איצט איז פאַר מיר קלאָר, אַז דו האָסט מיך מעהר ניט ליעב...

— וואָס פאַר אַ נאַרישקייט! — האָט זי פּראָטעסטירט גע־גען דעם. — ווי קען איך דיך ניט ליעב האָבען? דו ביזט דאָך אדיא׳ס טאַטע!

די גאַל איז איהם שיער ניט צופּלאַצט געוואָרען דערהערענ־דיג אַזאַ ענטפער, — וואָס הייסט עפּעס זי האָט איהם ליעב דער־פאַר, וואָס ער איז אדיא׳ס טאַטע! נו, און ער אַליין איז גאָר־ניט?...

ער האָט אַזוי געליטען איבער דעם, אַז ער איז שרעקליך אַ תל געוואָרען, ווייל ער האָט אין דערהיים מיט דער ווייב ניט גע־

קענט פערברענגען, האָט ער אָנגעהויבען פערפּאַלען ווערען אין די אויף דערנאַכטען. ער האָט גענומען ארומשפּאַצירען מיט טאַניאַ'ן, מיט ווערא'ן און איז געוואָרען אַן אָפטער גאַסט ביי ליזאַ'ן.

— אויף וועמען ביזטו ברוגז? — האָט ליזאַ איינמאָל גע־פרעגט, זעהענדיג ווי ער זיצט אַזוי אָן אָנגעכמורעטער, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט אויף איהם ארויפגעפאַלען.

— איך בין ברוגז אויף זיך אַליין, ליזאָטשקאַ, אויף זיך אַליין... צו וואָס האָב איך בעראַרפט חתונה האָבען?... וואָרים עס איז דאָך אַ מערקווירדיגע זאַך ווי פרויען בייטען זיך נאָך דער חתונה!... עס איז נאָך גוט, וואָס דו, ליזאָטשקאַ, האָסט קיין קינדער ניט...

ליזאַ האָט איהם דערויף גאָרניט געענטפערט, ווייל אין אַזעל־כע פעלע איז זי געווען זעהר פאָרזיכטיג.

ער איז לאַנג געזעסען ביי איהר אין צימער פערטראַכט און געשוויגען. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען ריידען עפּעס אין מיטען דערינען, ווי ער וואָלט אויפ'ן קול פאָרטגעזעצט דאָס, וואָס ער האָט נור וואָס געטראַכט:

— אָט אַ שטייגער איהר שפּיעלען! — מאַכט ער אַזוי גאָר פּלוצים. — עס איז דאָך גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז זי איז אַ גרויסער טאַלאַנט. ווען זי וואָלט איבער איהר טאַלאַנט גע־ארבייט, וואָלט זי זיכער אַ וועלט־בעריהמטע קינסטלערין געווען... אָבער צו די צרות איז זי געוואָרען אַ מאַמע, און דאָס האָט אין איהר די גאַנצע אמביציע אוועקגע'הרג'עט... די פּיאַנאָ שטעהט פערלאָזט, פערשטויבט; זי ריהרט זיך אפילו קיינמאָל ניט צו צו איהר... און איך האָב דאָך אַזוי ליעב געהאַט צו הערען ווי זי שפּיעלט!...

— גענוג שוין וועגען דעם צו ריידען, אַנדריושאַ, — האָט איהם ליזאַ איבערגעשלאָגען, — זי וועט נאָך ווערען אַנדערש...

— ניין, איך האָב מורא, אַז זי וועט שוין אַזוי פערבלייבען... ובפרט נאָך, אויב זי וועט האָבען נאָך אַ פּאָר קינדער, וועט זי

אין גאַנצען פערפאַלען ווערען... די קליינע נפשה׳לאך וועלען איהר נשמה אין גאַנצען אויפעסען...

און געענדיגט מיט אַ זיפץ:

— אַך, ליזאַ, ליזאַ! ניט גוט... זעהר ניט גוט!...

ביים עסען האָט איהם סאָניאַ איינמאָל געזאָגט:

— וואָס איז מיט דיר, אַנדריושאַ? דו ביזט דאָך געוואָרען אַזוי אַ תל, אַז עס איז דיך גאָר ניט צו דערקענען. ביזט אפשר ניט געזונד?

— יאַ, דו ביזט טאַקע געוואָרען אַ תל, — האָט זיך קאַטיאַ שוין אויך אויף איהם אומגעקוקט. און וואָס איז טאַקע דער חידוש? דו שלאָפסט זיך ניט אויס... פאַרוואָס זאָלסטו ניט אַמאָל זיצען אין דערהיים אָן אויף דערנאַכט?

— צוליעב וועמען? צוליעב דיר?

— פאַרוואָס ניט צוליעב מיר?

— אָבער דו לייגסט זיך דאָך שלאָפען ניין אַ זייגער!

— נו, איז וואָס־זשע? איך בין מיעד, לייג איך זיך פריה שלאָפען...

פערליעבט אין איהר איז ער נאָך איצט אויך געווען ביז איבער די אויערען. נאָך איהר קערפער האָט ער נאָך איצט אויך אַזוי געגאַרט, אַז ער האָט אין גאַנצען געברענט. איז ער ביי־נאַכט געקומען צו איהר אין שלאָף־צימער, און ווען ער האָט זי גענומען לאַשטשען און צערטלען, האָט זי ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון און האָט זיך איהם איבערגעגעבען.

נאָך דעם האָט ער געמיינט, אַז איצט איז שוין אַלעס גוט. אָבער זי האָט איהם ווידער גענומען אויסמיידען. און אַלע מאָל, ווען ער איז ביינאַכט צו איהר אין שלאָף־צימער אריין, האָט זי געפונען עפּעס אַן אויסרייד אריינצורופען די דיענסט...

די שטורמדיגע ליידענשאַפט האָט איהם ניט געלאָזט רוהען. ער האָט געפיהלט, אַז ער מוז זי האָבען, אַז ער מוז זיך מיט איהר ליעבע אָנזעטיגען, אַלאַ ניט, וועט ער פערברענט ווערען. איז ער איינמאָל ביינאַכט ווי אַ ווילדער אריינגעלאָפען צו איהר אין

שלאף־צימער און זי א כאפ געטהאן אין זיינע אָרימס, בעדע־קענדיג איהר פנים מיט הייסע קושען.

כאטש זי האט זיך ניט געוועהרט, האט ער אבער אין איהרע אויגען געזעהן, ווי זי הערט זיך איין צו יענעם צימער, וואו אדיא שלאפט... און דאס האט איהם אזוי פערדראָסען, אז זיין גאנצע לײדענשאפט איז מיט אמאל אבגעקיהלט געוואָרען, און ער האט זי פון זיך א שטויס געטהאן.

— וואוהין לויפסטו אוועק, אנדריושא?

— א גוטע נאכט! — האט ער קאלט געזאגט, און איז אוועק, געבענדיג א שטארקען קלאפ מיט דער טהיר.

— הער זיך נור איין, אנדרעי, — האט זי איהם אויף צווייטען טאג געזאגט, — וואס פאר שטיק דו פראוועסט, הוים איך ניט אן צו פערשטעהן. וואס ביזטו ניט צופריעדען? וואס פעהלט דיר? בין איך דען ניט יוצא פאר דיר?

אט די ווערטער האבען איהם אזא שטארקען קלאפ געטהאן אין קאפ אריין, אז ער האט זיך אזש ביי די שלייפען פון שטערן א כאפ געטהאן.

— גאט מיינער! איך בעט דיך, רעד ניט צו מיר אזוי! — האט ער אויסגעשריען קריצענדיג מיט די צייהן. — וואס פאר ווערטער זיינען דאס? „בין איך דען ניט יוצא פאר דיר“! איך וויל ניט, אז דו זאלסט זיך אונטערגעבען דערפאר, וואס דו האסט אויף זיך די פליכטען פון א פרוי! מיט דיין קערפער אליין קענסטו מיין נשמה ניט אנזעטיגען. פאר די פיער מאנאטען זינט דו ביזט א מאמע, איז ניט נור מיין קערפער אויסגעהונגערט, נור אויך מיין נשמה... איך וויל ניט, אז דו זאלסט זיך מיר אונטערגעבען דערפאר, ווייל דו ביזט מיין פרוי. איך וויל דיין פייער, דיין ברענענדיגע לײדענשאפט! עס פעהלט מיר. אהן דעם קען איך זיך ניט בעגעהן!... פשוט'ע מענער פיהרען זיך געוועהנליך אויף אזוי: ווען די ווייב זויגט א קינד, ווען זי ערפילט איהרע פליכטען, קוקט ער אויף איהר ווי אויף א הייליגקייט, און כדי ניט צוצושטערען דעם רוהיגען „נעסט“, געהט

ער אוועק שטילען זיין ליידענשאַפט ביי אַ גאַסען־פרוי... וואָרים אויף דער ווייב איז דאָך אַ רחמנות. און די געזעלשאַפט האָט גאָרניט געגען דעם; מען האַלט איהם פאַר אַ פיינעם מענשען, וואָס ווייסט ווי צו שעצען און אָבהיטען זיין היים... איך קען דאָס אָבער ניט! איך גאַר נאָך דיין ליידענשאַפט, נאָך דיין נשמה. איך בין קראַנק פון ליידענשאַפט צו דיר, קאַטיאַ! אָבער איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט מיר זיך איבערגעבען גלאַט אַזוי זיך, נור מיט פייער!

ער האָט געדענקט, אַז זיינע ווערטער וועלען פאַר איהר זיין קלאָר גענוג און זי וועט פערשטעהן אַז ער קען ניט זיין אַזוי ווי אַנדערע, אַז ער האָט גרעסערע פאָדערונגען. אָבער זי האָט זיך ענטזאָגט איהם צו פערשטעהן...

און איבער דעם האָבען זיך אָנגעהויבען גאַנץ ערנסטע רייבונגען אין זייער פאַמיליע־לעבען. זי איז אַלץ געוועזען צופיעל פערנומען מיט'ן קינד, און אַלעמאָל איז איהר איינגעפאַלען עפּעס אַן אַנדער שמאָכטעלע פאַר'ן קינד צו קויפען.

— אַנדרעי, — מאַכט זי איינמאָל צו איהם, — מען דאַרף פאַר אַדיאַן קויפען אַ באָדע־טישעל. עס קאָסט אין גאַנצען פינף און צוואַנציג רובעל. זעהר אַ בעקוועמע זאַך.

— און איך דענק אַז מען קען זיך בעגעהן אָהן דעם, — האָט ער קאַלט געזאָגט.

— ניין, מען קען זיך ניט בעגעהן אָהן דעם! פּראָפעסאָר זשוק זאָגט בפירש אין זיין בוך „מוטער און קינד“ אַז...

— אַך, דרעה מיר נישט קיין מח מיט די זשוקען און מיט די שטשורעס! — איז ער געוואָרען בייז. — דו ווערסט אונערטרעגליך... מענשען שטאַרבען פאַר הונגער, און דיר ליגט אין קאָפּ אויסצוברענגען פינף און צוואַנציגערס אויף פּוסטע זאַכען...

— פּוסטע זאַכען? זשוק זאָגט דאָך בפירוש, אַז...

— איך וועל דעם בוך פערברענען, — האָט ער זי ניט געלאָזט ענדיגען, — עס איז מיר נמאס צו הערען ווי דו פּלאַפּעלסט נאָך אַלעם וואָס אין בוך שטעהט.

— דו ביזט ניט קיין געטרייער מאן — האָט זי אָנגעהויבען שרייען. — ווי קען איך האָבען רעספעקט פאר דיר, אז דו ביזט ניט קיין געטרייער טאַטע?

— נו, האָב ניט קיין רעספעקט! עס ארט מיך ווייניג וואָס...

און ער איז אוועק, געבענדיג א שטאַרקען קלאַפּ מיט דער טהיר.

דאָס איז געווען דער ערשטער ערנסטער רוגז. אזוי אונער־וואַרטעט איז ער ארויסגעקומען, אז קאַטיא האָט זיך אַזש פאַנאַנ־דערגעוויינט.

די וואַנט וואָס האָט זיך צווישען זיי אוועקגעשטעלט, איז געוואָרען אַלץ דיקער און העכער. זי האָט זיך בשום אופן ניט גע־קענט בעציהען צו מענשען ווי ער. אויף די מענשען, וועלכע זיינען געקומען אָפט צו איהם בעטען הילף, האָט זי געקוקט ווי אויף בלוטיגע שונאים, און עטליכע מאָל האָט זי אייניגע מענשען פּשוט געזאָגט, אז זיי זיינען שלעפּערס, און דאָס האָט איהם שטאַרק גע־קרענקט. און ער האָט איהר אָנגעזאָגט מיט'ן הארבען וואָרט, אז ווען אימיצער וועט קומען דאַן ווען ער וועט אין דער היים ניט זיין, זאָל זי ארויסשיקען די דיענסט זאָגען, אז ער איז ניטאָ, און אַליין זאָל זי מיט קיינעם פון די מענשען קיין געשפּרעכען ניט פערפיהרען.

כדי עס זאָל ניט קומען דערצו אז זי זאָל נאָך אמאָל אימיצען אויסזידלען, האָט ער אויף דער טהיר אויפגעהאנגען א שילד, אז ווער עס וויל איהם זעהן פּערזענליך, זאָל קומען צווישען זעקס און זיעבען אזייגער פארנאַכט.

— די איינציגע שטונדע וואָס מיר האָבען געקענט זיין צו־זאַמען האָסטו אויך אוועקגעגעבען פרעמדע רוחות! — האָט זי גע־האַט א טענה צו איהם. — אָבער אז דיר איז גוט אזוי איז מיר אויך גוט...

איין און דרייסיגסטער קאַפּיטעל

איבער דעם וואָס קאַטיאַ האָט זיך ביינאַכט ניט געקענט אויסשלאָפען צוליעב׳ן קינד, האָט זי איינגעפיהרט, אַז אַלע טאָג זאָל זי שלאָפען אַ פּאָר שטונדען.

מאַכט זיך גראָדע איינמאָל אַז זי שטעהט בייטאָג אויף מיט אַ שטונדע פריהער און עס גלוסט זיך איהר אריינצוגעהן צו דער מוטער אין צימער און זעהן וואָס ס׳הערט זיך עפּעס דאָרטען.

ווי זי האָט נור די טהיר פונ׳ם צימער געעפענט איז זי גע־בליבען שטעהן אויף דער שוועל ווי אַ פערגליווערטע. זי האָט אין צימער דערזעהן טשערנאָוו׳ן, און דאָס איז פאַר איהר געווען אַן איבעררעשונג. — ווי קומט ער אהער?

טשערנאָוו האָט זיך אויפגעהויבען און אין גרויס פערלעגענ־הייט זיך אַ נייג געטהאָן פאַר איהר, אָבער זי האָט איהם אפילו ניט געענטפערט. סאָניא איז געבליבען זיצען אַ צוטומעלטע און גענומען פיהרען מיט׳ן האַנד איבער׳ן טישטוך.

אַ ווייל̈ע האָבען אַלע איינע אויף די אַנדערע געקוקט. פון קאַטיאַ׳ס אויגען האָט עס מיט פייער געשפּריצט. מיט אַמאָל האָט זי צוריק צוגעמאַכט די טהיר מיט אַ שטאַרקען קלאַפּ און איז אַרויס אין דרויסען.

די רציחה האָט אין איהר געברענט:

— אַזאַ פוילענצער! אַזאַ גאָרניט! ווי האָט ער עס גאָר געוואַגט די שוועל פון הויז אַריבערצוטרעטען? ניט אַנדערש, נור סאָניע האָט איהם אהער זאַנאַדיעט... אַזאַ פּאַסקודנע מיי־דעל!...

זי האָט געוואַרט ביז טשערנאָוו איז אוועק. דאַן איז זי אריינ־געגאַנגען צוריק אין הויז אריין און אריינגערופען די שוועסטער.

— סאָניאַ! — האָט זי איהר שטרענג געזאָגט. — איך וויל

ניט, אז ער, דער פוילענצער, זאָל אַריינקומען צו מיר אין הויז! דו הערסט?

סאָניא האָט געשוויגען.

— וואָס שווייגסטו? — האָט זי אויף איהר אָנגעהויבען שרייען. — דו פאַסקודנע, אויסגעלאַסענע מיידעל וואָס דו ביזט!...

סאָניא'ן האָבען זיך געשטעלט טרערען אין די אויגען. זי האָט מורא געהאָט אַ וואָרט אויסצורעדען. אָבער מיט אַמאָל האָט זי בעקומען מוטה און אַרוים מיט לשון:

— איך ערלויב דיר ניט אַז דו זאָלסט מיך אַזוי בעליידיגען... אויב דו וועסט זיך נעהמען דאָס רעכט אַזוי צו שרייען אויף מיר, מיך אַזוי צו זידלען, וועל איך מיר אַוועקגעהן!

קאַטיאַ איז ווי צוגעוואַקסען געוואָרען צו דער ערד.

— ווערסט זיך אַוועקגעהן? וואוהין?

— צו טשערנאָוו'ן... גענוג שוין זיך אָנגעליטען פון דיר! דאָס איז דען אַ לעבען, דאָ אין דעם הויז? דאָס איז דאָך אַ טורמע! איך קען דאָס שוין מעהר ניט אַריבערטראָגען! איך קען ניט...

— קאַטיאַ'ן האָבען זיך די פּיס אונטערגעהאַקט.

— צו מיר רעדסטו אַזוי? האָב איך זיך דען ניט אַלע מאָל געסטאַרעט, אַז דיר זאָל זיין גוט? ווייניג האָב איך זיך פאַר דיר מקריב געווען? און וואָס פעהלט דיר איצט?

— מיר פעהלט אַלעס...

— פאַרוואָס? האָסטו דען ווייניג צו עסען? ביזטו דען ניט ביי מיר ווי ביי זיך אין דערהיים?

— דאָס איז אָבער גאָרניט, — האָט סאָניא אַנגסטליך געזאָגט. — איך האָב ניט אַזעלכע קליינע השגות, אַז איך זאָל זיך צופריעדען שטעלען דערמיט וואָס איך האָב וואָס צו עסען און וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרען... דו מיינסט, אַז דו מאַכסט מיך גליקליך. אין דער אמת'ן איז אַז איך בין גאָר אַן אונגליקליכע... יאָ, יאָ, איך בין אַן אונגליקליכע! און איך יאָ, יאָ, איך... אַנדערע לעבען און זיינען אַזוי גליקליך!

— אהא, איך פערשטעה שוין, — האָט קאַטיאַ געזאָגט. — דו פערגינסט מיר ניט מיין גליק... דו ווילסט ניט ליידען, וואָס איך האָב חתונה געהאַט און דו ניט? אָבער סאָניאַ, דו ביזט דאָך נאָך אַ יונגע מיידעל און דו וועסט נאָך אויך זיין גליקליך. צו וואָס זאָלסטו זיך וואַרפען אויפ'ן האַלז אַזאַ פוילענצער?

— ער האָט מיך ליעב! — האָט סאָניאַ מיט שטאָלץ אויס־געשריען.

— אידיאָטקע וואָס דו ביזט! „ער האָט מיך ליעב". עפּעס אַן אויסוואורף זאָגט איהר אַז ער האָט זי ליעב, און זי פרעהט זיך! מיט'ן פוס דאַרפסטו אוועקשאַרען אַזאַ פּאַסקודנעם געמיי־נעם יונג... ער קען דען ליעב האָבען? ער האָט דען אַ נשמה? ער האָט דאָך גאָר זיין נשמה שוין לאַנג פער'שכור'ט!...

— איך וויל פון דיר אַזעלכע ווערטער ניט הערען! — האָט סאָניאַ פּראָטעסטירט, און זיך געלאָזט געהן צו דער טהיר. אָבער קאַטיאַ איז איהר דעם וועג פערלאָפּען, זי אָנגעכאַפּט שטאַרק ביי די אַקסלען און זי געגעבען אַזאַ שטויס, אַז זי איז אומגעפאַלען אויף דער ערד.

אין דער מינוט, דערזעהענדיג ווי סאָניאַ ליעגט אויף דער ערד, האָט שוין קאַטיאַ'ן באַנג געטהאָן פאַרוואָס זי איז געוואָרען אַזוי בייז, פאַרוואָס זי האָט זי אַ שטויס געטהאָן. אָבער בייטען דעם טאָן האָט איהר ניט געפּאַסט, און זי האָט ווייטער געשריען:

— זאָלסט זיך ניט דערוועגען מיט מיר אַזוי צו ריידען! ווען איך רעד צו דיר, מוזטו הערען! דו, נאַרישע מיידעל, דו מיינסט, אַז איך בין דיר אַ שונא. איך מיין דאָך דיין טובה... וואַרט, וואַרט, איך וועל אַלעם דערציילען דער מאַמען, וועלען מיר הערען וואָס זי וועט זאָגען וועגען דיין „ליעבע"...

— די מאַמע ווייסט, אַז ער האָט מיך ליעב, — האָט סאָניאַ געענטפערט, זיצענדיג אויפ'ן ראָג.

— זאָלסט זיך ניט דערוועגען צו דערמאָנען די ווערטער אַז ער האָט דיך ליעב! דו הערסט!

— ער וויל מיט מיר חתונה האָבען... — האָט סאָניא ווי אויף צו להכעיס געענטפערט.

קאַטיא׳ן האָט שיער דאָס לשון אָפּגענומען און דאָס גאַנצע בלוט איז איהר אין פּנים אריינגעקומען.

— חתונה האָבען? ער? אזא פּאָדליעץ?! זיין פוס זאָל מיין שוועל ניט אריבערטרעטען.

און אויסער זיך האָט זי זיך געלאָזט לויפען צו דער מוטער אין צימער.

די מוטער איז אזש בלאַס געוואָרען, ווען זי האָט דערזעהן ווי קאַטיא איז בייז און סאָניא — איבערגעשראָקען.

— מאַמע... — האָט זי אויסער זיך גענומען ריידען אונ־געדולדיג, — געשיקט זיך, אז דו ווייסט דאָס, אז ער, טשערנאָוו, איז פערליעבט אין סאָניאַן?...

— זיי ניט בייז, טאָכטער מיינע, — האָט זיך די מוטער אָנגערופען. — גלויב מיר אז ער איז אַ גאַנץ פיינער יונגער־מאַן... אַ לייטישער מענש...

— וואָס? — איז קאַטיא געווען איבערראשט. — ער איז אַ לייטישער מענש? לייטישע מענשען ארבייטען, פערדיענען געלד אַן האַלטען אוים זייערע פאַמיליעס, און ער, דער פוילענ־צער, דער אויסוואורף, האָט די גאַנצע צייט געלעבט אויף מיין מאַן׳ס חשבון...

— אהא, — האָט זיך סאָניא אריינגעמישט. — דערפאַר ביזטו ברוגז אויף איהם! פאַר אַ גראָשען קענסטו דאָך אַ מענשען ווערען אַ שונא אויפ׳ן לעבען...

— שווייג! — האָט קאַטיא מיט רציחה געגעבען אַ געשריי און אַ טופּע געטהאָן מיט׳ן פוס. — איך רעד ניט צו דיר... מאַמאַ... מאַמאַ... בעדענק זיך! דיין קינד וואַרפסטו אין די אָרעמס פון אַ שכור...

— ער איז שוין ניט קיין שכור, — האָט די מוטער שטיל געזאָגט. — ער האָט שוין אויפגעגעבען דאָס טרינקען... זינט

ער האָט זיך פערליעבט אין סאָניאַ'ן איז ער געוואָרען אַ לייד־טישער מענש...

— וואָס טהוט זיך דאָ? — האָט קאַטיאַ געצויגען מיט די אַקסלען. — מיט וואָס פאַר מיטלען, וואָלט איך געוואָלט וויסען, האָט ער אייך אַלעמען אַזוי פערדרעהט די קעפּ? „אויס ליעבע צו סאָניאַ'ן האָט ער אויפגעהערט טרינקען". אָבער, אום גאָר־טעס ווילען, ווי פערשטעהט מען ניט אַזאַ פּשוט'ע זאַך? פאַר איהם, פאַר דעם פוילענצער, לוינט זיך פּשוט צו זיין „פערליעבט" אין סאָניאַ'ן; ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז אַבי ער וועט דיר געפעלען, וועט ער זיך שוין קענען אַוועקזעצען ביי מיר אויפ'ן קאָפּ ווייעדער ווערען אַ קעסט־קינד און לעבען אויף מיין חשבון...

ביי דער מוטער האָט זיך דער קאָפּ אַזש אָנגעהויבען טרייס־לען, ווען זי האָט פון קאַטיאַ'ס מויל דערהערט אַזעלכע ווערטער.

— שווייג! שווייג! — האָט זי מיט כעס אויסגעשריען. — זאָלסט זיך ניט דערוועגען, קאַטיאַ, מיט מיר אַזוי צו ריידען!... ארויס!... ארויס פון דאַנען!... איך וויל פון דיר מעהר אַזעלכע ווערטער ניט הערען! — און זי האָט דער טאָכטער מיט דער האַנד אָנגעוויזען אויף דער טהיר.

ווייס ווי קרייד איז קאַטיאַ ווי אַ פערגליווערטע געבליבען שטעהן. זי האָט נאָך קיינמאָל איהר מוטער אַזוי אין כעס ניט געזעהן. זי איז געוועזן גערירט ביז די טיעפסטע טיעפעניסען פון איהר נשמה.

— דו... טרייבסט מיך ארויס? — האָט זי קוים ארויס־געשעפּטשעט.

— ארויס פון דאַנען! ארויס!... איך וועל ניט ערלויבען אַזוי צו בעליי־די־גען! — האָט די אַלטע קוים די ווערטער ארויס־געצויגען.

— איבער דער פוילענצער, איבער דעם אויסוואורף טרייב־סטו מיך ארויס? איז ער דיר, הייסט עס, טהייערער פאַר מיר?... גו, אַ דאַנק דיר, מאַמאַ! אַ דאַנק...

איינקאָרטשענדיג זיך אין דרייען איז זי ארויסגעגאַנגען און

זיך אפילו ניט אומגעקוקט. סאָניא האָט געזעהן, ווי פון יענער זייט שוועל האָט זי זיך אַ שאָקעל געטהאָן, ווי זי וואָלט אומ־געפאַלען...

— גיב מי־רר אַ־בי־סעל וואַ־סער! — האָט די מוטער מיט אַ הייזעריגער שטימע קוים ארויסגערעדט, מאַכענדיג צו סאָניא׳ן מיט דער האנד. — ש־ש־נעל, אביסעל וואַ־וואסער!

סאָניא האָט זיך אין איינע שרעק אַ וואָרף געטהאָן און דערזעהן, ווי די מוטער האלט זיך מיטביידע הענד פאר׳ן האלז, ווי עס וואָלט זי געשטיקט. איהר פּנים איז בלוי ווי אַ מילץ און די ליפּען ציטערען. מיט אמאָל זיינען דער אַלטער ביידע אויגען ארויסגעשטארט געוואָרען, ווי די באַנקעס. אַ כאָרכלענ־דיגער אָטהעם האָט זיך ארויסגעריסען פון דער ברוסט צוזאמען מיט האלבע, אונפערשטענדליכע און עפּעס מאָדנע אונמענשליכע קלאַנגען. דאָס פּנים איהרס איז מיט אמאָל געוואָרען שרעקליך...

— סאָ־ סאָ־ סאָ־ סאָ־ אָ. — האָט סאָניא געהערט ווי די מוטער מוטשעט זיך איהר נאָמען ארויסצורייידען, און די רעכטע האנד בעוועגט זיך עפּעס ניט אזוי אין דער צייט ווען די לינקע האנד הענגט ארונטער אזוי שווער, ווי זי וואָלט דעם גאנצען קערפּער מיטגעשלעפּט.

אין ווילדע שרעק האָט סאָניא אַ קוויטש געטהאָן און זיך אַ וואָרף געטהאָן לויפען. און אָט דעם קוויטש האָט מען איבער׳ן גאנצען הויז דערהערט. מיט אַ מורא׳דיגער שארפקייט האָט ער זיך איבער אַלע צימערען אַ שנייד געטהאָן און אַלעם אויפגע־רודערט.

ווען קאטיא איז צוריק אין צימער אריינגעלאָפען און גע־פאלען פאר דער מוטער אויף די קניע, איז שוין ביי יענער דאָס פּנים געוועזען איסגעדרעהט, דער קאָפּ פערוואָרפען, פון איהר ברוסט האָט זיך געהערט אַ כאָרכלען און זי האָט שוין קיינעם ניט גע־קענט דערקענען.

— מאמע, פררגיב מיר! מאמע... — האָט קאטיא אָנגע־הויבען וויינען און קלאָגען. — מאמע...

עס איז געוואָרען אַ טומעל. מען האָט געשיקט נאָך אַ דאָקטאָר. טאַבאַלצעוו'ן האָט מען באַלד געבראַכט אַהיים. דאָס גאַנצע הויז האָט גענומען געהן כּאַדראַם, און קאַטיאַ איז פון דער מוטער ניט אַבגעטראָטען.

— אויב זי וועט חלילה שטאַרבען, — האָט זי טאַבאַלצעוו'ן געזאָגט, — וועל איך אויך שטאַרבען... מיין געוויסען וועט מיך ניט לאָזען רוהען!...

צוויי מעת־לעת האָט די מוטער געשוועבט צווישען לעבען און טויט. אויפ'ן דריטען טאָג האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז די געפאַהר איז שוין אַוועק, די אַלטע וועט בלייבען לעבען, אָבער צום זינען וועט זי שוין קיינמאָל ניט קומען. איהר פער־שטאַנד וועט זיך שוין צו איהר ניט אומקעהרען... און סאַי ווי סאַי לאַנג לעבען וועט זי ניט...

אַ שווערע, שרעקליך שווערע צייט האָט זיך אָנגערוקט ביי טאַבאַלצעוו'ן אין הויז. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער טויט שוועבט שוין דאָ אין אַלע ווינקעלאַך ארום. די אַלטע איז געווען אָהן לשון, איין האַנד איז ביי איהר פערבליבען פּאַראַליזירט. אויפ'ן פּנים האָט ביי איהר שטענדיג אַ אידיאָטישער שמייכעל געשוועבט, און מען האָט אויף איהר געמוזט אויפפּאַסען ווי אויף אַן אונבעהאָלפען קינד.

כאָטש מען האָט ספּעציעל צוליעב איהר נאָך אַ דיענסט גע־מוזט האַלטען, זי זאָל זי האָדעווען, אָנטהאָן און אויסטהאָן, האָט קאַטיאַ אַליין אויך אויף איהר אויפגעפּאַסט און געווען צו איהר אַזוי צערטליך, גלייך יענע וואָלט דאָס טאַקע פערשטאַנען און געוואוסט ווי אָבצושעצען.

— מאַמעלע... מאַמעניו... מאַמאַ! — האָט זי אָפט פאַר איהר געוויינט און געקלאָגט, שטעהענדיג אויף די קניע און קור־שענדיג איהר האַנד, וואָס האָט ווי אַן איבעריגע זאַך אראָבגע־האַנגען. — פערגיעב מיר! זיי מיר מוחל!... גלויב מיר, אַז איך האָב ניט געמיינט דיר וועה צו טהאָן... איאַ, מאַמע, דו ביזט ניט בייז אויף מיר? איאַ. מאַמעלע, דו ביזט מיר מוחל?

און די קראנקע, אונגליקליכע מוטער האט דערויף בלויז גע־ענטפערט מיט אזעלכע אונפערשטענדליכע קלאנגען:

— קא — לא — לא — מא... קא...

זי האט אלץ געהאפט, אז די מאמע וועט נאך ווידער אנ־הויבען ריידען ווי א מענש. שטונדען לאנג פלעגט זי לעבען איהר זיצען אויף דער ערד און האלטען אין איין וויינען, ביז זי האט שוין מעהר קיין כחות ניט געהאט. דאס געוויסען האט זי ניט געלאזט רוהען, און כדי זיך צו בערוהיגען כאטש ווי ניט איז, האט זי צו איהר א בעזונדער מין געטריישאפט ארויסגעוויזען. און סאניא'ן האט זי איצט פיינט געהאט און זי ניט געקענט דולדען.

— איך קען אויף איהר ניט קוקען, — האט זי טאבאל־צעוו'ן געזאגט, — זי האט ביי מיר צוגענומען די מאמא. זי האט ביי מיר מיין רוה אוועקגענומען... ווען זי וואלט ניט געווען אזא פאסקודנע, נארישע מיידעל, וואלט צו אזא אונגליק ניט געקומען...

סאניא האט געפיהלט ווי קאטיא האט זי איצט פיינט, דאך איז זי פון הויז ניט אוועק. די ליעבע צו טאבאלצעוו'ן און די פייערדיגע ליידענשאפט איהם צו קריגען, האט זי דא געהאלטען. און טאבאלצעוו איז טאקע די לעצטע צייט געווען זעהר גוט צו איהר. עטליכע מאל האט ער מיט איהר אזוי פערבראכט, אז זי האט זיך געקענט פערגינען אזא פערגעניגען, ווי אנצושפארען דעם קאפ אויף זיין ברוסט און וויינען.

— סאניא, — האט ער זיך איינמאל געווענדעט צו איהר מיט א פראגע, — זאג מיר, איך בעט דיך, פארוואס ביזטו מיט קאטיאן, מיט דיין אייגענער שוועסטער, אזוי אויף קידער־ווידער?

— ווייל איך האס זי, — האט סאניא געענטפערט.

— פארוואס?

פער'עקשנ'ט האט זי געשוויגען און גארניט געענטפערט דער־רויף. און ווען ער איז אוועקגעגאנגען, האט זי אנגעהויבען כליי־

פען. זי האָט איהם ניט געקענט מוחל זיין, פאַרוואָס ער האָט נאָך אַלץ אין איין קלעהרען וועגען קאַטיאַ׳ן...

עס איז ניט אַוועק קיין מאָנאַט צייט און סאָניאַ האָט אָב־געזאָגט טאַבאַלצעוו׳ן, אַז זי האָט שוין פאַר זיך געדונגען אַ צימער און אַז אין אַ פּאָר טעג ארום קלייבט זי זיך ארויס פון דאַנען.

— מיט וועמען־זשע וועסטו דאָרטען וואָהנען ? — האָט ער זי געפרעגט.

— וואָס הייסט מיט וועמען ? מיט קיינעם ניט. אַליין...

— פאַרוואָס זאָלסטו ניט וואָהנען צוזאַמען מיט נאָך אַ מיידעל ? ווייסטו וואָס ? וואָהן צוזאַמען מיט טאַניאַ׳ן. זי איז זעהר אַ וואוילע מיידעל.

— איך דאַנק דיר זעהר, וואָס דו ביזט מיר אַזוי געטריי, — האָט זי איהם מיט אַ שטאָך געענטפערט. — מיט אַ פרוי אין איין צימער קען איך ניט וואָהנען... איך האָב פיינט פרויען...

די קליינע קאָקעטקע איז פון דער מינוט אָן געוועזן שטאַרק ברוגז אויף טאַבאַלצעוו׳ן. זי האָט געמיינט אַז דערהערענדיג די בשורה, אַז זי וועט וואָהנען איינע אַליין אין אַ צימער, וועט ער זיך שטאַרק דערפרעהען און זאָגען אַז איצט וועט ער שוין קומען צו איהר אַזוי, אַז קיינער זאָל ניט וויסען. און צום סוף — אַזאַ ענטוישונג !

קאַטיאַ האָט גאָר איינגעלייגט די וועלט, ווען זי איז געוואָהר געוואָרען אַז סאָניאַ קלייבט זיך ארויס פון דאַנען. די אַלטע ליעבע און איבערגעבענהייט צו דער אינגערער שוועסטער האָט ווידער אויף איהר ערוואַכט, און זי האָט זיך אַזוי גע־ערגערט :

— ניין, דאָס קען ניט זיין ! איך וועל זי ניט אָבלאָזען !...

זי האָט געפּרואווט בעטען טאַבאַלצעוו׳ן, אַז ער זאָל זעהן ניט אַוועקלאָזען סאָניאַ׳ן, און ווען ער האָט זיך דערפון ענטזאָגט, ער־קלעהרענדיג אַז סאָניאַ איז שוין אַן ערוואַקסענער מענש און קען שוין אַליין איהר שטעדטעל בעשטעהן, איז זי אַליין אריין אין סאָניאַ׳ס צימער.

— סאניא... וואס הער איך? — האט זי ווייך אנגעהויבען. — פארוואס זאלסטו מיך אזוי בעליידיגען? פארוואס ווילסטו אוועק פון מיר?

און סאניא האט אין איין קול געמטענה'ט, אז דא איז זעהר שווער צו זיין; זי מוז אוועקגעהן.

דא האט זיך קאטיא, צו סאניא'ס גרויסער איבעררעשונג, פאנאנדערגעוויינט:

— סאניטשקא... שוועסטער מיינע.. איך קען דיר גאר ניט זאגען. איך האב קיין דעה ניט איבער דיר. אבער ווי קענסטו איצט אוועקגעהן? דער מאמען איז שוין קיין סך ניט געבליבען צו לעבען... אמהעכסטען וועט זי לעבען נאך א האלב יאהר... נו, ווי־זשע קענסטו אין אזא צייט אוועקגעהן?

דאס האט אויף סאניא'ן געווירקט, און זי איז געבליבען אין דערהיים.

קאטיא איז דערפון זעהר צופריעדען געווען, און דערפאר איז זי שוין צו איהר געווען גוט און צערטליך. אבער סאניא איז דוקא ניט אזוי צופריעדען געווען; זי האט ניט געקענט צוזעהן, ווי טאבאלצעוו איז פערליעבט אין איהר שוועסטער.

איינמאל, אין א יום־טוב, ווען קאטיא האט זיך בייטאג צו־געלעגט שלאפען, איז סאניא צוגעשטאנען צו טאבאלצעוו'ן מיט אזא פראגע:

— זאג מיר דעם אמת, אנדרעי, דיר וועט ניט זיין אלץ איינס אויב איך וועל אוועק פון דאנען?

— עס וואנדערט זיך ווי אזוי און מיט וועמען דו וועסט אוועק, — האט ער איהר גוטמוטהיג געענטפערט. אויב דו וועסט אוים ליעבע חתונה האבען מיט א פיינעם יונגענמאן, וועלען מיר, איך און קאטיא, אודאי זיין צופריעדען...

— אך, דרעה ניט קיין מוח מיט קאטיא'ן! — איז זי געוואָרען בייז. — רעד וועגען זיך אליין און דערמאן מיר ניט איהר נאמען... זאג, וועט דיר ניט זיין אלץ איינס אויב איך וועל זיך דאס לעבען נעהמען?

— פאוואליע, — האט ער שפאסיג געזאגט. — ווי איך זעה, האלט עס נאך ניט דערביי.

— און אט וועסטו זעהן ווי איך וועל זיך גאר אין גיכען סמ׳ען...

— דו וועסט זיך אזוי סמ׳ען, פונקט ווי איך וועל זיך שיסען, — האט ער ווייטער געשפאסט און זי צערטליך צוגע־טוליעט צו זיך.

פלוצים האט זי ביידע הענד אויף זיינע אקסלען ארויפגע־לייגט און אנגעשטעלט די אויגען אויף איהם אזוי שארף, גלייך זי וואלט זיך אליין פאר איהם אויסגעטהאן און איבערגעבען זיך איהם אין גאנצען.

— דו האסט מיך ליעב? — האט זי שעפטשענדיג שטיל געפרעגט.

— יא... איך האב דיך ליעב... — האט ער געענטפערט.

— ווי אזוי האסטו מיך ליעב?

ער האט געשוויגען. ניט געוואוסט וואס איהר צו ענטפערען.

— דו ווילסט איך זאל זיין דיינע?... ווילסט, אז איך זאל זיך דיר איבערגעבען?...

— יא, איך וויל... — האט ער געענטפערט אזוי גלייך ניט ער, נור אן אנדערער, וואלט דאס פאר איהם געזאגט. אזוי וואונדערבאר שעהן און רייצענד איז סאניא אין יענעם מאמענט געווען, אז טאבאלצעוו האט זיך אין גאנצען פערלארען, אז עס האט שוין געהאלטען דערביי, אז ער זאל זי א כאפ טהאן און זעטיגען זיין אויפגערייצטע ליידענשאפט אין איהר יונגען פריי־שען קערפער... אבער אין מיטען דערינען האט זיך געעפענט די טהיר און קאטיא איז אריינגעקומען...

— וואס איז דא? — האט קאטיא פערוואונדערט גע־פרעגט. — וואס זיינט איהר עפעס ביידע אזוי צוטראגען?...

— עס איז גארניט, — האט טאבאלצעוו מיט געמאכטער דרייסטקייט געענטפערט. — מיר האבען דא געהאט א געשפרעך... אויף דער נאכט, ווען טאבאלצעוו האט זיך געקליבען אוועק־

צונעהן פון דערהיים, ווי זיין שטייגער איז געווען אלע אויף דער־נאכט, האט איהם סאניא ביי דער טהיר אבגעשטעלט.

— וואוהין געהסטו?

— איך געה היינט מיט ליזא'ן אין טהעאטער. וואס איז דען?

— נאך אמאל ליזא! — האט זי קאפריזנע א טופע געטהאן מיט'ן פיסעל. — אלץ ליזא און ליזא!... טאג ווי נאכט ליזא'ן און איך בלייב דא איינע אליין... אדער בלייב דא, אדער נעהם מיך אויך מיט!

— מיט'ן גרעסטען פערגעניגען! קום...

אין יענעם אויף דערנאכט האט טאבאלצעוו געשוואָרען א צעהנטען צו פערזאגען ניט צו געהן אין ערגעץ מיט די צוויי אייפערזיכטיגע פרויען... דאס איז די גרעסטע אבקומעניש...

סאניא'ן האט זיך אויסגעוויזען, אז זי איז שוין נאהענט צו איהר ציעל, און זי האט איהם איינמאל גאנץ אפען געפרעגט:

— אויב איך וועל זיך דיר איבערגעבען, וועסטו אוועקוואר־פען דיין ווייב?

— ניין! — האט ער פעסט געענטפערט. — דאס ניט.

— לאמירביידע אוועקפאהרען פון דאנען, אנדריושא, ערגעץ וויט־וייט...

— נו און קאטיא? — האט ער זי געפרעגט.

האט זי מיט כעס א טופע געטהאן מיט'ן פיסעל און אויס־געשריען:

— איך וויל איהר נאמען אפילו ניט הערען! איך וויל אליין אויך לעבען און זיין גליקליך!...

טאבאלצעוו איז אזש בלאס געווארען הערענדיג אזעלכע ווער־טער, און ער האט זי אנגעהויבען מוסר'ן. ער האט איהר גע־זאגט, אז זי האט גאר קיין הארץ ניט, אז עס איז ניט שעהן אזוי צו פיהלען; ער האט איהר אויך געזאגט, אז דאס איז זעהר נאריש, ווייל נאך אלעמען האט ער קאטיא'ן זעהר ליעב. איז זי

דערפֿאַר נאָך מעהר אין כעס געוואָרען און איז אַרויס פֿונ׳ם צימער, געבענדיג אַ קלאַפּ מיט דער טהיר.

צום עסען איז סאָניאַ ביים טיש ניט געווען, און קיינער האָט ניט געוואוסט וואו זי איז. קאַטיאַ האָט שוין אָנגעהויבען איבערקלעהרען. זי איז געווען זעהר אונרוהיג. אָבער טאַבאַל־צעוו — כאָטש ער איז אַליין אויך אונרוהיג געווען — האָט זי געטרויסט, אַז סאָניאַ וועט אודאי באַלד קומען...

אין דערהיים האָט ער ניט געקענט איינזיצען, איז ער אַוועק אין צענטער פֿון שטאָדט. ער האָט געזוכט סאָניאַ׳ן אין אַ פּאָר טהעאַטערע, אין רעסטאָראַנען. אָבער ער האָט זי אין ערגעץ ניט געפֿונען, און ער איז געקומען צוריק אַהיים אַליין.

— נו, וואו איז סאָניאַ? — האָט איהם קאַטיאַ געפֿרעגט. און ווען ער האָט איהר געזאָגט, אַז ער האָט סאָניאַ׳ן אין ערגעץ ניט געפֿונען, איז זי נאָך אונרוהיגער געוואָרען. איהם האָט זי געהייסען זיך געהן לייגען שלאָפֿען און אַליין איז זי געבליבען זיצען וואַרטען אויף דער שוועסטער...

איינשלאָפֿען האָט ער ניט געקענט אָן ער האָט זיך אַוועק־געלעגט אויף דעם ווייכען דיוואַן כאָפּען אַ דרעמעל.

אַרום צוויי אַ זייגער ביינאַכט האָט ער דערהערט ווי אַ קאַ־רעטע איז צוגעפֿאָהרען צום הויז. ער האָט אַ קוק געטהאָן אין פֿענסטער, און ווען ער האָט אין דער פֿינסטער דערקענט טשער־נאָוו׳ן, האָט איהם דאָס הארץ געגומען קלאַפּען... — „געשיקט זיך, אַז זי האָט זיך א י ה ם איבערגעגעבען?... נו, אודאי... אַ סימן — זי געהט אַזוי שטיל... גנב׳עט זיך אַריין אויף די שפּיץ פֿינגער"...

עס האָט איהם ניט געלאָזט רוהען. איז ער ווידער אויפֿ־געשטאַנען און איז אַריינגעגאַנגען צו סאָניאַ׳ן אין צימער. סאָ־ניאַ׳ס פּנים איז געוואָרען בלאַס ווי קרייד, ווען זי האָט איהם ביי זיך אין צימער דערזעהן.

שטיל אָהן וואָרטער איז ער צוגעגאַנגען צו איהר. מיט ביידע הענד זי אָנגענומען פֿאַר די אַקסלען און אויסגעדרעהט איהר פּנים צום ליכט.

איהם האט מען שוין אין אזעלכע זאכען ניט געקענט נארען...
ער האט געזעהן, ווי סאניא'ס ליפען זיינען פערטריקענט, אונטער די אויגען בלויע צייכענס, די האר אביסעל צושויבערט און די בלוזע ניט אין גאנצען פערשפּיעלעט... אלע סימנים.

אין אנפאנגס האט זי זיך אביסעל פערלארען. דערנאך האט זי מיט אמאל גיפטיג אנגעהויבען לאכען פערשטעלענדיג זיך דעם רויט געווארענעם פנים מיטביידע הענד.

— אוועק פון מיר!... אוועק!... — האט זי פון צווישען די צייהן ארויסגעברומט. — איך האב דיך פיינט!

אויף זיין פנים האט זיך א גיפטיגער שמייכעל פערשפּרייט, און ניט זאגענדיג איהר א ווארט, איז ער אוועק.

מארגען אין דערפריה איז סאניא אוועק פון דערהיים אויף איהרע אוראקען ניט ריידענדיג א ווארט מיט קיינעם. קאטיא האט זיך שטארק געערגערט, ווען זי איז געוואהר געווארען אז סאניא איז נעכטען געקומען אהיים צוויי א זייגער ביינאכט. פון ערגערניש האט זי שוין בייטאג ניט געקענט שלאפען, און זי איז ארויסגעגאנגען אביסעל שפּאצירען.

נאך איידער זי האט זיך אין דרויסען פארקירעוועט אן א זייט, האט זי דערזעהן ווי סאניא האט טשערנאוו'ן אריינגעפיהרט אין הויז אריין. ווייטער געהן האט זי שוין ניט געקענט, און זי האט זיך אומגעקעהרט צוריק.

שטילערהייט איז זי אריין אין פאדער־צימער און געבליבען שטעהן ווי א פערשטיינערטע.

טשערנאוו איז געזעסען אויפ'ן פענסטער אין א צילינדער־הוט, אין א אויבערשטען מאנטעל און געוויינט ווי א פרוי, פערשטעלענדיג זיך דאס פנים מיט ביידע הענד. און סאניא האט געהאלטען ביידע הענד ביי איהם אויפ'ן אקסעל און איהם בערוהיגט.

נו, געגוג שוין צו וויינען! באלד ועט זי אנקומען, און איך וויל ניט אז זי זאל דיך זעהן...

— וואָס איז דאָס? — האָט קאַטיאַ מיט כעס אויסגעשריען א קלאַפּ טהוענדיג מיט דער האַנד אָן טיש.

— איך בין געקומען געוואָהר ווערען צו אייער קראַנקער מוטער, — האָט טשערנאָוו ארויסגעשטאַמעלט. — געגען דעם קענט איהר דאָך גאָרניט האָבען...

— וואָן! ארויס פון דאַנען! — האָט זי איהם אָנגעוויזען אויף דער טהיר. — כל זמן איך לעב זאָל אייער פוס דאָ ניט זיין!... ארויס!...

אָבער טשערנאָוו האָט זיך פונ'ם אָרט ניט גערירהרט. קאַלט און חוצפּהדיג האָט ער אויף איהר געקוקט.

— וואָס פאַר אַ רעכט האָסטו איהם צו זידלען? — האָט סאָניאַ מיט אַ קוויטשיג קול׳כעל אָנגעהויבען צו שרייען.

קאַטיאַ האָט זיך אומגעקוקט צו איהר. די ליפּען האָבען ביי איהר געציטערט און זי האָט קיין איין וואָרט ניט געקענט ארויסריידען. מיט אמאָל איז איהר דאָס פּנים געוואָרען רויט ווי צונטער, און געבענדיג אַ מאַך מיט'ן קאָפּ, האָט זי בייז געזאָגט:

— איך אָדער אָט דער מערזאַוועץ! איבער איהם האָט זיך דער גאַנצער אונגליק גענומען... הערט זיך איין יונגערמאַן: אויב איהר וועט זיך דערוועגען נאָך אמאָל די שוועל פון מיין הויז אריבערצוטרעטען, וועל איך אייך ארויסוואַרפען פון דאַנען!

— וואָס שווייגסטו, סאָניאַ? — איז טשערנאָוו ארוים מיט לשון. — זאָג דער שוועסטער דיינער אז זי האָט זיך צו שפּעט געכאַפּט מיך צו טרייבען... שעהם זיך ניט, זאָג איהר, אז דו ביזט שוין מיין כלה... זאָג איהר, אז פון נעכטען ביינאַכט אָן ביזטו מיינע...

סאָניאַ האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, אָבער נאָך איידער זי האָט דאָס מויל געעפענט, איז קאַטיאַ צוגעלאָפען צו איהר און מיט אַלע כחות איהר דערלאַנגט אַ פּאַטש אין באַק.

— דו פּאַסקודסטוואָ!... דו אויסגעלאַסענע מויד!... — האָט זי ווילד געשריען.

סאָניא האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן ביים פּנים און זיך פערגאנגען אזוי, אז זי האָט דעם אָטהעם ניט געקענט כאפּען. טשערנאָוו איז צוגעלאָפען צו איהר און ארומגענומען.

— ווי וואגט איהר זי צו שלאָגען?

— ארויס פון דאנען, דו פּאַרליעץ!... וואָן פון דאנען, דו מערזאוועץ!... אלא ניט וועל איך דיך דערווערגען!...

קום, סאָניא, מיר האָבען דאָ גאָר ניט וואָס צו טהאָן... דו האָסט דאָ ניט קיינעם, דו ביזט דאָ עלענד... — האָט ער געזאָגט מיט אזא טאָן גלייך ער וואָלט איצט אויף דער ביהנע אַ דראמאַטישע סצענע דורכגעפיהרט. און ארומנעהמענדיג סאָניא'ן פאַר דער טאַליע, האָט ער זי ארויסגעפיהרט פון הויז. סאָניא האָט געהאַלטען דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן זיין אַקסעל, און אזוי זיינען זיי ביידע אוועק.

קאַטיא האָט גע'חלש'ט, און אין הויז איז ווידער געוואָרען אַ גאַנצע סומאַטאָכע.

עטליכע טעג איז קאַטיא געווען אזוי קראַנק. אז מען האָט זיך שוין גאָר אויף איהר לעבען ניט געריכט. זי האָט קיין מענשען ניט דערקענט. די גאַנצע טאַבאָלצעוו פאַמיליע איז געווען אויף די פיס; ליזא, פימא, די אַלטע מאַדאַם טאַבאָלצעווא האָבען אויף איהר אויפגעפּאַסט. טאַבאָלצעוו אַליין האָט געוויינט ווי אַ קליין קינד און קאַפּיטאָן, פימא'ס מאַן, האָט גאָר איינגעלייגט די וועלט; ער האָט אזוי געוויינט, אז עס איז גאָר אונמעגליך געווען איהם איינצונעהמען.

— איך קען שווערען, אז ווען איך וועל שטאַרבען, וועט ער אזוי ניט וויינען, — האָט פימא געזאָגט.

ענדליך איז די געפאַהר אריבער. קאַטיא איז געזונד געוואָרען, און אַלע האָבען זיך בערוהיגט.

נאָך דעם האָט זי מיט טאַבאָלצעוו'ן פערפיהרט אַ געשפּרעך וועגען סאָניא'ן, און ער איז געווען איבערראַשט צו הערען פון איהר אזא מיינונג:

— איצט האָט שוין סאָניא ניט קיין אַנדער ברירה. זי מוז

מוזען חתונה האָבען מיט דעם דאָזיגען אויסוואורף...

— פאַרוואָס? — האָט טאַבאַלצעוו איהר מיינונג ניט פערשטאַנען. — מאַלע אז אַ מענש בעגעהט אַ פעהלער, דאַרף ער שוין בעגעהן נאָך אַ פעהלער?...

— דו רעדסט נאַרישקייטען, אַנדרעי, — האָט זי פעסט געזאָגט. — אויב זי וועט מיט איהם חתונה האָבען געזעצליך, וועט זי הייסען זיין פרוי, און די געזעלשאַפט וועט אויף איהר ניט האָבען וואָס צו ריידען... אָבער אַזוי ווער איז זי? אַ שכור'ניק'ס אַ ליובאָווניצע... און זי האָט זיך צואוויינט.

— נו, גענוג שוין, קאַטיא, גענוג שוין! — האָט ער געפּרואווט זי בערוהיגען. — בערעכען אַליין ווי ניט קלוג דו ווילסט האַנדלען: נעהמען אַזאַ קינד ווי סאָניאַ און זי אונגליקליך מאַכען אויפ'ן גאַנצען לעבען!

— טו וואָס־זשע דען קען מען איצט טהאָן? — האָט זי פערצווייפעלט געפרעגט.

— פערלאָז זיך אויף מיר, — האָט ער געענטפערט, — איך וועל צופאָהרען איבעררייידען מיט איהר, און אַלעס וועט שוין זיין רעכט...

און אַזוי האָט טאַקע טאַבאַלצעוו געטהאָן. ער איז אוועק אין דער אכסניה וואו טשערנאָוו איז איינגעשטאַנען און דאָרטען האָט ער געטראָפען סאָניא'ן.

אָנגעקומען איז ער אויף די ווערטער „דיין אַנדרעי איז אַ גרויסער חזיר. אָט וואָס ער איז!“ אַזוי האָט טשערנאָוו געשריען.

טאַבאַלצעוו האָט געעפענט די טהיר און אין שפּאַס געזאָגט, אַז ער קומט אַלע מאָל ווען מען דערמאָנט איהם צו גוטען. און גלייך טשערנאָוו וואָלט גאָר אין צימער ניט געווען, האָט ער זיך מיט סאָניא'ן געגריסט ביי דער האַנד און איהר געזאָגט, אַז ער איז געקומען איבעררייידען מיט איהר און זי פרעגען וואָס זי דענקט ווייטער צו טהאָן.

— וואָס הייסט וואָס? — האָט זיך טשערנאָוו אַריינגע־

מישט. — חתונה האָבען מיט מיר... אויב דיין ווייב וויל מיך ניט האָבען פאר א שוואָגער, וויל מיך אָבער דיין שוועגערין האָבען פאר א מאַן.

— צו דיר רעד איך ניט, — האָט טאבאָלצעוו מיט פער־אכטונג געזאָגט טשערנאָוו'ן, און ווייטער גענומען ריידען צו סאָניא'ן:

— סאָניטשקא, דו ביזט נאָך א יונגע, אונערפאהרענע מיי־דעל. איך און קאטיא זיינען דיר די בעסטע גוטע פריינד. פאָלג מיך און פאָהר אוועק קיין פעטערבורג... דו וועסט זיך דאָרטען לערנען אין קאָנסערוואטאָריום אויף מיין חשבון... און אויב דו וועסט האָבען א קינד, וועלען מיר דאָס אויסהאַלטען פונקט אזוי גוט ווי אונזער קינד... און ווען דו וועסט קומען, וועט די טהיר פון אונזער הויז זיין אָפען פאר דיר... דו דאַרפסט ניט אראָב־פאַלען ביי זיך. פאָלג מיך און מאַך זיך ניט אונגליקליך אויפ'ן גאַנצען לעבען!...

— דאָס איז א סקאַנדאַל! — האָט טשערנאָוו אויסגע־שריען. — וואָס פאר ווערטער זיינען דאָס? סאָניא איז מיינע, מיין פרוי! און דו האָסט קיין רעכט ניט מיט איהר אזוי צו ריידען!

אָבער טאבאָלצעוו האָט זיך אפילו אויף איהם ניט אומגע־קוקט, און ארויפלייגענדיג ביידע הענד אויף סאָניא'ס קניע, האָט ער ווייטער גערעדט:

— פאָלג מיך, סאָניטשקא, טהו זיך אָן און קום אהיים!

ווען סאָניא האָט אונטערגעכאפט דעם ווארימען בליק פון זיינע אויגען, האָט זי זיך מיט אמאָל געגעבען א הויב אויף.

— נו, גוט, איך געה צוריק אהיים!

ווי א ווילדער האָט טשערנאָוו א שפרונג געטהאָן און א קלאַפּ געטהאָן מיט'ן קולאַק איבער'ן טיש.

— ניין, דו וועסט ניט געהן! איך וועל דיך ניט לאָזען! דו ביזט מיינע, מיין ווייב, און דו טאָרסט פון מיר ניט אוועק־געהן!... ער פערדרעהט דיר דעם קאָפּ מיט גלאַטע ריידעלאַך,

און דו לאָזט זיך.. איך ווייס וואָס ער מיינט... איך ווייס וואָס ער וויל... איך ווייס, אַז דו וועסט מיט איהם יעצט געהן ניט אַהיים, נור אין אַ האָטעל... איך קען אייך ביידע גוט! סאָניאַ, סאָניטשקאַ! איך בעט דיך, האָב רחמנות אויף מיר און פערלאָז מיך ניט, ווייל אָהן דיר קען איך ניט לעבען!

סאָניאַ'ן איז טשערנאָוו'ס אייפערזוכט זעהר געפעלען געוואָרען און זי האָט איהם צוגעזאָגט, אַז אַוועקגעהן פון איהם וועט זי ניט; זי וועט זיך בלויז איבערבעטען מיט דער שוועסטער, אָבזיין דאָרטען אַ קורצע שטיקעל צייט און דערנאָך וועט זי קומען צוריק און חתונה האָבען מיט איהם.

טשערנאָוו האָט געוויינט מיט ביטערע טרעהרען. ער האָט געשריען, אַז מען וועט זי שוין צוריק ניט לאָזען געהן; ער האָט זיך ביי איהר געבעטען, אַז זי זאָל דאָ בלייבען. אָבער עס האָט איהם גאָרניט געהאָלפען. סאָניאַ איז אַוועק מיט טאַבאַלצעוו'ן אַהיים...

קאַטיאַ איז אַ פערוויינטע געזעסען לעבען דער קראַנקער מוטער, ווען סאָניאַ איז אין הויז אַריינגעקומען. זי האָט זיך מיט איהר אַרומגעכאַפּט. אָהן ווערטער האָבען זיך ביידע שוועסטער אַרומגענומען און זיך צואַוויינט. ערשט אין דער מינוט האָט סאָניאַ דערפיהלט, ווי קאַטיאַ איז צוגעבונדען צו איהר, ווי זי איז איהר איבערגעגעבען... ערשט אין דער מינוט האָט זי, צו איהר גרויסען אונגליק, דערפיהלט, אַז זי וואָלט ביי אָט דער שוועסטער דעם מאַן ניט געקענט צונעהמען... און דאַן איז פאַר איהר דאָס גאַנצע לעבען מיט אַמאָל געוואָרען פוסט...

מיט אַ וואָך שפּעטער איז געווען די חתונה. קאַטיאַ איז געווען די אונטערפיהרערין און געגעבען די ערלויבניס, אַז ביי איהר אין הויז זאָל מען די שמחה פּראַווען. די גאַנצע טאַבאַלצעוו פאַמיליע האָט זיך אויף סאָניאַ'ס חתונה געפרעהט. די שעהנע מאַדאַם זאַסיעצקאַיאַ, די מאַדאַם קאַנקינאַ און אויך די מענער זייערע זיינען געווען מחותנים. און נאָך דער חתונה האָט טאַבאַלצעוו אליין געגעבען סאָניאַ'ן אַ מתנה דריי הונדערט רובעל,

אז זי זאָל צוזאמען מיט איהר מאן אוועקפאָהרען קיין פינלאַנד אויף א לוסט־רייזע.

אין הארצען האָט קאטיא געוויינט. נאָר אין דער זעלבער צייט האָט זי פערשטאנען, אז אזוי איז שעהנער פאר דער וועלט. ביי איהר איז אויסגעקומען, אז אבי א מיידעל גיט זיך איבער א יונגענמאן, איז דאָס בעסטע חתונה האָבען מיט איהם. אזוי איז שעהנער פאר דער וועלט.

נאָך סאָניא׳ס אוועקפאָהרען האָט זיך טאבאָלצעוו אין הויז ניט געהאַלטען. די צייט איז געווען א שטורמדיגע. אפילו די רייכע בירגער זיינען אָנגעשטעקט געוואָרען מיט דעם רעוואָלו־ציאָנערען גייסט און זיך גענומען אינטערעסירען מיט פאָליטיק. דאָ און דאָרט אין רייכע סאלאָנען האָבען זיך אריסטאָקראַטען צונויפגעזאמעלט כלומר׳שט אויף א באנקעט, אָבער אין דער אמת׳ן האָט מען גאָר דאָרטען געהאלטען רעדעס וועגען בויען א נייע אָרדנונג אין רוסלאנד. טאבאָלצעוו האָט גאָר אָנגעקוואָלען פון דעם, און גאנץ אָפט איז ער מיט ליזא׳ן געגאנגען צו אזעלכע אונטערנעהמונגען.

איינמאָל איז ער אויף דערנאכט געקומען צו ליזא׳ן און איהר געהייסען זיך אָנטהאָן אין די שעהנסטע קליידער.

— טהו זיך אָן אזוי שעהן, פונקט ווי דו האָסט זיך אָנגע־טהאָן צו מיר אויף דער חתונה, — האָט ער איהר געזאָגט, און ווען זי האָט איהם געפרעגט, וואָס פאר א שמחה עס איז היינט, האָט ער איהר מיט בעגייסטערונג דערצעהלט, אז אין איינעם פון די גרעסטע און רייכסטע מאָסקווער האָטעלען קלייבט זיך היינט אויף דערנאכט צונויף די רוסישע שטאָדטישע אריסטאָקראַטיע. דאָרט וועט מען פראווען א שעהנעם באנקעט און דערנאָך וועט יעדע איינע פון די געסט זיך אונטערשרייבען אויף אן אפּיעל פאר א קאָנסטיטוציע.

— מאמע, — האָט ער מיט התפעלות געזאָגט דער מוטער. — עס איז היינט א היסטאָרישער אויף דערנאכט! איך אליין גלויב אפילו זעהר ווייניג אין דער אריסטאָקראַטיע. מיין מיינונג איז,

אַז אויב אין רוסלאַנד וועט יאָ ווען עס איז געשאַפן ווערן אַ נייע אָרדנונג, וועט דאָס געשאַפן ווערן פון די אַרבייטער־מאַסן און ניט פון דער אַריסטאָקראַטיע... אָבער סאַי ווי סאַי איז דאָס אַ וויכטיגע פּאַסירונג... דער פאַרשלאָפענער רוסישער בער הויבט זיך אָן אויפוואַכן... אַ נייע צייט מוז אָנקומען.

צוויי און דרייסיגסטער קאַפּיטעל

אין אָנפאַנג פון מאָנאַט דעצעמבער איז טאַניאַ געקומען צו לויפען צו ליזאַ'ן און מיט אַ גדולה איהר איינגערוימט אַ סוד אין אויער:

— גאָר אין גיכען וועט זיין אַ גרויסע, אַ גראַנדיעזע דע־מאָנסטראַציע...

אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזען האָט מען שוין דאַן געמאַכט אַלע נויטיגע פאָרבעריטונגען פאַר דער גרויסער פאָלקס־דעמאָנ־סטראַציע. און ווען דער טאָג איז געקומען, האָט זיך געדוכט, אַז גאַנץ מאָסקווא איז פול מיט ערוואַרטונג.

אין דעם טאָג איז טאַבאַלצעוו אין דערפריה געקומען צו ליזאַ'ן, און ווען ער האָט מיט איהר אָנגעהויבען צו ריידען וועגען דער דעמאָנסטראַציע וואָס וועט היינט זיין, האָט ער איהר גע־זאָגט, אַז ער וועט אויך געהן.

זי האָט זיך דערשראָקען:

— וואָס רעדסטו, אַנדריושאַ! מען קען דיך דאָך נאָך דער־הרג'ענען...

— נו, איז וואָס? — האָט ער זיך קאַלטבלוטיג געענט־פערט. — איינמאָל שטאַרבט מען!... איך בין אפילו ניט קיין מיטגליעד אין דער פּאַרטיי, אָבער זיצען אין דערהיים אין אַזאַ טאָג, דאָס קען איך ניט! ער האָט זי נור געבעטען, אַז זי זאָל זיך ניט אַרויסכאַפּען מיט קיין וואָרט פאַר דער מאַמען אָדער

פאר קאטיאָ׳ן, און אליין איז ער אוועק צו מאדאם זאסיעצקאיא און אָבגערעדט מיט איהר, אז צו איהר אין הויז זאָל מען ברייננגען די פערוואונדעטע. ער האָט איהר געהאָלפען מאכען אלע פאר־בערייטונגען, אַ סגעשטעלט בעטלאך און בעשטעלט א פאָר דאָק־טוירים.

מיט א האַלבע שטונדע שפּעטער איז ער שוין געווען אויף דער הויפּט גאס, וואו עס האָט זיך גערודערט און געטומעלט. אויף דער טווערסקאיא גאס זיינען געשטאַנען מאסען מענשען. אלע האָבען געוואָרט, אז אָט־אָט זאָל זיך שוין עפּעס אָנהויבען...

אויך אין די קאָפע־הייזער און אין די רעסטאָראַנען האָט זיך עס געטומעלט און געקאָכט. אין איין קאפע־הויז, וואוהין טאבאָלצעוו איז אריינגעגאַנגען עפּעס עסען, זיינען געזעסען מענ־שען און גערעדט וועגען דעם, וואָס עס וועט היינט זיין. איינער, קענטיג א רייכער מאַן, האָט זיך מיט א ווייסער סאַרוועטל די באָרד און די וואָנצעס געווישט און געזאָגט:

— יאָ, יאָ, וועלען מיר היינט, הייסט עס, זעהן א נייעם אין מאָסקווא... אינטערעסנאָ!...

אין דער מינוט, ווען טאבאָלצעוו איז פון דער קאפע ארויס, האָט ער דערהערט ווי לעבען איהם האָט אימיצער אויסגעשריען:

— מען געהט!

עס האָבען זיך גלייך דערהערט אויפגערעגטע אויסגעשרייען און עס האָט זיך געדרוכט, אז עפּעס א ווילדע, ריעזיג גרויסע מאכט האָט אלעמען א שטופּ געטהאָן פאַראויס.

די מארשירענדע רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך בעוויזען. א סטודענט איז געגאַנגען פאָראויס און געטראָגען א גרויסע, רויטע פאָהן, וואָס האָט אין דער לופטען געפלאַטערט. לעבען איהם איז געגאַנגען א סטודענטקע, א בלאַסע מיידעל מיט א פעררייסענע מאָרדעטשקע, און נאָך זיי — א ים מיט מענשען.

עס האָט זיך דערהערט א געזאַנג:

„אָטרעטשאָמסיאַ אָט סטאַראָווא מירא״ (לאָמיר זיך אָבזאָ־גען פון דער אַלטער וועלט).

באַלד האָט מען אַלע קראָמען צוגעשלאָסען און נייגיעריגע מענשען האָבען פון אינעווענינ אַרויסגעקוקט דורך די פענסטער.

מיט אַמאָל האָט דאָס געזאַנג אויפגעהערט. עס האָט זיך דערהערט דאָס טאָפּטשען פון פערד. קאָזאַקען מיט בלויזע שווער־דען זיינען ווי אונטער דער ערד אויסגעוואַקסען און זיך אַ שנייד געטהאָן אין די רייהען פון די מאַרשירענדע. עס האָט זיך דער־הערט אַ בראַזגע פון שטאָהל, אַ פייפעריי, ווילדע אויסגעשרייען פון פרויען... דער פאָהנען־טרעגער איז געפאַלען אין אַ טייך בלוט און לעבען איהם די בלאַסע סטודענטקע.

פון ערגעץ ווייט האָט זיך אַ קראַך פון אַ ביקס דערהערט און באַלד נאָך דעם האָט עס פון אַלע זייטען גענומען קראַכען און דונערען...

עס איז געוואָרען אַ שרעקליכע מהומה. פון אַלע זייטען זיינען מענשען געלאָפען; מען איז געפאַלען, זיך אויפגעהויבען און ווייטער געפאַלען...

דער מענשע־שטראָם האָט טאַבאַלצעוו׳ן מיטגעשלעפּט. פער־קירעווען זיך אין אַן אַנדער זייט איז אונמעגליך געווען, ביז ס׳איז איהם ענדליך געלונגען זיך צו פערקירעווען אין אַ שמאָל געסעל. דאָס היטעל האָט ער פערלאָרען און דעם אויבערשטען מאַנטעל האָט מען איהם צוריסען. ער איז געווען פערשוויצט און שטאַרק אויסגעמאַטערט.

מענשען האָבען זיך דאָ אויך פאַר די פיס געפּלאָנטערט. איינער האָט אויסגעשריען:

— זעה, אָט ליעגט אין מיטען גאַס אַ סטודענט אין אַ טייך בלוט! דוכט זיך אז ער איז טויט... ער ריהרט זיך ניט.

— וואו? — האָט טאַבאַלצעוו געפרעגט. און ווען מען האָט איהם אָנגעוויזען מיט׳ן פינגער אין אַ זייטיגער גאַס, האָט ער זיך אין איילעניש געלאָזט לויפען אַהין.

עס איז געווען שרעקליך צו קוקען. ווי נאָך אַ שלאַכט זיינען טויטע און פערוואונדעטע קערפּערס אויף דער ערד געלעגען. היט־לען האָבען זיך אין גאַס געוואַלגערט. דער שנעע איז מיט בלוט

געווען בעדעקט. עס האָבען זיך געהערט קרעכצען און זיפצען... אייניגע האָבען זיך פון דער ערד אויפגעהויבען און געבליבען שטעהן אויף די קניע, בעטאַפּענדיג די וואונדען. אנדערע זיינען געזעסען און עפּעס אזוי ווילד, ווי וואַהנזיניגע מענשען, געקוקט אין דער ווייטקייט אַריין. אייניגע זיינען אויף דער ערד גע־קראָכען אויף אַלע פיער... עס איז געווען אַ שרעק.

די קאָזאַקען זיינען שוין מעהר אין גאַס ניט געווען, אָבער די פּאָליציי האָט נאָך געאַרבייט מעשים. פּערוואונדעטע, צובלו־טיגטע סטודענטען און אַרבייטער, וועלכע האָבען זיך קוים אויף די פיס געהאַלטען, האָבען זיי אין טורמע געשלעפּט. אפילו זיי־טיגע מענשען, גאַנץ רוהיגע בירגער, האָבען זיך געערגערט:

— אזעלכע סוואָלאָטשעס! אַט די מענשען דאַרף מען אין אַ האָספּיטאַל אַוועקפיהרען, און זיי שלעפּען זיי אין טורמע!...

טאַבאָלצעוו האָט ניט גערוהט. ער האָט געכאַפּט אַ שליטען, אריינגענומען אהין צוויי פערוואונדעטע סטודענטען, וועלכע ער האָט ביי אַ פּאָליציייסקען אָבגעשלאָגען, און זיי אַוועקגעפיהרט צו דער מאַדאַם זאַסיעצקאַיאַ. דאָרטען זיינען שוין געווען נאָך פּערוואָנדעטע, און דאָקטוירים און באַרמהערציגע שוועסטער האָ־בען זיך געפּאָרעט ארום זיי.

מעהר פון אַלע פערוואונדעטע האָט זיך טאַבאָלצעוו׳ן גע־וואָרפען אין די אויגען אַ יונגע מיידעל מיט אַ פערבונדענעם קאָפּ. ער האָט זי גלייך דערקענט. דאָס איז געווען די בלאַסע סטודענטקע, וועלכע איז געגאַנגען לעבען יענעם סטודענט, וואָס האָט די רויטע פאָהן געטראָגען. ער איז געווען זעהר צופריעדען דערפון, וואָס זי איז אַרויס אַ לעבעדיגע, ווייל ווען ער האָט גע־זעהן ווי די קאָזאַצקע פערד האָבען אויף איהר געטראָטען, האָט ער געמיינט, אַז זי וועט שוין קיין לעבעדיגע ניט אַרויס. עס האָט אָבער אויסגעזעהן, אַז זי איז אַביסעל געריהרט פון זינען... מען האָט איהר חתן, דעם סטודענט, איהר אין די אויגען אויף טויט דערשטאָכען, און דאָס האָט אויף איהר קענטיג צו שטאַרק געווירקט.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער אונגליקליכער מיידעל, אַ קוק געטהאָן אויף איהר מיט גרויס מיטלייד. האָט זי אין מיטען דערינען אָנגעהויבען וויינען און זיך בעטען ביי איהם:

— גוטער מענש, איך בעט אייך, גיט מיר שוין אַ רעוואָלווער...

גלייך ער וואָלט מיט איהר שוין אַ לאַנגע צייט געווען בעפריינדעט, האָט ער מיט איהר אַזוי מילד און ליעבליך גערעדט, זי געטרויסט. און דערנאָך, ווען ער האָט זיך געוואָלט אָבפיהרען אהיים, האָט זי זיך מיט אַ ווילדער שרעק אַ כאַפּ געטהאָן:

— ניין, ניין! אהיים טאָר איך ניט געהן! מען וועט מיך דאָרטען שטעכען!...

— וואו זשע וועט איהר נעכטיגען?

— איך וויים ניט, — האָט זי אונבעהאָלפען שטיל געזאָגט.

— נו, אויב אַזוי, וועל איך אייך נעהמען צו מיר אהיים. — האָט טאַבאָלצעוו געזאָגט. — ווען עס וועט ווערען פינסטער אין דרויסען, וועלען מיר נעהמען אַ שליטען און צופאָהרען צו מיר אהיים... ביי מיר וועט איהר נעכטיגען... און — ענטשולדיגט, ווי איז אייער נאָמען?

— מיין נאָמען איז רחל סאָקאָלאָוו...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין דרויסען איז שוין געווען גוט פינסטער, ווען טאַבאָלצעוו איז צוזאַמען מיט דער אידישער מיידעל רחל סאָקאָלאָוו צוגעפאָהרען אין אַ שליטען צו זיך אהיים. די אַלטע דיענסט האָט איהם די טהיר געעפענט, און ווען זי האָט דערזעהן אויף זיין אויבערשטען מאַנטעל צייכענס פון בלוט, האָט זי זיך אַזוי דערשראָקען, אַז זי האָט אַזש ניט מיט איהר קול אַ קוויטש געטהאָן.

— שטילער! — האָט טאַבאָלצעוו צו איהר אַ מאַך געטהאָן מיט'ן פינגער. — קיין פּיפּס ניט! וואו איז די בעל־הבית'טע?

— זי איז אין שלאָף־צימער. זוייט דאָרט דאָס קינד...

— איהר זאָלט זיך ניט דערוועגען איהר אַ וואָרט צו זאָגען!

נעהמט מיין מאנטעל און פעררוקט איהם ערגעץ אין א ווינקעל, אז די בעל־הבית'טע זאל איהם ניט זעהן...

ווי א געטרייער פאטער פאַטער זיין אייגען קינד, האט ער זי צו זיך אין צימער אויף די הענד אריינגעטראגען. דער אלטער דיענסט האט ער געהייסען גלייך מאכען דאס בעט פאר דעם מיידעל, זי אויסטהאן, לייגען שלאפען און זי גוט איינדעקען, ווייל זי איז קראנק. און אליין איז ער אוועק אין א צווייטען צימער, זיך ניט ארומגעוואשען און איז אריין צו קאטיא'ן אין צימער.

ווען זי האט איהם דערזעהן האט זי פארזיכטיג און שטיל דאס קינד אין בעטעל אריינגעלייגט און קוקענדיג שטרענג אויף איהם האט זי געפרעגט:

— אנדרעי, דו ביזט אויך דארט געוועז?...

— יא, איך בין געוועזען, — האט ער געענטפערט.

איהר פנים איז וואס אמאל בלאסער געווארען און זי האט שטרענג געזאגט:

— דו האסט קיין רעכט ניט געהאט אהין צו געהן!..

— פארוואס?

— דו פרעגסט נאך פארוואס?! דו האסט דען קיין פליכטען ניט צו מיר און צו דיין קינד? און וואס וואלט געוועזען ווען מען וואלט דיך דארט חלילה גע'הרג'עט?

— עס וואלט געוועזען דאס זעלבע ווי מיט אלע דער'הרג'עטע; מען וואלט מיך בעגראבען...

זי האט זיך אזש ביי די שלייפען פון שטערן א כאפ געטהאן.

— אנדרעי!!!

— ש'א, שריי ניט אזוי! עס איז דא א פרעמדער מענש אין הויז...

— וואס? — האט זי זיך נאך מעהר דערשראקען. און ווען ער האט איהר געזאגט, ווער עס האט ער אהער געבראכט, איז איהר פנים געווארען ווייס ווי קרייד.

— וואס האסטו זיך אזוי דערשראקען? — האט ער זי

געפֿרעגט. — קאַטיאַ, איך ווייס אַז דו ביזט ניט אַזאַ מענש ווי איך... מיינע פּאָליטישע אַנשויאונגען וויל איך אויף דיר ניט אַרויפֿ־צווינגען. אָבער אַ מענש ביזטו! איך געדענק דאָך, וויפֿיעל אי־בערגעבענהייט דו האָסט אַרויסגעוויזען צו קאַפּיטאַן'ס מיידעלע ווען זי איז געווען קראַנק. בעט איך דיך, אַז דו זאָלסט צו אַט דער קראַנקער אונגליקליכער מיידעל אויך זיין גוט...

— וואָס פֿאַר אַ פֿערגלייך איז דאָס! — איז זי געוואָרען נאָך בייזער. — קאַפּיטאַן'ס מיידעלע איז אַן אונשולדיגע קינד, און די איז אַ... אַ פֿערברעכערין... אַ בונטאָווּשטשיקע... איך וועל דאָס איהר אין די אויגען זאָגען!

— ניין, דו וועסט ניט וואגען, — איז ער אַזש בלאַס גע־וואָרען פֿאַר כעס.

— פֿאַרוואָס וועל איך ניט וואגען? דו וועסט מיר אפשר פֿאַרוועהרען?

— יאָ, איך וועל דיר פֿערוועהרען! — האָט ער זיך שטאָלץ געגעבען אַ שטעל אויף און זיך אַ קלאַפּ געטהאָן מיט דער האַנד אין דער ברוסט. — איך! דאָרט וואו איך וואָהן, זאָל קיינער ניט סמייען אַ מענשען צו בעליידיגען! ובפֿרט נאָך אַזעלכע מענ־שען... געדענק, קאַטיאַ, וואָס איך זאָג דיר!...

— טו געדענק־זשע, אַנדרעי, — האָט זי איהם מיט'ן פֿינגער אַ מאַך געטהאָן. — דאָס מאָל שענק איך דיר... אָבער אויב דו וועסט נאָך אַמאָל בעגעהן אַזאַ געמיינהייט, אויב דו וועסט נאָך אַמאָל איינשטעלען דאָס לעבען און גאַר פֿערגעסען דיינע פֿליכטען צו מיר און צום קינד, דאַן איז אַלעס אויס צווישען אונז. דאַן וועל איך אויף דיר מעהר ניט קענען קוקען און איך וועל אַוועק פֿון דיר...

אַ טיעפֿע שטילקייט האָט דאָס גאַנצע צימער אַרומגעכאַפּט. מען האָט געקענט הערען, וויביידע אַטהעמען אַזוי שווער...

— נו, גוט... — האָט ער דער ערשטער פֿאַמעלאַך שווער אָנ־געהויבען ריידען. — דאָס איז גוט צו וויסען. אָבער הער וואָס איך זאָג דיר: אויב דו דענקסט אַז צוליעב דעם וואָס איך האָב

דיך ליעב, צוליעב דעם וואס איך בין א טאטע פון א קינד, וועל איך זיך ווי א פייגלינג, ווי א טרוס, אנטשעפען אן דיין קליידעל אין דער צייט ווען מען פערגיסט דאס בלוט פון מיינע חברים אין גאס — דאן האסטו א גרויסען טעות!... מעהר האב איך דיר גאר ניט וואס צו זאגען...

נערוועז און שטארק אויפגערעגט האט ער זיך א גלאז וואסער אנגעגאסען און מיט איינמאל עס אויסגעטרונקען. און ווען זי האט איצט אויף זיין פנים א קוק געטהאן האט זי איהם ניט דערקענט. אין אזא אויפגערעגטען צושטאנד האט זי איהם נאך קיינמאל ניט געזעהן.

— אנדרעי דו געהסט אוועק? — האט זי מיט א שוואכער שטימע געפרעגט.

טאבאלצעוו איז געבליבען שטעהן א פערוווירטער, א צוטור־מעלטער. מיט אמאל האט ער געגעבען א לויף צו צו איהר, זי א כאפ געטהאן פארביידע אקסלען און דערנאך אין זיינע ארעמס.

— קאטיא... קאטיושא! פארוואס?... און מעהר האט ער א ווארט ניט געקענט זאגען...

פון זיין שטימע און פון זיין צערטליכקייט איז זי געווען גערירט, אבער ווערען צו איהם צוגעלאזט איצט האט זי ניט געקענט... כאטש ביי זיך אין הארצען האט זי געוואלט, אז ער זאל איהר זיין אונטערטעהניג, אבער זעהן איהם א שוואכען אינ׳ם איצטיגען מאמענט, דאס האט זי ניט געקענט...

— איצט געה איך צו דער מאמען, — האט זי געזאגט. — איך וועל באלד קומען צוריק... די קראנקע מיידעל לאז איך איבער אויף דיר. זי וועט איינשלאפען... עס קען זיין אז זי וועט ריידען פון היץ... אנרופען נעמען... בעט איך דיך, אז קיינער אויסער דיר זאל דאס ניט הערען... קיין איינע פון די דיענסטען זאלסטו צו איהר ניט צולאזען... איך האף, אז דאס מאל וועסטו מיך פאלגען און זיין א גוטע...

זי האט איהם דערויף גאר ניט געענטפערט, נאר באלד נאכ־

דעם ווי ער איז אַוועק, איז זי אַריין אין דעם צימער, וואו די קראַנקע אידישע מיידעל איז געלעגען...

שטילערהייט האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטוהל לעבען דער בעט, וואו די קראַנקע אידישע מיידעל איז געלעגען. זי האָט אויף איהר לאַנג געקוקט און דערנאָך זיך פערשטעלט דעם פּנים מיט ביידע הענד... די טהיר האָט זי פערשלאָסען און קיין איינע פון די דיענסטען האָט זי ניט צוגעלאָזט...

— — — — — — — — — — — — — — —

ווען טאַבאָלצעוו איז אָנגעקומען צו ליזאַ'ן האָט זי זיך איבער איהם אַזוי דערפרעהט, אַז זי האָט זיך איהם אויפ'ן האַלז גע־וואָרפען און איהם אָנגעהויבען קושען.

— אַנדריושאַ, טייערער, דו לעבסט!

— גאָט איז מיט דיר, ליזאָטשקאַ, וואָס האָסטו זיך אַזוי דערפרעהט?

— איך האָב דאָך געמיינט אַז מען האָט דיך דער'הרג'עט,

— האָט זי געענטפערט און פריידענס־טרעהרען זיינען איהר אין די אויגען געשטאַנען.

פון אַזאַ ליעבליכער אויפנאַהמע איז ער געוועזען זעהר שטאַרק צופריעדען. האָט ער זיך מיט איהר אַוועקגעזעצט אויף דער ווייכער זאָפאַ, זי אַרומגענומען פאַר דער טאַליע און ליידענשאַפטליך געקושט איהרע ליפּען.

— ליזאָטשקאַ, זאָג מיר דעם אמת, דו האָסט מיך נאָך איצט אויך אַזוי ליעב ווי פריהער? — האָט ער זי געפרעגט.

— יאָ... — האָט זי געענטפערט, — בלויז דיך אַליין האָב איך ליעב!...

עס האָט זיך געדוכט, אַז די גאַנצע פערגאַנגענהייט האָט זיך ערגעץ אין אַ ווינקעל פעררוקט... אַלעס וואָס ס'האָט זיי פאַנאַנ־דערגעטהיילט: זיין חתונה האָבען מיט קאַטיאַ'ן און איהרע בע־ציהונגען צו פּאָטאַפּאָוו'ן — דאָס אַלעס הויבט אָן פערשוואונדען ווערען...

— ניין, ניין, טייערינקע, — האָט ער זי איינגענומען. —

זעהסט דאָך אז איך לעב... העך בעסער, וואָס איך וועל דיך בעטען: איך וועל אפשר היינט ברענגען אהער אַ פערוואונדעטען סטודענט, זאָלסטו זעהן אויפפאַסען אויף איהם און די דיענסטען ניט צולאָזען... דערווייל זיי געזונד, ליעבינקע, איך מוז שוין געהן אהיים.

ביים געזעגענען זיך האָבען זיי זיך ביידע פעסט ארומגענומען און זיך צוקושט.

„איך וועל זיין זיינע... איך וועל זיין", — איז ליזא'ן אַ געדאַנק דורכגעלאָפען, ווען ער האָט זי אין זיינע אָרעמס געהאַלטען.

„זי וועט זיין מיינע... זי וועט זיין", — האָט ער זיך געקלעהרט, און דערביי געפיהלט ווי אַ זיסער שוידער געהט איהם איבער איבער'ן גאַנצען קערפּער. — זי וועט זיין מיינע...

ענדע פון דריטען טהייל.

פיערטער טהייל

דריי און דרייסיגסטער קאפיטעל

אין א וואך ארום איז פאטאפאוו דאס ערשטע מאל געקומען צו טאבאלצעוו׳ן אהיים. ווען מען האט אין עס־צימער לכבוד פאטאפאוו׳ן צום טיש דערלאנגט דעם זודיגען סאמאוואר, האט טאבאלצעוו — א פרעהליכער, אן אויפגעלעגטער — פארגעשטעלט זיין פריינד פאר זיין פרוי.

— קאטיא, — האט ער געזאגט, — דאס איז מיין בעסטער, מיין איינציגער פריינד, ניקאלאי פיאדאראוויטש, וועגען וועלכען איך האב מיט דיר אזויפיעל גערעדט.

דאס הארץ האט איהר אנגעהויבען קלאפען, ווען זי האט איהם די האנד דערלאנגט. ווער ער איז און וואס פאר א ראלע ער שפיעלט אין דער רעוואלוציאנערער בעוועגונג האט זי גוט געוואוסט. און דערפאר האט זי איהם טאקע אזוי פיינט געהאט, אז זי האט זיך אויף קיין פאל ניט געקענט אנטהאן קיין כח און זיין צו איהם גאסטפריינדליך.

ניט מעהר ווי א פאר מינוט איז זי ביים טיש געזעסען. קיין ווארט האט זי מיט איהם ניט געקענט אויסריידען. און דער־נאך האט זי איהם איבערגעלאזט מיט טאבאלצעוו׳ן און איז זיך אוועק אין א צווייטען צימער.

ארום דריי א זייגער ביינאכט, ווען פאטאפאוו איז אוועק־געגאנגען, האט טאבאלצעוו דערזעהן, ווי קאטיא זיצט נאך אויפ׳ן שטוהל אינ׳ם צווייטען צימער און דרעמעלט.

— וואס איז דאס? — האט ער זי געפרעגט. — פארוואס ביזטו נאך ביז איצט ניט געגאנגען שלאפען?

— איך האב ניט געקענט געהן שלאפען ווען ער איז אין

הויז, — האָט זי געענטפערט. — איך האָב ניט געקענט זיין רוהיג, ווייל איך האָב געמיינט, אז דו וועסט איהם נאָך בעטען, ער זאָל דאָ בלייבען נעכטיגען...

— איך האָב איהם טאקע געבעטען, אָבער ער האָט זיך ענטזאָגט, ווייל ער האָט געזעהן ווי בייז דו קוקסט אויף איהם...

— דו האָסט קיין רעכט ניט געהאַט איהם צו בעטען נעכ־טיגען, אנדרעי.

— פאַרוואָס?

— ווייל די פּאָליציי זוכט איהם...

— נו, ווייל אזוי...

אָטהעמענדיג שווער האָט זי א פּאָר מינוט געשוויגען און דערנאָך האָט זי געפרעגט:

— ווער בעט איהם ער זאָל קומען אהער? פערשטעהסט ער דען ניט אז ער האָט קיין רעכט ניט אהער צו קומען, ווייל דו ביזט שוין א פערהייראטער מאַן און א טאַטע פון א קינד?

זיי האָבעןביידע לאַנג איינער אויפ׳ן אנדערען געקוקט, גלייך זיי וואָלטען זיך אין די כחות פערמאָסטען.

— קאַטיא, — האָט ער אָנגעהויבען, צוגעהענדיג צו איהר גאַנץ נאָהענט. — איך וויל, אז דו זאָלסט איינמאָל פאר אלע מאָל וויסען, אז איבער דעם וואָס איך האָב מיט דיר חתונה געהאַט האָב איך מיין בעציהונג צו מענשען ניט געביטען! איך בין ניט מחויב דיר אָבצוגעבען דין וחשבון. איך בין ניט מחויב דיך זיך צו אונטערוואַרפען און דו האָסט קיין רעכט ניט פון מיר אזא זאַך צו פאָדערען!... און איך זאָג דיר גאַנץ אָפען, אז ער איז מיר פונקט אזוי ליעב ווי דו... דו זאָלסט אפילו ניט זאָגען ווי דו זאָגסט געוועהנליך: „איך אָדער ער!" וואָרים...

— און אויב איך וועל יאָ זאָגען, וועסטו אפשר גיכער וועלען זיך שיידען מיט מיר, אבי איהם ניט אויפגעבען? — האָט זי געפרעגט.

— ס׳קען זיין אז יאָ!... — האָבען זיך ביי איהם די ווער־טער מיט פעסטקייט ארויסגעריסען. — ווייל איך פיהל אז אויב

איך וועל זיך פון איהם אין גאנצען דערוויטערען נור דערפאר ווייל דו ווילסט אזוי, וועל איך זיך אריינשיסען א קויל אין מוח !... דאס וואלט געהייסען זיך אליין פעררעטעהן ! און דאס קען איך ניט ! — האט ער זיך מיט דער האנד אין דער ברוסט א קלאפ געטהאן.

מעהר האט ער ניט געהאט וואס צו זאגען און ער איז ארויס פון הויז. זי איז געבליבען זיצען בעוועגלאז אויפ'ן שטוהל. דער זייגער האט שוין געשלאגען פינף, און זי איז נאך אלץ אויפ'ן שטוהל געזעסען. געהן שלאפען האט זי ניט געקענט.

פון יענעם אויף דערנאכט אן איז די ליעבשאפט צווישען טאבאלצעוו'ן און פאטאפאוו'ן נאך שטארקער געווארען. זיי האבען זיך אנגעהויבען בעגעגענען גאנץ אפט. מעהרסטענטהיילס האבען זיי צוזאמען פערבראכט ביי ליזא'ן.

— ווייסטו, אנדריושא, — מאכט אזוי איינמאל פאטאפאוו צו טאבאלצעוו'ן, — ביי ליזא'ן אין צימער איז עפעס א פערגעניגען צו זיין ! אבער נאך בעסער איז צו ליגען ביי דיר אין דיין ווייכער זאפע, זיך אויסציהען די ביינער, הערען ווי דו האקסט א טשאיניק וועגען אנארכיזם און פרייער ליעבע, און גארניט ענטפערען... אין אזא מאמענט פיהל איך פונקט אזוי ווי איך וואלט זיך געבאדען אין פרישע וואסער נאך א לאנגער רייזע אין א שמוציגען וואגאן... עפעס ווען איך קום אריין צו דיר אין צימער, גיט עס מיך גלייך א ציה צו דער ווייכער זאפע... וואו האסטו דאס געפאקט אזא ווייכע זאפע, צום שווארצען יאהר זאלסטו געהן !

פאטאפאוו איז גאר פרעהליכער געווארען זינט טאבאלצעוו איז ווידער צוגעלאזט געווארען צו איהם. ער האט אנגעהויבען שפאסען און שטיפען און עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז ער האט גאר זעלטענע פעהיגקייטען פאר דער ביהנע ; ווען ער פלעגט נעהמען נאכמאכען ווי רוסישע אריסטאקראטעןריידען און בלאזען פון זיך האט מען זיך געקענט האלטען ביי די זייטען פון געלעכטער.

די אַלטע מאַדאַם טאַבאַלצעוואַ און ליזאַ האָבען זיך שטאַרק אַמוזירט מיט זיינע אַנעקדאָטען, מיט זיינע מעשה׳לאך, וואָס ער האָט דערצעהלט. דאַרף זיך איינמאָל אָבער מאַכען, אַז קאַפּיטאָן זאָל איהם בעגעגענען אויף די שטיעגען.

— מאַמע! — איז ער אַריינגעלאָפען אין איין אָטהעם, — יענער סטודענט קומט שוין ווידער אַהער אַריין!

— יאָ, ער קומט, — האָט די אַלטע גאַנץ געלאַסען גע־ענטפערט.

— ער וועט דאָך אונז ווידער אַמאָל אונגליקליך מאַכען! מאַמאַ...

— עס איז ניט דיין עסק! — האָט זי איהם שטרענג גע־זאָגט, — ווער איז דאָ די בעל־הבית׳ע, איך צי דו? און גע־דענק, וואָס איך זאָג דיר אָן: טאָמער וועט זיך עפּעס מאַכען זאָל עס הייסען, אַז דו זעהסט איהם דאָס ערשטע מאָל... פער־שטעהסט, וואָס מען רעדט צו דיר?...

קאַפּיטאָן האָט זיינע אייגענע אויערען ניט געגלויבט. פאַר שרעק האָט ער זיך אַזש צוויי מאָל איבערגע׳צלם׳ט.

די אַרבייט אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזען איז געוואָרען וואָס אַמאָל מעהר פערשפּרייט. אפילו אין די אַריסטאָקראַטישע קרייזען האָט מען זיך מיט דער אַרבייט שטאַרק אינטערעסירט און בייגעשטייערט גרויסע סומען געלד. די פּאָליציי איז אָבער אויך ניט געשלאָפען. און ווען דער פריהלינג איז געקומען האָט זיך אָנגעהויבען אַ גאַנצע רייהע פּראָצעסען פון פּאָליטישע פער־ברעכער.

אַממעהרסטען האָבען די צייטונגען דאַן געשריבען וועגען איין פּראָצעס פון אַ אידישען רעוואָלוציאָנער מיט׳ן נאָמען לעווין, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרען אין קיעוו. מען האָט דאַן וועגען יענעם לעווין׳ען זעהר אַ סך גערעדט. ווייל מען האָט איהם איבער גאַנץ רוסלאַנד געקענט פאַר אַ טהעטיגען אַנגע־זעהענעם רעוואָלוציאָנערען טהוער.

טאַבאַלצעוו האָט איינמאָל גערעדט מיט פּאָטאַפּאָוו׳ן וועגען

דעם דאָזיגען לעווין'ען, און מיט אמאָל האָט ער זיך ארויס־געכאַפּט:

— ווייסטו וואָס מיר איז איינגעפאַלען, סטיאָפּושקאַ? אַז איך זאָל פאָהרען קיין קיעוו אויפטרעטען אין געריכט אַלס זיין פערטהיידיגער... דו ווייסט דאָך, אַז וואָס־וואָס — ריידען קען איך.

— גוט, יעו באָגו, דאָס איז אויסגעצייכענט גוט! מיט דיין גלאַטיג צינגעל וועסטו דאָרטען קענען אַ סך אויפטהאָן. פאָהר, אנדריושאַ, פאָהר! און אָט וועסטו זעהן ווי עס וועט זיך ארויסווייזען, אַז דו ביזט אַ גוטער אדוואָקאַט!

לאַנג האָט טאַבאַלצעוו וועגען דעם ניט געקלעהרט. ער האָט אָנגעזאָגט אין באַנק, אַז ער מוז אַוועקפאָהרען אויף עטליכע טעג, און נאָך דעם ווי ער האָט זיך מיט קאַטיאַ'ן צוקריעגט פאַר וואָס זי לאָזט איהם ניט פאָהרען, איז ער אַוועק קיין קיעוו.

איין טאָג נאָך זיין אַוועקפאָהרען האָט ליזאַ אָנגעהויבען ארומגעהן ווי אַ מענש ניט פון דער וועלט... עס האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט ווי ער פערפיהרט ראָמאַנען פאָהרענדיג אין וואַגאָן, ווי ער נעהמט אוים מיט זיין רעדע אין געריכט ביי די שטאָדטישע קראַסאַוויצעס, ווי מען שרייבט איהם ליעבעס־צעטעלאַך און ווי ער פאָהרט ארום מיט עפּעס אַ שעהנער דאַמע און פערפאָהרט מיט איהר אין אַ האָטעל... זי האָט געמיינט, אַז זי וועט פון זינען ארונטער, אַז זי וועט דאָס ניט אויסהאַלטען, האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוטה און געלאָזט וויסען אין הויז, אַז זי פאָהרט אויך קיין קיעוו...

פאַרנאַכט איז זי שוין געווען ביים וואָקזאַל. בלויז די שוויגער האָט זי בעגלייט און איהר מיטגעגעבען אַ גערוס צו איהר טהייערסטען זוהן. און ליזאַ איז געווען שטאַרק צופריעדען דערפון וואָס זי האָט אַזוי פיעל מוטה און פאָהרט צו איהם קיין קיעוו. און דאָס וואָס זי פאָהרט אַזוי אונגעריכטערהייט איז אודאי גוט! זי מוז טרעפען אַ ליובאָווניצע אין זיין האָטעל...

אָנגעקומען איז זי אין דעם האָטעל, וואו ער איז איינגע־

שטאַנען. די זאַכען האָט זי געלאָזט אונטען און אַליין איז זי אַרויף אויף די שטיעגען און אָנגעקלאַפּט ביי איהם אין טהיר.

— אַריין! — האָט זיך זיין שטימע פון אינעווייניג דער־הערט.

זי איז אַריינגעקומען. און ווען ער האָט זי דערזעהן, האָט ער זיך פאַר גרויס איבעררעשונג אַ לאָז געטהאָן צו איהר און זי אַרומגעכאַפּט:

— ליזאַטשקאַ, ווי קומסטו אַהער?!

פאַר גרויס צופריעדענהייט האָט זי אַזש אַ קוויטש געטהאָן און שיינענדיג אין גאַנצען פאַר גליק, האָט זי געענטפערט:

— איך בין געקומען הערען ווי דו וועסט האַלטען אַ רעדע אין געריכט...

— דאָס איז גוט! — האָט ער גאָר אָנגעקוואָלען. — צו־ליעב דעם וואָס דו וועסט זיין לעבען מיר, וועל איך זיין מעהר בעגייסטערט און מיין רעדע וועט אַרויסקומען בעסער.

זי איז געוועזען זעהר מיעד פונ'ם וועג, האָט זי זיך אויסגעצויגען אויפ'ן בעטעל, און אַזוי צוהערענדיג זיך ווי ער רעדט צו איהר איז זי פאַמעלאַך איינגעשלאָפען.

ווי לאַנג זי איז אַזוי אָבגעשלאָפען האָט זי אַליין ניט געוואוסט. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט זי דערפיהלט די בעריהרונג פון זיינע הענד אויף איהר ענטבלויזטע שולטערן און אויפ'ן האַלז... לעבען איהר איז געזעסען טאַבאַלצעוו און אין צימער איז געווען פינסטער...

— ליזאַ!... ליזאַטשקאַ! — האָט זי געהערט ווי ער פּליס־טערט שטילערהייט, — איצט איז די צייט...

— ניין, אַנדריושאַ, מען דאַרף ניט!... — האָט זי זיך ביי איהם רחמנותדיג געבעטען.

— אָבער, ליזאַטשקאַ... דו ביזט דאָך אַליין געקומען צו מיר... די ליידענשאַפט האָט דיך אַהער געטריבען, טו שטעל זיך איהר ניט אַנטקעגען!... זעהסט דאָך, עס איז אַ בעשערטע זאַך! אַזוי איז דאָס און אַנדערש קען עס ניט זיין... דאָס איז דאָס

לעבען אליין... לאמיר ביידע פערגעסען דעם גאנצען ליגען, וואס האט אונז צושיידעט! איך האב שטענדיג געוואוסט, אז סוף כל סוף וועט קומען דער מאמענט ווען דו וועסט זיך מיר איבער־געבען... מיט'ן גרעסטען אונגעדולד האב איך אט אויף דעם מאָ־מענט ארויסגעקוקט... און איצט איז ער געקומען...

— ניין, סאיז ניט אזוי! — האט זי זיך א ווארף געטהאן. — דו האסט מיך ניט פערשטאנען...

זיי זיינען ביידע געבליבען שטיל. ער האט געזעהן ווי איהרע נאקעטע שולטערן האבען זיך געטרייסעלט דערפון וואס זי האט געבליפעט.

א גאנצע נאכט זיינען זיי ביידע געלעגען ארומגענומען. און יעדעס מאל, ווען טאבאלצעוו — ציטערענדיג מיט'ן גאנצען קער־פער פון שטורעמדיגער ליידענשאפט — האט זי גענומען בעטען, אז זי זאל זיך איהם איבערגעבען, האט זי ווי א נאאיווע, אונ־ערפאהרענע מיידעל זיך געשעהמט און מורא געהאט... מיט ביידע הענט האט זי זיך דאס פנים פערשטעלט און געוויינט. און טאַ־באלצעוו האט פערשטאנען, אז זי האט מורא צו טהאן אן עבירה נעגען קאטיא'ן און אויך געגען פאטאפאוו'ן...

— אָרימינקע, טייערינקע ליזאטשקא, — האט ער געזאגט קושענדיג איהר פנים, וואס איז געוועזן נאס פון טרעהרען. — דיין נשמה זוכט א וועג און קען איהם ניט געפינען... ליזאטשקא, האב פאר מיר קיין מורא ניט... ציטער ניט אזוי... עס איז מיר ניט שווער דיר צו פערדרעהען די הענד און דיך נעהמען אט אזוי ווי דו ליגסט פאר מיר... איך וויים, אז איך קען אויספיהרען א גאנצע נאכט זיך צו זעטיגען אין דיין קערפער... אָבער איך וועל דאס ניט טהאן, ווייל אין ליעבע בין איך א קינסטלער און ניט קיין ווילדער מענש... און איך בין זיכער אין דעם, אז דו וועסט זיין מיינע... אז דו וועסט זיך מיר איבערגעבען...

אזוי ליידענשאפטליך אויפגערעגט זיינען זיי ביידע געוועזן, אז ס'האט זיך געדוכט, אז אט־אט וועט ענדליך געשעהן דאס

נאָך וואָס זיי גאַרען ביידע אַזוי שטאַרק, אָבער עס איז דאָך ניט געשעהן...

עס איז שוין געווען בלוי אין די פענסטער ווען זיי זיינען ביידע אַנשלאָפען געוואָרען. זיי זיינען געווען שרעקליך אויס־געמאַטערט...

אין יענעם פריהמאָרגען איז טאַבאַלצעוו געווען זעהר גוט געשטימט. אויפ'ן הארצען איז איהם געווען אַזוי גוט ווי נאָך קיינמאָל ניט, און געקלערט האָט ער, אַז נאָך איין נאַכט אַזאַ און ליזאַ וועט זיך איהם דאָך איבערגעבען...

צוליעב דעם, וואָס ער איז געווען אַזוי גוט געשטימט, האָט ער אין גאַריכט געהאַלטען אַ בריליאַנטענע רעדע און אַזוי גע־ווירקט אויפ'ן ריכטער און אויף די אַלע צוהערער, אַז דער אָנגע־קלאָגטער, וועמען עס האָט ערוואַרטעט פער'משפט צו ווערען אויף קאַטאָרגע, האָט אָבגעשניטען בלויז מיט צוויי יאָהר טורמע.

טאַבאַלצעוו'ן האָט מען ממש אויף די הענד געטראָגען. מען האָט גאָר ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט איהם, און פון אַלע זייטען האָט מען איהם בעוואָרפען מיט בלומען און קאָמפּלימענטען.

פאַר די פערטהיידיגער האָט מען נאָך דעם אַ גאַנצע שמחה געמאַכט און טאַבאַלצעוו מיט ליזאַ'ן זיינען געווען פון די אָנגע־זעהענסטע געסט. און דערנאָך האָבען אַלע אַדוואָקאַטען און די פריינד פונ'ם אָנגעקלאָגטען בעגלייט טאַבאַלצעוו'ן מיט ליזאַ'ן צום וואָקזאַל.

אין באַהן האָבען זיי געגומען אַ בעזונדער „קופּע" (אַזאַ אָבטהיילונג) און ווען זיי האָבען זיך בייגאַכט ביידע אין איין בעט געלייגט שלאָפען, האָט ער זי ווידער ליידענשאַפטליך גע־קושט און געצערטעלט. אָבער איבערגעבען זיך צו איהם — דאָס האָט זי ניט געוואָלט. זי האָט איהם איצט קורץ און שאַרף געשטעלט אַ בעדינג:

— שייד זיך מיט קאַטיאַ'ן, וועל איך זיין דיינע... גט זיך מיט איהר, וועל איך מיט דיר אַוועקפאָהרען אפילו אין עק וועלט...

פיער און דרייסיגסטער קאַפּיטעל

ביים אריינקומען אין הויז אריין האָט ליזא בעגעגענט די שווינגער און יענע האָט איהר אַ שלעכטע בשורה אָנגעזאָגט:

— פּאַטאַפּאָוו איז ערנסט קראַנק... ער ליעגט דאָרטען אויבען אין אַ צימער וואָס איך האָב פאַר איהם אָבגעטהיילט... ער האָט היץ.

איז זי גלייך ארויפגעלאָפען. און ווען זי האָט איהם דער־זעהן, האָט זי זיך אַזש דערשראָקען. זיין פּנים איז געוועזן עפּעס ניט אַזוי ווי אַלע מאָל און די אויגען זיינען איהם טיעף אונטער'ן שטערן ארונטער. ווען ער האָט זי דערזעהן, האָבען זיינע אויגען גענומען שיינען און ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפ'ן בעט, ארויפ־ציהענדיג די קאָלדרע איבער'ן נאַקעטען האלז.

— וואָס איז דיר? — האָט זי געפרעגט. — וואָס עפּעס גאָר קראַנק אין מיטען דערינגען?

אויסשטרעקענדיג די האַנד, האָט ער זי אַ ציה געטהאָן צו זיך און רחמנות'דיג געפרעגט:

— ליזאַטשקא, ביזטו נאָך די זעלבע?

— איך ווייס ניט, — האָט זי שטיל געענטפערט. — אָבער איך בעט דיך, סטיאָפּושקא, איך מוז דיך האָבען... איך דאַרף דיך האָבען... האָב מיך ליעב, טייערער, ווייל דו ביזט ביי מיר דער איינציגער אויף דער וועלט!...

פאַר שמחה האָט ער זי געטהאָן אַ כאַפּ ארום און בעדעקט איהר פּנים מיט קושען. אין דער מינוט האָט זיך די טהיר ראַפּטום אָן עפען געטהאָן און פעדאָסיא איז אריינגעלאָפען מיט אַן אויסגעשריי:

— דער דאָקטאָר איז דאָ!

ליזאַ'ן האָט עס שטאַרק פערדראָסען וואָס פעדאָסיא איז אריינגעלאָפען ניט אָנקלאַפענדיג אין טהיר. אָבער זי אויסזידלען דערפאַר האָט זי קיין מוטה ניט געהאַט. זי האָט אויף איהר בלויז א בייזען בליק געוואָרפען.

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אז מען דאַרף זיין פאָרזיכטיג, ווייל ער האָט היץ. און עס קען זיין אז היינט אויף דערנאַכט זאָל ער ריידען פון היץ... ער האָט אויך געזאָגט, אז עס קען זיך דערפון ענטוויקלען א גאַנץ ערנסטע קראַנקהייט.

ליזא האָט זיך שוין געהאַט אונטערגענומען א גאַנצע נאַכט אַכטונג צו געבען אויפ'ן קראַנקען, אָבער די שוויגער האָט זי אָב־געשלאָגען דערפון.

— זעה ווי דו אליין קוקסט אויס, — האָט זי איהר גע־זאָגט. — דו ביזט, ווי עס שיינט, אויך עפּעס ניט מיט אלעמען. געה בעסער לעג זיך שלאָפען, און מען דאַרף ניט בעסער ווי פע־דאָסיא וועט אויף איהם אויפפּאַסען...

דאָס זעלבע האָט איהר פּאָטאַפּאָוו אויך געזאָגט. ער איז געוועזען זיכער אין דעם, אז קיין געפאַהר איז דאָ ניטאָ... מאָרגען וועט ער שוין אודאי אויפשטעהן פונ'ם בעט, ווייל אייגענטליך איז איהם דוכט זיך גאָרניט...

ארום עלף א זייגער ביינאַכט איז זי פון זיין בעט אוועק און אָנגעזאָגט פעדאָסיא'ן, אז זי זאָל אַכטונג געבען אויף איהם און איהם געבען דעם רעצעפּט אין צייט. פעדאָסיא האָט זיך אוועק־געזעצט א געהאָרכזאַמע און צוגעזאָגט אז זי וועט אויפ'ן קראַנקען גוט אַכטונג געבען. זי איז געוועזען שטאַרק צופריעדען דערפון, וואָס זי בלייבט איבער ביינאַכט איינע אליין אין א צימער מיט פּאָטאַפּאָוו'ן, אויף וועמען זי האָט שוין לאַנג געהאַט געוואָרפען אַן אויג...

ביינאַכט, שוין העט שפּעט, ווען אלע זיינען שוין געשמאַק געשלאָפען, האָט פּאָטאַפּאָוו אָנגעהויבען ריידען פון היץ. מיט ליידענשאַפטליכער צערטליכקייט האָט ער ליזא'ס נאָמען דער־מאָנט און זי צו זיך גערופען... און אויף פעדאָסיא'ס פּנים האָט זיך

א זיעגרייכען שמייכעל בעוויזען און זי האט צו איהם איהר האנד אויסגעשטרעקט...

איהם האט זיך געדוכט, אז ער הערט א שארך פון א זיידען קלייד ווען ער האט די אויגען געעפענט... א שעהן פנים׳ל, דוכט זיך ליזא׳ס, האט איהם פאר די אויגען א שוועב געטהאן און ער האט צוליעב דעם אנגעהויבען שמייכלען...

— איא, דאס ביזטו, ליזא? טייערינקע... איך ווארט דא פאר דיר... קום אהער... צו מיר קום אהער!...

רויטע און בלויע קרייזען האבען זיך איהם פאר די אויגען געדרעהט... ער האט זיי גערופען און זיי האבען זיך מיט איהם גערייצט... און אט האט ער זיי גאר אנגעכאפט מיט די הענד... א ווילדע ליידענשאפט האט זיין גאנצען קערפער געברענט און ער האט זיך ווי א שלאנג אויף די קישענס געווארפען... ער האט דוכט זיך געוויינט אויך... און וואס איז דאס פאר א ווייסער שאטען, וואס שטעהט לעבען איהם?... ליזא, דאס ביזטו?... קום אהער צו מיר!... און אט גיט זיך דער ווייסער שאטען שנעל א טהו אויס... די קליידלאך פאלען ארונטער אזוי שנעל, און דער ווייסער שאטען — א שעהנע פרוי — בלייבט שטעהן פאר איהם אין איין העמד... זי שטעהט און קוקט א ווײלע אויף איהם און באלד גיט זי זיך א ווארף צו איהם אין בעט אריין. עפעס אזא בעקאנטער, און דאך אן אונבעקאנטער קערפער... עפעס איז דאס יא ליזא און ניט ליזא... ווי אין חלום... דער קערפער איז אזוי ווארים... צאפעלט זיך און ווארפט זיך מיט ברענענדער ליידענשאפט... א שטורם פון געפיהלען אין א שטראם פון זיסען גע־נוס... ליזא... ליזא... און אפשר — ווארט, אפשר איז דאס ניט ליזא... — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און מארגען, ווען ער איז געקומען צו זיך און געדאנקט ליזא׳ן פאר דעם פערגעניגען וואס זי האט איהם ביינאכט פער־שאפט, האט זי איהם אנגעקוקט און ניט פערשטאנען וואס ער זאגט איהר...

— סטיאפושקא, וואס רעדסטו? איך בין דאך ניט געווען...

— פאַרוואָס זאָלסטו פאַר מיר פערלייקענען? — האָט ער געהאַט טענות צו איהר אין גוטען מוטה. — דו ביזט דאָך געקומען צו מיר, ליזאַטשקאַ, אין איין העמד...

— איך? — האָט זי ניט מיט איהר קול אויסגעשריען און זיך אַ כאַפּ געטהאָן ביים קאָפּ. זי האָט פערשטאַנען אַז דאָס האָט געמוזט זיין פעדאָסיא, און זי האָט זיך דאָס פּנים מיטביידע הענד פערשטעלט... זאָגען איהם אַז דאָס איז געווען פעדאָסיא האָט זי קיין הארץ ניט געהאַט... בעסער זאָל עס פאַר איהם בלייבען אַ סוד, ווייל ער וועט זיך זעהר שטאַרק ערגערען איבער דעם.

אַ וואָך צייט איז פּאָטאַפּאָוו געלעגען אין בעט ביז ער איז אין גאַנצען געזונד געוואָרען. פאַר דער צייט האָט ליזאַ אויסגעמיידט מיט פעדאָסיא׳ן זיך צו בעגעגענען. און ווען זי האָט זיך שוין יאָ מיט איהר בעגעגענט, האָט זי זיך געהאַלטען אַזוי, אַז יענע זאָל זיך ניט אָנשטויסען אַז זי ווייס וואָס אין יענער נאַכט איז פאָרגעקומען...

איידער פּאָטאַפּאָוו איז אַוועקגעפאָהרען האָט ער געמאַכט גאַנצע פּלענער וועגען זיין ליעבע צו ליזאַ׳ן. ער האָט איהר געזאָגט, אַז ער וועט אין גיכען קומען צוריק און דאַן וועט ער דינגען פאַר זיך אַ צימער, וואוהין ליזאַ וועט קענען קומען... אָבער זי האָט איהם איצט גאָרניט געקענט צזאָגען, ווייל טאַבאָלצעוו׳ס פּנים איז איהר פאַר די אויגען געשטאַנען. שטיל האָט זי איהם אויסגעהערט, האַלטענדיג דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף זיין ברוסט.

נאָך זיין אַוועקפאָהרען האָט זי געפיהלט, אַז זי מוז זיך מיט עפּעס זעהר אַ וויכטיגע זאַך פעראינטערעסירען און זי האָט זיך מיט לייב און לעבען איבערגעגעבען דער רעוואָלוציאָנערער אַרבייט. זי איז אפילו ניט געווען גענוג פאָרזיכטיג. סאַי ווי סאַי איז איהר דאָס לעבען נמאס געווען, און עס האָט איהר ניט געאַרט מען זאָל איהר אַרעסטירען...

עטליכע טעג נאָך זיין אוועקפאָהרען האָט זי פון איהם גע־קראָגען א בריעף פון ניזשני נאָווגאָראָד. אין דעם בריעף האָט ער געשריבען, אז עס שיינט, דאָס א שפּיאָן איז געפאַלען אויף זיין שפּור... ליזא זאָל זיין זעהר פאָרזיכטיג, ווייל עס איז זעהר מעגליך, אז מען זאָל ביי איהר אין הויז אין גיכען מאַכען אן אָביסק...

פּאָטאַפּאָוו'ס חוש צו דערשמעקען א שפּיאָן פאַר א מייל האָט איהם דאָס מאָל אויך ניט גענאַרט. א שפּיאָן האָט גענומען האַלטען אן אויג אויף דער מאַדאַם טאַבאָלצעוואַ'ס הויז, ווייל ער האָט א פּאָר מאָל געזעהן אהין אריינגעהן פּאָטאַפּאָוו'ן. און דער דאָזיגער שפּיאָן, א כיטרער, קלוגער, דורכגעטריבענער יונג האָט פערפיהרט א ראָמאַן מיט פּעאָדאָסיאַ'ן, איהר געקויפט טהייערע מתנות, געפאָהרען מיט איהר אין האָטעלען, און איינמאָל, ווען ער איז געווען אביסעל שכור'לאך און איהם האָט זיך שוין אויך גע־דרעהט דער קאָפּ פון'ם ווײַן, האָט ער איהר דערצעהלט וואָס ער איז, וויפיעל געלד ער פּערדיענט פון זיין שעהנער פּראָ־פעסיע, און דאָ איז ער צוגעטראָטען גלייך צו דעם עיקר:

— ווען דו, פּעדאָסיושקא, וואָלסט מיר געווען א גוטער פריינד, וואָלסטו מיר איצט געקענט העלפען פּערדיענען א שעהנע מטבע און פּאַר איין וועגס זיך אויספּיינען פּאַר נאַטשאַלסטוואָ...

— ווי אזוי וואָלט איך דיר געקענט העלפען? — האָט זי געפרעגט.

— גאַנץ איינפאַך. — האָט ער געענטפערט — צו אייך אין הויז קומט אריין איינער א הויכער, זעהר א געזונדטער יונגערמאַן מיט א בלאָנדע בערדעל...

— נו, איז וואָס?

— איהם זוך איך שוין א לענגערע צייט...

— אויף וואָס דאַרפסטו איהם?

— עך, נאַרעלע, א שעהנע פראַגע! איך דאַרף איהם שוין גאָר!... ווען איך וואָלט איהם געפּאַקט, וואָלט מיך נאַטשאַלסטוואָ בעלוינט מיט א שעהנער מטבע... דאָס איז פערשטעהסטו מיך,

דער אמת׳ער חברה־מאַן... איינער פון די הויפּט אָנפיהרער פון די אַלע בונטאָווּשטשיקעס... איבער גאַנץ רוסלאַנד זוכט מען איהם... אָבער ער איז אַ יונג אַ כוואַט, און דרעהט זיך אַלץ אויס... איינמאָל איז מען אין ראָסטאָוו שוין געהאַט געפאַלען אויף זיין שפּור, אָבער ווען עס איז געקומען צו עפּעס האָט ער זיך פון אונטער די הענד אויסגעדרעהט און איז אוועק קיין קיעוו... איז מען געקומען קיין קיעוו איהם זוכען, לאָזט זיך אויס אַ מעשה, אַז ער איז שוין גאָר אין מאָסקווא... איך האָב איהם איינמאָל שוין שיער־שיער געהאַט געפּאַקט לעבען דיין בעל־הבית׳טעס הויז, אָבער איידער איך האָב זיך אומגעקוקט, האָט ער געכאַפּט אַ ברישקע און איז פערשוואונדען געוואָרען... ווי אַ ניט־גוטער, אַט איז ער דאָ און אַט איז דאָרטען...

— אָבער די בעל־הבית׳טע אליין וועט מען ניט טשעפּען? — האָט זי איהם געפרעגט. — אויב דו וועסט מיר געבען דאָס וואָרט אַז מען וועט זי ניט טשעפּען, וועל איך דיר ארויסהעלפען...

— נו, גוט! גיב איך דיר דאָס וואָרט. — האָט ער צו איהר געזאָגט.

— געהט עס! — האָט זי איינגעשטימט. — גיב אַהער די האַנד!

אַט אַזוי איז דער אָפּמאַך צו פּאַקען פּאַטאַפּאָוו׳ן געשלאָסען געוואָרען...

פינף און דרייסיגסטער קאַפּיטעל

מיט דריי וואָכען שפּעטער איז פּימאַ איינמאָל פינף אַזייגער פאַרנאַכט געקומען צו לויפען אַ פערסאָפּעטע צו טאַבאַלצעוו׳ן אין הויז און אין אָטהעם אָנגעזאָגט אַ טרויעריגע בשורה:

— מען האָט ליזאַ׳ן ארעסטירט!

פאַר טאַבאַלצעוו׳ן איז די טרויעריגע בשורה געוועזן אונער־

ווארטעט. אין דעם מאָמענט האָט ער דערפיהלט די גאנצע גרויס פון דעם אונגליק.

ווענען אָט דעם ארעסט האָט פימא געהאט צו דערצעהלען און צו דערצעהלען.

— דאָס איז געווען ארום צוויי אזייגער נאָכמיטאג, — האָט זי גענומען איבערגעבען די איינצעלהייטען, — מיט אמאָל האָט זיך דערהערט א שטארקער, שארפער קלונג ביי דער טהיר. די דיענסט עפענט און גיט א קוק — פּאָליציי! נאָראָדאָוויעס (פּאָליסלייט) האָבען זיך גלייך אוועקגעשטעלט ביי אַלע טהירען, קיינעם ניט אריינגעלאָזט און קיינעם ניט ארויסגעלאָזט. איך האָב גלייך פערשטאַנען, אז דאָס איז מען געקומען ארעסטירען ליזא'ן... און איהר האָט געדארפט זעהן, וואָס ביי ליזא'ן אין צימער טהוט זיך: מען האָט געעפענט אַלע שופלאָדען, אַלע קאסטענס און אַלעס איבערגעקעהרט אַרען־קאָרען.

— נו, און ווי האָט זיך ליזא געהאַלטען? — האָט טאבאָלצעוו נייגיעריג געפרעגט.

— דו האָסט דאָס געדארפט זעהן! און — עס זאָל דאָס זי גאָר אָנהויבען ארען! גלייך ניט זי מיינט מען דאָס...

— זי האָט דען ביי זיך עפּעס געהאט פערבאָטענע זאכען?

— האָט קאטיא געפרעגט.

— אודאי! מען האָט זי געטראָפען דרוקענדיג פּראָקלאמאציעס אויף א שרייב־מאשין.

— וואָס רעדסטו? — האָט זיך קאטיא א כאפּ געטהאָן ביים קאָפּ. — ליזא האָט געדרוקט פּראָקלאמאציעס?

— און איהר האָט געדארפט זעהן ווי זי האָט זיך מיט זיי אויסגעע'טענה'ט! — זיי ריידען צו איהר, שטעלען איהר פראגען, און זי ענטפערט זיך אזוי קאַלטבלוטיג: „איהר מעגט פרעגען און איבערפרעגען פון היינט ביז מאָרגען — איך וועל אייך גאָר ניט ענטפערען... דעם פּראָטאָקאָל מעגט איהר שרייבען ווי איהר ווילט. סאַי ווי סאַי וועל איך אַלעס אונטערשרייבען“. אָט אזוי א, מיט די ווערטער.

— נו, און ווי האָט זיך די מאַמע געהאַלטן? — האָט טאַבאַלצעוו געפרעגט.

— אַך, פרעג שוין גאָר ניט! דו האָסט געדאַרפט זעהן... פריהער, ווען דער זשאַנדאַרמסקי אָפיציער האָט גענומען פרעגען און איבערפרעגען ווער עס איז דאָ די בעל־הבית׳טע, האָט איהם ליזאַ געזאָגט, אַז ער קען דאָ טהאָן וואָס ער וויל. ער מעג איבער־קעהרען אַלעס מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף; ער מעג אַריינשרייבען אין פּראָטאָקאָל וואָס ער וויל; קיין זאַך אַרט איהר ניט, אַבי די מאַמע זאָל מען ניט טשעפּען... און ווי מיר שטעהען אַזוי אַלע, קומט אַריין די מאַמע. איך בין שיער אין חלשות גע־פאַלען! האָסט געדאַרפט זעהן ווי זי האָט אויסגעקוקט! מיט איהרע צוויי ליכטיגע אויגען האָט זי אָבגעמאָסטען ליזאַ׳ן פון קאָפּ ביז צו די פיס און דער נאָך מאַכט זי אַזוי צום אָפיציער: „איהר אַרעסטירט זי?“ „יאָ, — האָט דער אָפיציער געענטפערט. — מיר האָבען אַזאַ בעפעהל, און מיר מוזען איהם אויספאָלגען“. מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז אָט־אָט וועט די מאַמע פאַלען אין חלשות, בין איך צוגעלאָפען צו איהר און האָב זי אַרומגענומען, האָט זי מיך אָפּגעשטופּט פון זיך, און מאַכט צום אָפיציער אַזוי: „אויב איהר אַרעסטירט זי, טאָ אַרעסטירט מיך אויך!... איך האָב מיט איהר צוזאַמען געאַרבייט“...

טאַבאַלצעוו איז אַזש בלאַס געוואָרען.

— וואָס רעדסטו, פימאַ? אַזוי האָט זי געזאָגט?

— און נאָך ווי אַזוי געזאָגט! — האָט פימאַ ווייטער דער־צעהלט. — עטליכע מאָל האָט זי דאָס איבערגע׳חזר׳ט, קוקענדיג דעם אָפיציער דרייסט אין די אויגען אַריין... און איהר קענט זיך שוין פאָרשטעלען וואָס עס האָט זיך אָבגעטהאָן! ליזאַ האָט זיך גענומען בעטען ביי איהר: „מאַמוניו, וואָס האָסטו געזאָגט? צו וואָס זאָלסטו זיך אַליין אומבריינגען? האָב רחמנות אויף זיך אַליין!“... און די מאַמע האַלט זיך איינס: „אויב איהר אַרעסטירט זי, טו אַרעסטירט מיך אויך“... און מיט אַמאָל האָט זי געגעבען אַ פאַל צו צו ליזאַ׳ן, זי אַרומגענומען מיטביידע הענד און זי

פעסט צוגעטוליעט צו זיך... „וואוהין מען וועט דיך צונעהמען, וועל איך אויך געהן" — זאָגט זי איהר, און דאָס פּנים... גאָט מיינער!

— האָט זי געוויינט? — האָט קאַטיא געפרעגט.

— ווער? די מאַמע? אפילו קיין טרעהר ניט געלאָזט... איהרע אויגען, זאָג איך אייך, האָבען געלויכטען ווי די שטערען... און ווען דער אָפיציער האָט אויפ'ן טעלעפאָן אָנגעפרעגט וואָס ער זאָל טהאָן און מען האָט איהם געענטפערט אז בלויז ליזא'ן זאָל ער ארעסטירען, איז די מאַמע געבליבען זיצען אַזוי אומעטיג, גלייך מען וואָלט אַ טויטען פון דער שטוב ארויסגעטראָגען.

— און מען האָט זי טאַקע צוגענומען ליזא'ן? — האָט קאַטיא געפרעגט.

— נו, אוודאי! איהר האָט געדארפט זעהן, ווי זי האָט זיך מיט אונז געזעגענט. אפילו אַ שטיין האָט עס געקענט ריהרען.

קאַטיא האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט און טאַבאַלצעוו איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, פערביסען די ליפען און געקוקט ווי די זון זעצט זיך.

— קום, וועלען מיר פאָהרען צו דער מאַמען! — האָט ער אין מיטען דערינען געזאָגט קאַטיא'ן, — איצט טאָר מען זי ניט לאָזען אליין...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָך דעם ווי מען האָט ליזא'ן ארעסטירט, איז צווישען די אָנגעזעהענע טהוער פון דער פּאַרטיי געוואָרען אַ טרעוואָגע. די מעהרסטע פון זיי האָבען געדענקט, אז וייל ליזא איז אַ רייכע און דערצו נאָך אַזא נערוועזע פרוי, וועט זי די ליידען אין טורמע ניט קענען אריבערטראָגען, און כּדי זיך אויסצוקויפען, וועט זי אַלעמען אויסגעבען.

פּאָטאַפּאָוו איז דאַן געקומען פון אַ סאָציאַליסטישען צוזאַמענפאָהר, און ווען ער איז געוואָהר געוואָרען אז מען האָט ליזא'ן ארעסטירט, איז ער שיער פון זינען ניט ארונטער.

און ווי אויף צו להכעיס, האָט ער קיין גרוס פון איהר אויך

ניט געקענט אפנעהמען, ווייל צו די אלטע טאבאלצעווס אין הויז האט ער איצט ניט געטארט געהן, וויסענדיג אז מען שפיאנירט איהם נאך.

מיט טאבאלצעוו'ן אליין האט ער זיך דוקא אפט בעגעגענט. אלע מאל ווען ער איז געקומען, האט ער אן אנדער בארד געטראגען, און בייטאג איז ער זעלטען ווען אין גאס ארויסגעגאנגען.

פונ'ם צוזאמענפאהר האט ער געהאט טאבאלצעוו'ן א סך צו דערצעהלען. ער האט זיך א סך אפגעשטעלט אויף דער שפאלטונג וואס עס איז פארגעקומען אין דער פארטיי.

די טאבאלצעווס האבען שוין דאן ווידער געוואהנט אויף זייער דאטשע ווען מען האט ניקאלאי'ען געלאזט וויסען, אז ער קען זיך שוין זעהן מיט ליזא'ן אין טורמע.

— זאל זי געהן צו אל די רוחות! — האט ער זיך צושריען, ווען מען האט איהם דאס געזאגט. — זי פעהלט מיר ווי א לאך אין קאפ, און איך וועל זיך מיט איהר ניט זעהן!...

אפילו קאפיטאן האט דאס ניט געקענט הערען. פימא האט איהם פשוט אויסגעזידעלט.

— ביזט א מענש אהן געפיהלען און א גרויסער אידיאט!

שלעכטע גרוסען האט מען פון טורמע איבערגעגעבען וועגען ליזא'ן. מען האט דערצעהלט, אז זי שלאפט ניט דורך די נעכט, אז זי איז שרעקליך נערוועז און אז עס איז שוין בעשטימט געווארען א קאמיטע פון מארך־ספעציאליסטען צו אונטערזוכען איהר פערשטאנד...

נאר מיט עטליכע טעג שפעטער האט טאבאלצעוו פון איהר דורך א בעקאנטען סטודענט א צעטעלע בעקומען. אינ'ם צעטעלע איז געשטאנען אזוי: „זאג אז דו ביזט מיין מאן, און קום זיך זעהן מיט מיר"...

און ענדליך איז געקומען א טאג ווען זי האט איהם דערזעהן. ער איז געשטאנען פון דער אנדערער זייט גראטעס... ער, וועמעס פנים ס'האט פאר איהר געשוועבט בייטאג און ביינאכט...

זי האָט איהם דאכט זיך גאַר ניט געזאָגט... ווי א פער'כשופ'טע האָט זי דאָס פנים אָן די גראַטעס אָנגעשפּאַרט און אָנגעשטעלט אויף איהם איהרע צוויי גרויסע ליכטיגע אויגען.

— נו, וואָס מאכט זי? ווי קוקט זי אוים? — האָט איהם די מוטער געפרעגט, ווען ער איז פונ'ם בעזוך געקומען.

— עס איז זי ניט צו דערקענען, מאמעניו, — האָט ער אור־מעטיג געענטפערט. — פונ'ם פנים זיינען בלויז די אויגען גע־בליבען...

די אַלטע האָט זיך פאנאנדערגעוויינט.

פּאָטאַפּאָוו האָט געפיהלט, אז ער געהט אוים פון בענקעניש נאָך ליזא'ן, אָבער קומען צו איהר — דאָס האָט ער ניט געקענט. דאָס האָט געהייסען איינשטעלען דאָס לעבען אָן אויך די נויטיגע ארבייט אין דער פּאַרטיי...

עס איז דאָך געקומען א צייט ווען מען האָט שוין ליזא'ן ערלויבט זיך צו זעהן מיט טאבאַלצעוו'ן אָהן די גראַטעס. דאַן איז זי אריין א פאַל געטהאָן איהם אויפ'ן האלז...

זעקס און דרייסיגסטער קאַפּיטעל

עס איז געווען א הייסער טאָג אין מאָנאט יולי, ווען ליזא איז צוזאמען מיט טאבאַלצעוו'ן אין א קאַרעטע געפאָהרען צו דער דאטשע. דאָס האָט די שוויגער פאר איהר איינגעלייגט צעהן טויזענד רובעל אַלס א גאראנטי, אז זי וועט קומען אין געריכט ווען מען וועט זי דאַרפען משפט'ן.

אויף דער דאטשע האָט מען שוין אויף איהר מיט אונגע־דולד געווארט. די פרויען האָבען זיך אָנגעטהאָן אין ווייסע קליי־דער און די מענער — אין שווארצע פראַקען. אפילו איהר מאַן, ניקאָלאי, האָט זיך דאָס מאָהל אויך געהאלטען אין דער מעלה און אויך אָנגעטהאָן א שוואַרצען פראַק.

אַלע האָבען זיך מיט איהר געקושט ווען זי איז אויף דער

דאַטשע אָנגעקומען. קאַטיאַ האָט אַזש געוויינט פאַר פרייד, ווען זי האָט איהר דערזעהן.

נאָכ׳ן עסען איז ליזאַ אריין צו זיך אין צימער און זיך אוועקגעזעצט אביסעל אָברוהען אויפ׳ן ווייכען דיוואַן. אין הויז איז דאַן געווען שטיל. די קינדער האָט מען אוועקגעפיהרט אין וואַלד אריין זיך שפּיעלען. איז ליזאַ אַזוי אין דער שטילקייט בעלעגען און געקלעהרט... מיט אַמאָל האָט זי זיך געגעבען אַ זעץ אויף און גענומען רייבען דעם שטערן... וואָרט, דוכט זיך, אַז קאַטיאַ טראָגט שוין ווידער אַ ברייטען קאַפּטאַן... דוכט זיך, אַז זי איז עפּעס צו ברייט... געשיקט זיך, אַז שוין ווידער?...

עס האָט איהר ווי מיט אַ האַמער אַ קלאַפּ געטהאָן אין קאָפּ. — גאָט! געשיקט זיך, אַז די פינף מאָנאַטען, ווען זי האָט אין טורמע געשמאַכטעט, איז דאָס לעבען זיך דאָ געגאַנגען ווי געוועהנליך?

אַ שווערער זיפץ האָט זיך ביי איהר פון הארצען ארויס־געריסען.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טהיר און קאַטיאַ איז אריינגעקומען. זי האָט זיך אוועקגעזעצט לעבען איהר און זיי גענומען בעדויערען. קאַטיאַ האָט געוויינט, זעהענדיג ווי ליזאַ איז געוואָרען אַ תּל אָבער ליזא׳ן האָבען איהרע טרערען ניט געריהרט...

מען האָט זיך צורעדט וועגען פערשיעדענע זאַכען. קאַטיאַ האָט געזאָגט:

— און מיר, ליזאַטשקאַ, נעהמט עס אויך קיין עין־הרע... איך שוואַנגער דאָך שוין ווידער...

ביי ליזא׳ן האָבען אַזש די אַקסלען אויפגעציטערט.

זי האָט זיך מיט אַמאָל אַ הויב געטהאָן, גענומען נערוועז בייסען די אונטערשטע ליפּ; איהר פּנים איז געוואָרען נאָך בלאַסער ווי פריעהער, און זי איז אומגעפאַלען...

עס איז געוואָרען אַ טומעל, די דיענסטען זיינען אריינגע־לאָפען און מען האָט זי קוים דערמינטערט.

שפעטער, ווען זי האָט זיך בערוהיגט, האָט זי זיך צוזאַמען מיט קאַטיאַ׳ן אין גאָרטען צווישען די געדיכטע בוימער אוועקגע־זעצט, און יענע האָט איהר דערצעהלט, וואָס פאַר צרות זי האָט איבערגעלעבט, זינט מען האָט ליזאַ׳ן אַרעסטירט.

— פאַר דעם האַלבען יאָהר, — מאַכט זי אַזוי צו איהר, — האָב איך שוין אַ וועלט מיט צרות אריבערגעטראָגען! ערשטענס, דיין אַרעסט... אויף מיר האָט דאָס אַ שרעקליכע ווירקונג גע־האַט! און דערנאָך איז שוין געגאַנגען און געגאַנגען. מיין מאַמע איז געשטאָרבען. מיין סאָניאַ האָט חתונה געהאַט פאַר דעם אַקטיאָר, דעם שכור׳ניק, און איז נעבאַך אויף גרויסע צרות... דו ווייסט דען ווי ער ליגט איהר אין די ביינער! ער איז דאָך אַזוי אייפערזיכטיג, אַז ער לאָזט זי פון אויג ניט אָפּ. און טרעף צו וועמען? צו אַנדריושאַ׳ן... וואָס אַ שכור׳ן קען איינ־פאַלען!

— און וואו איז סאָניאַ איצט? זי קומט אהער?

— ניין, ער האָט זי פערשלעפּט קיין כאַרקאָוו, דער משוגענער.

קאַטיאַ האָט איהר אויך געוויזען דאָס קינד, און ווען ליזאַ האָט עס דערזעהן, איז איהר דאָס האַרץ שיער ארויסגעפאַלען פאַר שרעק. אין קינד׳ס פּנים׳ל האָט זי געזעהן שטריכען, וואָס זיינען געווען עהנליך אי צו טאַבאַלצעוו׳ן אי צו סאָניאַ׳ן.

מאָדנע, עפּעס ניט אַזוי ווי אַלע מאָל, איז זיך דאָס לעבען געגאַנגען ביי די טאַבאַלצעווס אויף דער דאַטשע. אַזוי, לפּנים האָט זיך געדאַכט, אַז אַלעס איז ווי געוועהנליך: מען עסט, מען טרינקט, מען פאָהרט אַוועק, מען קומט צופאָהרען מען רעדט, מען פּלאַפּעלט. אַלעס, דאַכט זיך, ווי געוועהנליך, און דאָך... דאָך האָט מען געפיהלט אַז עפּעס אַ נייעס האָט זיך אהער אינ׳ם לעבען אריינגעריסען און לאָזט קיינעם קיין קאָפּ ניט אויפהויבען... האָט מען געמעגט זיין ווי פרעהליך, איז געווען גענוג אַז ליזאַ זאָל אריינקומען, און אַלע זיינען מיט אמאָל שטיל גע־וואָרען... עס האָט זיך געפיהלט אַז דער פּראָצעס אין געריכט,

וואָס שטעהט נאָך ליזאַ'ן פאַר, הענגט דאָ איבער אַלעמענס קעפּ ווי אַ שווערע משא...

ווי אַלע מאָל, איז פּאַטאַפּאָוו אויך פון קרים אָנעקומען אונגעריכטערהייט. פערפאָהרען איז ער צו דער מאַדאַם בעז־סאָנאָווא און ביי איהר האָט ער זיך דערוואוסט, אַז ליזאַ איז שוין אויף דער פריי.

באַלד האָט ער דורכ'ן טעלעפאָן ארויסגערופען טאַבאַלצעוו'ן, זיך פערשפּאַרט מיט איהם אין אַ בעזונדער צימער און גענומען איבערפרעגען וואָס זי מאַכט.

— איך מוז זי זעהן! — האָט ער עטליכע מאָל דאָסזעלבע איבערגע'חזר'ט ארומדרעהענדיג זיך האַסטיג איבער'ן צימער. — איך מוז זי זעהן! ברענג זי מאָרגען אין שטאָדט אריין... איך מוז מיט איהר ריידען, אַלאַ ניט, וועל איך פון זינען ארונטער!...

— אָבער דאָס הייסט דאָך זיך איינשטעלען דאָס לעבען... דו פערשטעהסט, סטיאָפּושקאַ?

— אַלץ איין טייפעל! — האָט פּאַטאַפּאָוו געענטפערט פּעסט. — דעם טויט גלייך אין די אויגען האָב איך שוין ניט איינמאָל געקוקט, און קיין זאַך שרעקט מיך ניט... איך מוז זי זעהן!

אַלס גוטער פריינד, האָט טאַבאַלצעוו געטהאָן פּאַטאַפּאָוו'ן די טובה און ער האָט איינגערעדט ליזאַ'ן, אַז ס'איז ניט ריזי־קאַליש ווען זי וועט זיך מיט איהם זעהן אויף דער ווינטערדיגער וואָהנונג אין שטאָדט.

אַ שרעק איז אויף ליזאַ'ן געפאַלען ווען זי איז אין איהר צימער אויף דער אַלטער קוואַרטיר אריינגעגאַנגען. זי האָט גע־האַט דאָס געפיהל, ווי זי וואָלט אריינגעגאַנגען אין אַ הויז, פון וואַנען מען האָט נור וואָס אַ טויטען ארויסגעטראָגען...

טאַבאַלצעוו איז מיט איהר צוזאַמען געקומען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבען איהר און געפרעגט:

— טהייערע ליזאַטשקאַ, פאַרוואָס ביזטו אַזוי אומעטיג?

פון זיין שטימע איז איהר געוואָרען גרינגער אויפ'ן הארצען און זי האָט די אויגען אויפגעהויבען.

— איך בין מיעד, אנדריושא! — האָט זיך ביי איהר פון הארצען א שווערער זיפץ ארויסגעריסען, און זי האָט אָנגע־שפּארט דעם קאָפּ אָן זיין ברוסט.

— אנדריושא — האָט זי אנגסטליך געזאָגט, — דו האָסט קיין נשמה ניט, און דערפאר טאָר מען דיר ניט גלויבען... גע־דענקסטו ווי אין קיעוו האָסטו מיר געזאָגט, אז דיין גאנצע נשמה איז פול מיט מיר, און ווי דו ביזט נור אהיים געקומען האָסטו די גאנצע נשמה דיינע אוועקגעגעבען קאַטיא'ן...

— דו פערשטעהסט מיך ניט, ליזא, — האָט ער איהר גע־ענטפערט, — איך האָב ניט איין נשמה, נור עטליכע נשמות. און מיין ניט, אז נור איך בין אזוי, מיר זיינען אלע אזוי... דו ביזט אויך אזוי... אָט אזוי איז דאָס לעבען: פערפלאָנטערט, פער־דרעהט... ליזא...

אין דער מינוט האָט זיך די טהיר געעפענט און פּאָטאַפּאָוו איז אריינגעקומען...

צואווארימט פון די שטורמדיגע געפיהלען, וואָס האָבען ביי איהם אין הארצען געבושעוועט, האָט ער געטהאָן א פאל אויף די קניע פאר איהר און זיך צוכליפּעט.

די דאָזיגע סצענע איז געוועזען אזוי ריהרענד, אז טאַבאָלצעוו האָט זיך אזש פערשעהמט און איז אונבעמערקט ארויס פון צימער. אומקעהרען זיך צוריק אהער האָט ער ניט געקענט, כאָטש עס האָט איהם געצויגען. אלע מאָל האָט ער געכאַפּט א קוק אויף די פענסטער און דערביי געטראכט, אז דאָ, אין דעם הויז, ווערט דורכגעלעבט א שווערע דראמע פון צוויי מענשען, וועלכע זיינען איהם זעהר טהייער...

— אך, ווי שרעקליך דו קוקסט אויס! — האָט פּאָטאַפּאָוו מיט בעדויערען געזאָגט. — דו מוזט זיך איצט גוט אָפּהיטען, וויייל — טרעהרען האָבען איהם גענומען שטיקען — אויב דו,

ליזאַטשקאַ, וועסט חלילה שטאַרבען, וועל איך זיך דאָס לעבען גענעמען...

זי האָט געשוויגען. אויף איהם האָט זי רחמנות געהאַט, אָבער געליעבט האָט זי טאַבאַלצעוו'ן, און זי האָט די גאַנצע צייט אַלץ געקלעהרט וועגען איהם.

ווען ער האָט איהר אין די אויגען אַ קוק געטהאָן, האָט ער פערשטאַנען, אַז ער האָט זי פערלאָרען אויף אייביג.

ריידען מיט איהר יעצט וועגען ליעבע האָט ער ניט געקענט. ווי אַן אמת אָרענטליכער און איבערגעבענער גוטער פריינד, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט לעבען איהר און גענומען ריידען וועגען דעם, ווי נויטהיג עס איז, זי זאָל זיך ראַטעווען. ער האָט איהר געראַטהען צו פאָהרען קיין אויסלאַנד און דאָרטען לעבען רוהיג כאָטש אַ יאָהר צייט... דערנאָך, ווען זי וועט קומען צוריק, וועט שוין אין רוסלאַנד זיין אַ נייע אָרדנונג; עס וועט דאַ זיין ליכטיג און פריי... ער גלויבט און איז זיכער אין דעם...

צום לעצטען מאָל האָט ער זי אַ קוש געטהאָן, און פער־שטעלענדיג זיך דאָס פנים מיט ביידע הענד, איז ער אַרויסגע־גאַנגען.

— זייַ געזונד, סטיאָפּושקאַ! — האָט ער געהערט ווי זי זאָגט, ווען ער איז שוין געווען פון יענער זייט טהיר.

דאָס האָט איהם אַזוי צורודערט, אַז ער האָט פערלאָרען די קאָנטראָלע איבער זיך און צוריק אַריינגעלאָפען צו איהר. ער איז איהר צו די פיס געפאַלען און געוויינט, ווייל דאָס הארץ האָט איהם געזאָגט, אַז מעהר וועט ער זי שוין ניט זעהן...

אין דרויסען האָט ער בעגעגענט טאַבאַלצעוו'ן. עטליכע שפּאַן איז ער מיט איהם צוזאַמען געגאַנגען און קיין וואָרט ניט גערעדט. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופען:

— אַנדרעי... עפּעס האָב איך אַזוי מורא! אין איהרע אויגען זעהט מען דעם טויט... מען מוז זי ראַטעווען! דו הערסט? מען מוז!

אויפ'ן ראַנג נאָס האָבען זיי זיך געזעגענט. געזאָגט האָט

קיינער קיין ווארט ניט. זיי האבען בלויז איינער דעם אנדערען די הענד געדריקט און זיך אנגעקוקט.

— — — — — — — — — — — — — — —

* * *

עס איז געווען א פינסטערע נאכט אין מאנאט אויגוסט, ווען ליזא און טאבאלצעוו זיינען ביידע ארויסגעגאנגען שפאצירען אינ׳ם געדיכטען גארטען. אין דרויסען איז געווען ווארים. אויפ׳ן הימעל האבען זיך וואלקענדלאך געשפרייט. קיין שטערן האט מען ניט געזעהן. אונטער די הויכע סאסנע בוימער האט זיך די פינסטערניש בעהאלטען אזוי שטיל, גלייך ווי זי וואלט דעם אטהעם איינגעהאלטען. עס איז געווען אזוי אנגענעהם אין אזא פינסטערער נאכט צו געהן געארמט צוגעטוליעט איינער צום אנדערען אין אזא געדיכטען גארטען... שטיל, ניט ריידענדיג א ווארט איינער צום אנדערען, האבען זיי זיך אונטער א געדיכט־בעצווייגטען בוים אוועקגעזעצט אויף דער באנק וואו זיי פלעגען געוועהנליך זיצען. ארום און ארום איז געווען אזוי שטיל, אז מען האט אפילו קיין שארך אין ערגעץ ניט געהערט...

— ליזא, — האט ער זיך דער ערשטער אנגערופען, — איך האב שוין אלעס צוגעגרייט, אז דא זאלסט אנטלויפען קיין אויסלאנד... אויסער דער מאמען וועט קיינער דערפון ניט וויסען... אלעס איז שוין פארטיג — א פאספארט, געלד און בריעף צו די געגנאסען אין אויסלאנד... אין דער שווייץ וועט מען שוין ווארטען אויף דיר ביים וואקזאל...

זי האט זיך מיט אמאל אויסגעגלייכט און פעסט געזאגט:

— אנדריושא, איך וועל ניט פאהרען...

— פארוואס, ליזאטשקא? ווייסטו דען ניט, אז מען קען דיך דא פערשיקען אויף עטליכע יאהר קיין סיביר, אדער ווידער פערשפארען אין טורמע?...

— זאל מען! מיר איז אלץ איינס... מיין לעבען איז שוין סאי ווי סאי קיין לעבען ניט...

טאַבאַלצעווי'ן האָבען איהרע רייד ביים הארצען פערקלעמט.

מיט אַמאָל האָט זי זיך אויסגעדרעהט מיט'ן פּנים צו איהם און אַרויפגעלייגט די האַנד אויף זיין אַקסעל.

— אַנדריושאַ, איך בעט דיך, לאָמירביידע אַוועקפאָהרען פון דאַנען! וואָס זאָל איך טהאָן, אַז איך קען פאַרט ניט לעבען אָהן דיר?!... איך קען ניט!...

ער האָט געשוויגען. ניט געוואוסט וואָס איהר צו ענט־פערען.

— ליזאַ, — האָט ער זיך אָנגערופען, — איך זאָג דיר ניט אַז איך וועל ניט פאָהרען... אָבער מען דאַרף דאָס גוט בעטראַכטען...

— פאָהר מיט מיר אַוועק פון דאַנען! איך בין גרייט די ערגסטע צרות אַריבערצוטראָגען, אַבי זיין צוזאַמען מיט דיר... איך בין גרייט צו ליידען יאָהרען... לאָמיר אַוועקפאָהרען פון דאַנען, אַנדריושאַ! איך קען שוין מעהר די ליידען ניט אַרי־בערטראָגען. דורך די נעכט שלאָף איך ניט... איך וועל פון זינען אַרונטער!

— אָבער, ליזאַ, — האָט ער אָנגעהויבען, — וואָס רעדסטו! אַזאַ זאַך דאַרף מען גוט בעקלערען...

— איך וויל גאָר ניט קלעהרען, — האָט זי זיך מיט ווילדער ליידענשאַפט צו איהם צוגעטוליעט, — עס איז מיר שוין נמאס צו קלערען... לאָמיר וואָס גיכער אַוועקפאָהרען פון דאַנען!... כאָטש איין שטונדע זאָלסטו זיין מיינער... און דערנאָך וועט מיך שוין אפילו ניט אַרען אויב איך וועל שטאַרבען... מיט יאָהרען ליידען בין איך גרייט דערפאַר צו בעצאָהלען... לאָמיר אַוועקפאָהרען קיין איטאַליען!... טאָג און נאַכט האָב איך וועגען דעם געטרוימט... נאָך דאַן ווען דו האָסט מיר דעם אַלבאָם מיט די בילדער געוויזען, האָב איך שוין וועגען ד ע ם געטרוימט... אָט דער בעגעהר דיך צו האָבען ברענט אין מיר ווי אַ העליש פייער. דאָס וועט מיך משוגע מאַכען... האָב רחמנות אויף מיר,

אנדריושאַ... אויב דו האָסט מיך ניט ליעב, טאָ האָב כאָטש רחמנות אויף מיר.

זי האָט מיט'ן גאַנצען קערפּער געציטערט... ער האָט זי אַזש ניט דערקענט. דער ליידענשאַפטליכער אויסברוך האָט זי אינ־גאַנצען פאַר אַן אַנדערער געמאַכט.

„וואָס האַלט מיך אָפּ? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט. — די מאַמע? די ווייב?... ניין! די מאַמע וועט מיך פערשטעהן... און די ווייב?... נו, אַז וואָס זשע? בין איך דען ניט קיין בעל־הבית איבער זיך אַליין? פאַרוואָס זאָל איך ניט אויסנוצען די געלעגענהייט?..."

אַן זי האָט אָהן אַ זינן געפּלאַפּעלט ווי פון היץ, צוגעטוליעט איהר באַק צו זיינער, ציטערענדיג זיין האַנד געדריקט, געלאַכט און געוויינט:

— אַנדריושאַ... טהייערינקער! איך האָב דיך אַזוי ליעב!...

— פאַרוואָס־זשע האָסטו די גאַנצע צייט געשוויגען? — האָט ער צו איהר געהאַט אַ טענה.

זי האָט גאָר ניט געענטפערט. איהר האַנד איז בעוועגלאָז געבליבען ליגען אין זיינער.

— ליזאָטשקא, עפען פאַר מיר אויף דיין נשמה! — האָט ער זי אָנגעהויבען בעטען.

ער האָט אויך אָנגעהויבען ציטערען. עס האָט איהם גע־נומען קלאַפּען אַ צאָהן אָן אַ צאָהן.

— איך בין פון די וואָלקענס אַרונטערגעפאַלען, אַנדריושאַ...

— האָט זי רחמנות'דיג געזאָגט. — איך בין אין שמוץ אַריינגע־פאַלען... איך בין איצטער אַ צובראָכענער מענש... דו ווייסט פאַר־וואָס...

פון זיין האַרצען האָט זיך אַ טיעפער זיפץ אַרויסגעריסען. אין דער פינסטער האָט ער איהרע ליפּען געפונען און זיי אָנגע־הויבען קושען ליידענשאַפטליך און ווילד.

— לאָז מיך אָפּ! — האָט זי זיך געבעטען. — איצטער וויל איך ניט!... פון מיר וועסטו אַוועקגעהן צו איהר, צו דיין

ווייב... איך וויל דאָס ניט, דו הערסט?... ווען מיר וועלען פון דאַנען אוועקפאָהרען... ווען מיר וועלען זיין אליין... ווען דו וועסט זיין אין גאַנצען מיינער... נור מיינער... דאַן וועל איך דיך ליעב האָבען אזוי שטאַרק!..

— ניין, ליזאַטשקא, — האָט ער תאוה'דיג געשעפּטשעט, — מען דאַרף ניט אָפּלעגען אויף שפּעטער... זאָל דאָס באַלד גע־שעהן... איצט...

— לאָז מיך אָפּ...

— ניין, דאָס קען איך ניט... ליזא... ליזאַטשקא.

— לאָז מיך אָפּ, זאָג איך דיר, — האָט זי זיך ביי איהם געבעטען.

— ניין, איך וועל דיך ניט אָפּלאָזען, — האָט ער געזאָגט, אליין ניט הערענדיג וואָס ער רעדט. — איצט מוזטו זיין מיינע... שווייג!... איך בעט דיך, ליזאַטשקא, שווייג, און הער זיך בעסער צו צו דער שטימע פון דיין ליעבע... מאַך צו די אויגען און שווייג... שווייג...

מיט אמאָל איז זי געבליבען שטיל, זיך אויפגעהערט ווער־רען... זי האָט קיין וואָרט ניט געקענט ארויסריידען. דער אָטהעם האָט איהר פערכאַפּט... עס האָט זיך איהר מיט אמאָל אָנגעהויבען אויסווייזען, אז מען האָט איהר מיט א געדיכטען, שווערען טוך דאָס פּנים פערשטעלט. דאָס האַרץ איז געבליבען שטעהן... זי איז פערבלענדעט געוואָרען פון דעם פייער וואָס די הייסע פער־לאַנגען האָבען אין איהר אָנגעצונדען... עס האָט זיך איהר אויס־געוויזען, אז עפּעס א מורא'דיגע, צושטערענדע קראַפט איז אין קערפּער אריין, אָנגעצונדען יעדען טראָפּען בלוט אין די אָדערען און צושמאָלצען דעם גאַנצען מוח איהרען... עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אז נאָך איין אויגענבליק און די צושטערענדע קראַפט וועט זי אינגאַנצען פערניכטען...

עס האָט זיך איהר אויסגעדוכט, אז זי פאַלט טיעף אין א תהום פון פערגניגען, און עס האָט זיך ביי איהר פון הארצען

ארויסגעריסען אזא קוויטש, אז די גאנצע שטילקייט, וואס האט ארום און ארום געהערשט, איז צורודערט געווארען...

א פויגעל, וואס איז אויף א בוים געשטאנען, האט זיך פאר איהר קוויטש דערשראקען און גענומען פליהען הענדום־פענדום. מען האט געהערט ווי ער האט זיך מיט די פליעגלען אן די צווייגען פון א צווייטען בוים אנגעשטויסען, און איז דערנאך אוועק אין וואלד אריין — — — — — — — — — — — — — —

— —

פארטאג האט א שטארקער רעגען אנגעהויבען גיסען. אין דרויסען איז געוועזען נאס און קיהל.

ליזא איז אויפגעשטאנען שפעטער ווי אלע. אונטער די אויגען זיינען ביי איהר געוועזען רונדע בלויע צייכענס. יעדער אבר האט איהר וועה געטהאן און זי האט זיך געפיהלט זעהר שוואך... אין מוח האט זיך ביי איהר איין געדאנק געפלאנטערט: „ענדליך איז דער טרוים פערווירקליכט געווארען!...”

מיט פערמאכטע אויגען איז זי געלעגען, און ווען זי האט אויף איהרע שולטערען דערפיהלט די בעריהרונג פון א ווייכער האנד, האט זי זיך אן איבערגעשראקענע א ווארף געטהאן און ניט מיט איהר קול אויסעשריען:

— אוי!

— וואס איז דיר. ליזא, ביזט קראנק?

ניט קוקענדיג קאטיא'ן אין די אויגען האט זי זיך גענומען אנטהאן און אלעס איז איהר פון די הענד געפאלען.

ווייל זי האט געוואוסט, אז היינט איז זונטאג און ער וועט זיין א גאנצען טאג אין דערהיים, האט זי זיך אנגעטהאן א ווייסע זיידענע קלייד און זיך שעהן די האר פערקעמט. זי האט געוואלט היינט אויסקוקען גאר שעהן, האט זי א קלונג געטהאן, אז די דיענסט זאל אריינקומען איהר העלפען זיך אנטהאן פינקטליך. אבער די דיענסט איז אריינגעקומען ניט באלד, נור מיט עטליכע מינוטען שפעטער.

— ענטשולדיגט מיר, פריצ'טע, פארוואס איך בין באלד ניט

געקומען, — האָט די דינסט געזאָגט, — איך בין געווען פֿאַרנומען, ווייל סאָניא איז געקומען...

ליזא איז געבליבען זיצען אַ פֿערשטיינערטע און שווין פֿאַרגעסען צוליעב וואָס זי האָט אַהער די דינסט אַריינגערופֿען...

אַזוי צוטומעלט האָט זי סאָניא׳ס קומען, אַז זי האָט ניט געוואוסט וואָס עס טהוט זיך מיט איהר. און ביי זיך אין הארצען האָט זי בעשלאָסען: „וואָס עס וועט זיין, וועט זיין — איהר וועל איך איהם ניט אָבטרעטען!"

זי איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפֿע, וואו איהרע קליידער זיינען געהאנגען, און גענומען אויף זיך אַלע מאָל אַן אַנדער קלייד... היינט מוז זי אויסקוקען וואָס שענער, וואָס רייצענדער...

אין דעם צימער האָט מען געקענט זעהן דעם גאַרטען אַרום און אַרום. פּלוצים האָט זי טאַבאָלצעוו׳ס שטימע דערהערט און זי איז גלייך צוגעלאָפען צום פֿענסטער... זי האָט געזעהן ווי ער שפּאַצירט מיט סאָניא׳ן אין דער שמאָלער אַלעע, צווישען די בוימער; ווי ער רעדט צו איהר אַזוי ליעבליך און האַלט זיך אונטער׳ן אָרעם... גאָט! דוכט זיך, אַז ער פֿיהרט זי צו דער זעלבער באַנק!... געשיקט זיך, אַז אויף דערזעלבער באַנק וועט ער קענען זיצען מיט אַן אַנדערער?...

— אַלע צום טיש! — האָט זיך דערהערט קאַטיא׳ס בעפֿעהלענדע שטימע.

די טהיר פֿון ליזא׳ס צימער האָט זיך געעפֿענט און פֿעדאָסיא איז געבליבען שטעהן ביי דער שוועל. שאַרף און האַסטיג האָט זי געוואָרפֿען אַ בליק אויפֿ׳ן פֿענסטער, דערנאָך אויף ליזא׳ן... זייערע אויגען האָבען זיך בעגעגענט.

אין איהר בליק האָט ליזא דערקענט, אַז זי ווייסט אַלעס, אַז זי שפּיאָנירט איהר נאָך...

— אַך, דאָס זיינט איהר, באַרינגיא (פּריצה), — האָט פֿעדאָסיא געזאָגט. — איך האָב געהערט ווי אימיצער פֿאַרעט זיך דאָ, האָב איך געמיינט אַז עס איז אַ קאַץ...

פֿעדאָסיא האָט איהר געהאָלפֿען זיך אָנטהאָן, איהר געהאָלפֿען

צוגופליגען די קליידער און גערעדט מיט איהר אזוי פריינדליך, ביי זיך אין הארצען האט זי איהר געוואונשען דעם טויט, ווייל זי, די אויפפאסערין פונ'ם הויז, איז געווען שטערבליך פערליעבט אין פאטאפאוו'ן.

ווען ליזא איז ארויסגעגאנגען אויפ'ן באלקאן אין גאנצען אנגעטהאן אין ווייסען, האבען זיך אלע דערפרעהט.

— די פריהערדיגע ליזא! — האט קאטיא געזאגט.

— ניין, ניט די פריהערדיגע, נור א נייע ליזא! — האט טאבאלצעוו געזאגט, און העפליך איהר א קוש געטהאן אין דער האנד.

— דאנקען גאט! — האט פימא אויך איהר מיינונג ארויס-געזאגט. — אבי איך האב געמיינט, אז דו האסט שוין אפילו פערגעסען ווי אזוי מען שמייכעלט...

קאלט האט ליזא סאניא'ן די האנד דערלאנגט, און דערביי האט זי זיך געהאלטען אזוי שטאלץ, גלייך זי וואלט געווען א קעניגען און סאניא וואלט איהר געווען אונטערטהעניג.

ביים עסען איז זי אויך געווען פרעהליך און געלאכט פון די לאטשיגע חכמות, וואס פימא האט געזאגט.

נאכ'ן עסען האט קאטיא אריינגענומען סאניא'ן צו זיך אין צימער און זי גענומען איבערפרעגען פארוואס זי איז עפעס גאר פלוצים אויך אזוי אונגעריכטערהייט געקומען אהער? און סאניא האט איהר דערצעהלט א גאנץ פעקעל צרות: זי קען שוין פון איהר מאן גאר ניט אויסהאלטען... ער דערגעהט איהר די יאהרען און איז אזוי אייפערזיכטיג, אז עס איז גאר ניט אריבערצו-טראגען. ער טרינקט נאך אלץ... איצט איז ער איהר שוין אזוי נמאס, אז זי קען אויף איהם ניט קוקען... און צו די צרות האט זי איהם איינמאל געבאפט מיט א כאריסטקע אין א האטעל... איצט איז ער איהר אזוי נמאס, אז זי קען אויף איהם ניט קוקען, און דערפאר איז זי פון איהם אנטלאפען...

אין דער זעלבער צייט, וואס סאניא האט גערעדט מיט קא-

טיאַ׳ן אין צימער, האָט ליזאַ גערעדט מיט טאַבאַלצעוו׳ן אין גאָרטען. זי האָט איהם געזאָגט:

— שווער זיך, אַז דו ביזט צו איהר אין גאַנצען גלייכ־גילטיג!

— צו וועמען?

— צו סאָניאַ׳ן.

— אַך, ליזאָטשקאַ, — האָט ער איהר געזאָגט, — זעהסטו דען ניט, אַז איצט בין איך פערליעבט אין דיר?

— אָבער דאָס מאַכט ניט! — האָט זי זיך גע׳עקשן׳ט, — איך קען דיך דען ניט? דו קענסט קושען אַ פרוי אָהן ליעבע אויך... דו ביזט דאָך ניט קיין שלעכטער, אָבזאָגען אַ דאַמע קענסטו ניט... ניין, דו מוזט מיר געבען אַ שרעקליכע שבועה, אַז דו וועסט צו איהר בלייבען גלייכגילטיג, זאָגאַר דאַן, ווען זי וועט זיך דיר וואַרפען אויפ׳ן האַלז...

נאָכ׳ן עסען האָט קאַטיאַ׳ן שטאַרק אָנגעהויבען וועה טהאָן דער קאָפּ. האָט זי זיך צוגעלייגט און געהייסען פעדאָסיאַ׳ן דער־לאַנגען אַביסעל ספּירט, אָנצורייבען זיך דעם שטערן.

— ניטאָ מעהר קיין ספּירט, — האָט פעדאָסיאַ געזאָגט. — מען וועט מוזען געהן קויפען אין אַפּטהעק.

— נו, גוט, געה קויפען. און וואו איז סאָניאַ?

— זי איז אַוועק מיט אייער מאַן שפּאַציערען אין גאָרטען...

נאָך איידער פעדאָסיאַ איז אַוועק אין אַפּטהעק נאָך ספּירט, איז ליזאַ אַרויף צו זיך אין צימער און זיך אַוועקגעשטעלט ביי דעם פענסטער, וואו מען האָט דעם גאַנצען גאָרטען געקענט זעהן. לאַנג וואַרטען האָט זי ניט געדאַרפט. זי האָט באַלד דערזעהן טאַבאַלצעוו׳ן און סאָניאַ׳ן שפּאַציערענדיג געאַרעמט...

זי האָט געזעהן, ווי זיי געהען ביידע צו יענער באַנק... האָט עס איהר גלייך גענומען שווינדלען אין די אויגען און זי האָט זיך מיט ביידע הענד אַ כאַפּ געטהאָן ביים האַרצען. — גאָט! אָט האָבען זיי זיך ביידע אַוועקגעזעצט!... אויף דער זעלבער באַנק... זי האָט נאָך מעהר די אויגען אָנגעשטרענגט און

געזעהן ווי ער נעהמט זי ארום פאר דער טאַליע... פונקט אזוי ווי ער האָט זי נעכטען ארומגענומען...

עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אז אָט־אָט וועט איהר דאָס האַרץ פּלאַצען... גאָט, ווי קען מען גלויבען אזא מענשען?... און אויב מען קען איהם ניט גלויבען, טו צו וואָס־זשע טויג איהר דאָס לעבען?

אויף דער באַנק האָט טאַבאַלצעוו צו סאָניאַ'ן געזאָגט אזוי:

— טייערינקע מיידעלע מיינע, דו ווייסט דאָך, אז איך בין דיר א גוטער פריינד... איך האָב דיר נאָך פריהער געזאָגט, אז קיין גוט לעבען וועסטו ביי איהם ניט האָבען. אָבער וואָס קען מען זיך העלפען, אז איהר, פרויען, זייט אין אַלגעמיין א מאָדנע פאָלק! מיר האָט זיך גאָר געדאַכט, אז דו ביזט אין איהם טאַקע אויף אן אמת פערליעבט...

— וואָס? איך בין אין איהם געוועזן פערליעבט?

— וואָס דען, ניין?

— אודאי ניין! דאָס האָב איך אין איהם געזוכט א מיטעל זיך צו פערגעסען... אָבער פערליעבט בין איך גאָר געוועזן אין אן אנדערען...

„אי שלעכט"! — האָט טאַבאַלצעוו פאר זיך געקלעהרט. — איך האָב זעהר מורא, אז עס שמעקט מיט נייע צרות"...

— סאָניטשקאַ, — האָט ער איהר געזאָגט, — דו ווייסט, אין א פּאָר טעג ארום פאָהר איך אוועק...

— וואוהין? אויף ווי לאַנג?

— כ'ווייס? אפשר אויף א מאָנאַט... וואָס דען? דאַרפסט מיך דען אזוי שטאַרק האָבען?

סאָניאַ האָט אויסגעשאָסען א געוויין און זיך פערשטעלט דאָס פּנים מיטביידע הענד. טאַבאַלצעוו האָט רחמנות געקראָגען אויף איהר און זי גענומען גלעטען איבער'ן קאָפּ...

— אז אָהן דיר קען איך ניט לעבען! — האָט סאָניאַ דורך טרעהרען געזאָגט. — איך האָב זיך געריסען אהער דיך צו זעהן, ווייל אָהן דיר איז מיין לעבען קיין לעבען ניט...

און דאַן איז שוין געווען אַזוי נאַטירליך, אַז זי זאָל ביידע הענד אויף זיין האַלז פערוואַרפען און נעהמען קושען זיינע ליפען...

„וויעדער אַריינגעפאַלען!“ — איז טאַבאַלצעוו׳ן דורכגעלאָפען אַ געדאַנק, — יאַ, אַן אומגליק אויף אַ מענשען — צופיעל ליעבע!... —

פעדאָסיאַ איז געקומען צוריק פון דער אַפּטהעק. ווען זי פערבייגעגאַנגען דאָס צימער וואו ליזאַ איז געווען, האָט זי דערזעהן ווי טהיר און פענסטער זיינען דאָרטען אָפען און אויף דער ערד ליעגט עפּעס...

זי האָט גלייך דערקענט אַז דאָס איז אַ בינאָקל, און זי האָט פערשטאַנען, אַז דאָס האָט ליזאַ דערמיט געקוקט אין גאָרטען אַריין צו זעהן וואָס טאַבאַלצעוו און סאָניאַ טהוען דאָרטען...

זי האָט אפילו אין טהיר ניט אָנגעקלאַפּט און איז אַריין צו ליזאַ׳ן אין צימער.

ליזאַ איז געלעגען מיט׳ן פּנים אַרונטער, די פינגער אַריינגעפלאָנטערט אין די האָר פונ׳ם קאָפּ. און ווען זי האָט פעדאָסיאַ׳ן דערזעהן, האָט זי אויף איהר אַ קוק געטהאָן מיט די צוויי אויגען, וואָס זיינען געווען פול מיט פערצווייפלונג... דער טויט אַליין האָט שוין פון זיי אַרויסגעקוקט... און פעדאָסיאַ האָט געוואוסט, אַז אָט די פרוי, וועלכע ליידעט אַזוי פיעל, קען זיך אַנדערש ניט ראַטעווען, נור דורכ׳ן טויט...

די אייפערזוכט איז אין דעם מאָמענט פערשוואונדען. די שנאה צו איהר איז אַוועק, און אָנשטאָט דעם האָט זי דערפיהלט צו איהר אַ טיעפען רחמנות. „אָט דאָס איז דער שיקזאַל פון אַלע פרויען, וועלכע האָבען אַזוי שטאַרק ליעב“ איז איהר אַ געדאַנק דורכגעלאָפען.

פּאַמעלאַך און שטיל, ניט ריידענדיג אַ וואָרט, האָט זי אַוועקגעשטעלט דעם ספּירט אויפ׳ן טישעל, וואָס איז לעבען ליזאַ׳ס בעט געשטאַנען.

פויל האָט זיך ליזאַ אויף דער זאָפע אַוועקגעזעצט און תמ׳ע־

וואטע געקוקט פאר זיך. דערנאָך האָט זי זיך אויפגעשטעלט א בלאַסע, אַן אויסגעבלייכטע, עפּעס אזוי מאָדנע אַ קוק געטהאָן אויף פעדאָסיא׳ן. עטליכע מינוט זיינען זיי אזוי ביידע געשטאַנען, ניט אראָבנעהמענדיג די אויגען איינע פון דער אנדערער... זיי האָבען דעם מאָמענט געפיהלט, אז זיי זיינען ביידע פון איין בייזען שיקזאל געטראָפען...

פעדאָסיא האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, אָבער זי האָט זיך גלייך בעדענקט, אז דאָס איז איבעריג. שטיל איז זי ארויס פונ׳ם צימער ניט רייךענדיג א וואָרט...

באלד נאָך דעם ווי פעדאָסיא איז ארויס, איז ליזא צוגע־גאַנגען צום טישעל, וואו עס איז געשטאַנען דער ספּירט וואָס פעדאָסיא האָט פון אַפּטהעק געבראַכט... זי האָט געוואוסט, וואָס מען דארף טהאָן, ווען מען וויל פון די צרות פּטור ווערען... — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

זיבען און דרייסיגסטער קאַפּיטעל

דער ערשטער האָט זיך פון דעם אומגליק דערוואוסט טאַ־באָלצעוו. ווען ער איז מיט א שטונדע שפּעטער געקומען פונ׳ם גאָרטען און זיך געלאָזט געהן צו ליזא׳ן, האָט ער פון איהר צימער דערהערט א שרעקליכען שלוכצען. ער האָט גענומען קלאַפּען אין טהיר, אָבער קיינער האָט ניט געענטפערט. קריצענדיג מיט די צייהן און אָננעהמענדיג זיך מיט אַלע כחות, האָט ער די טהיר אויפגעבראָכען און דערזעהן ווי ליזא ליעגט אויף דער ערד...

— ליזאָטשקא וואָס האָסטו געטאָן? ! — האָט ער אַן אי־בערגעשראָקענער אויסגעשריען.

אין איין אויגענבליק זיינען אַלע מענשען פון הויז געווען אויף די פיס. עס איז געוואָרען א טומעל, א גערודער. מען האָט

גליך געשיקט נאָך איין דאָקטאָר, נאָך אַ צווייטען, נאָך אַ דריטען, און אַלע האָבען געזאָגט אַז עס איז פערפאַלען, זי וועט שטאַרבען... קאַפּיטאַן איז אַוועקגעפאָהרען אין שטאָדט אריין ברייגנען אַ גלח.

אַ בעוואוסטלאָזע איז ליזא געלעגען עטליכע שטונדען. דאָס פּנים איז איהר געוואָרען שוואַרץ און עס איז געווען אַ שרעק אויף איהר צו קוקען. קאַטיא האָט בלויז איינמאָל געהערט ווי זי שעפּטשעט מיט די ליפּען און בעט זיך:

— קאַטיא, זיי מיר מוחל... איך האָב ניט צוליעב וואָס צו לעבען אויף דער וועלט...

טאַבאָלצעוו האָט ניט געוואוסט וואָס ס׳טהוט זיך מיט איהם. ווי אַ צומישטער איז ער ארומגעלאָפען איבער׳ן גאָרטען, געטראַכט דערפון וואָס ס׳האָט פּאַסירט. ער האָט געדענקט, אַז ליזא האָט זיך גע׳סם׳ט דערפאַר, וואָס דאָס געוויסען האָט איהר געפּלאָגט איבער דעם, וואָס זי האָט געזינדיגט געגען קאַטיא׳ן...

אין דערפריה האָט ליזא נאָך געלעבט. זי האָט די גאַנצע צייט געשוויגען, און קיינער האָט ניט געוואוסט, צי זי שווייגט דאָס דערפאַר, ווייל זי וויל ניט ריידען, אָדער דערפאַר, וואָס דער מוח איז שוין ביי איהר פּאַראַליזירט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט דער מענש האָט בעשלאָסען אין קבר אריין מיטצונעהמען דעם סוד... דאָקטוירים זיינען געקומען און אַוועקגעגאַנגען. דער גלח איז געזעסען און געוואַרט. די שטונדען האָבען זיך געצויגען אַזוי לאַנג... די אַלטע מאַדאַם טאַבאָלצעווא, קאַטיא און קאַפּיטאַן זיינען אַ גאַנצע נאַכט לעבען איהר בעט געזעסען... מען האָט גערעדט שטילערהייט, מען איז אויף די שפּיץ פינגער געגאַנגען. און טאַבאָלצעוו האָט אויף קיין אָרט ניט געקענט איינזיצען. ער האָט זיך געהאַלטען אין איין ארומדרעהען אין גאָרטען אַ פערקלעהרטער... און ליזא׳ס מאַן, ניקאָלאַי, האָט גאָר מורא געהאַט צו איהר בעט צו צוגעהן. ער האָט געוואוסט אַז זי וועט שטאַרבען, און פאַר׳ן טויט האָט ער שטאַרק מורא געהאַט...

בלויז איין פעדאָסיא איז געווען רוהיג. זי האָט געטהאָן איהר

ארבייט אין הויז ווי געוועהנליך, נאָר צו דער שטארבענדער ליזא איז זי קיין איין מאָל ניט צוגעגאנגען.

דורכ'ן טעלעפאָן האָט טאבאָלצעוו געלאָזט וויסען דער מאַדאם בעזסאָנאָווא אז ליזא האלטביים שטארבען, און ער האָט זי געבעטען, אז זי זאָל דאָס גלייך לאָזען וויסען פאָטאפאָוו'ן. און דערנאָך איז ער ווידער ארויס אין גאָרטען און זיך גענומען ארומדרעהען הין און צוריק ווי א צומישטער... דאָרטען האָט ער בעגעגענט סאָניא'ן.

— ווי שרעקליך דאָס איז! — האָט זי געזאָגט. — און אָנגעהמענדיג איהם ביי דער האנד, האָט זי זיך פאנאנדערגעוויינט. און ווען זי האָט דערזעהן ווי צוטומעלט ער איז, האָט זי פערשטאנען, אז ער האָט ליזא'ן ליעב געהאט, און דערפאר טאקע האָט זי זיך נאָך שטארקער פאנאנדערגעוויינט...

— אנדריושא, — האָט זי מיט א געוויין געזאָגט. — איך וויים ניט פארוואָס, אָבער מיר דאכט זיך אז מיט מיין קומען האָב איך אהער דעם אומגליק געבראכט...

ער האָט איהר געוואָלט זאָגען, אז דאָס איז א גרויסע נאַרישקייט, וואָס עס דאכט זיך איהר אזוי. אָבער אין דעם אויגענבליק איז ער מיט אמאָל בלאס געוואָרען און האָט גאָרנישט געקענט ארויסריידען, גלייך דאָס לשון וואָלט איהם אָבגענומען...

און אין דעם אויגענבליק האָט קיינער ניט געזעהן, ווי ליזא האָט איהר קאָפּ אויפ'ן פענסטער אָנגעשפארט און מיט די גרויסע, שוין פערלאָשענע אויגען א קוק געטהאָן אין גאָרטען, וואו טאָבאָלצעוו איז מיט סאָניא'ן געשטאנען....

סאָניא האָט דערזעהן ווי ליזא קוקט אויף איהר דורכ'ן פענסטער, און זי האָט געגעבען אזא קוויטש, אז טאבאָלצעוו'ן איז דאָס הארץ שיער ניט ארויסגעשפרונגען...

טאבאָלצעוו איז גלייך ארייגעלאָפען אין הויז אריין. אין איין אטהעם ארייגעלאָפען צו ליזא'ן אין צימער און געפאלען פאר איהר אויף די קניע.

— ליזא... ליזאטשקא! — האט ער מיט א ציטערענדיגע שטימע געבעטען, אננעהמענדיג איהר האנד.

אבער ליזא האט שוין גאר ניט געענטפערט. זי איז שוין געווען טויט...

א האלבע שטונדע איידער ליזא איז געשטארבען איז פאַטאפאָוו מיט א שנעל־צוג אנגעקומען קיין מאסקווא.

נאך אויפ'ן וואקזאל האט ער דורכ'ן טעלעפאן אנגעפרעגט ביי טאבאלצעוו'ן צי ליזא לעבט נאך. און ווען מען האט איהם געענטפערט אז יא, האט ער געכאפט א קארעטע און געהייסען דעם קוטשער וואס שנעלער פאהרען צו דער דאטשע.

שטארק צוטראגען איז ער געווען. זיין איינציגער געדאנק איז געווען, אנצוקומען אויף דער דאטשע איידער ליזאטשקא הויכט ארוים דעם לעצטען אטהעם. און ער האט גאר ניט בעמערקט ווי א בלאנדער יונגערמאן, אנגעטהאן אין א גרויען רעקעל, גיט זיך א לאז נאך איהם, כאפט אויך א קארעטע און פאהרט איהם נאך. דער דאזיגער יונגערמאן איז געווען דער שפיאן פעטיא, פעדאסיא'ס געליעבטער...

יענער האט זיך גאר דערפרעהט, ווען ער האט פאטאפאוו'ן דערזעהן. ער האט זיך גאר דערויף ניט געריכט. אין אנפאנג איז איהם אפילו שווער געווען פאטאפאוו'ן צו דערקענען, ווייל דאס מאל איז ער געווען אהן א באָרד און גאר מיט א שווארצען פאריק, אבער לויט דער ריעזיגער פיגור האט ער איהם דערקענט, און באלד האט ער ביי זיך אבגעמאכט, אז וואס ס'וועט זיין זאל זיין — היינט זאל ער זיך פון זיינע הענד ניט ארויסדרעהען!

דערהערענדיג דאס טאפטשען פון פערדישע קאפיטעס הינטער זיין קארעטע, האט זיך פאטאפאוו אומגעקוקט, און פערשטעהענדיג אז דאס יאגט זיך נאך איהם נאך א שפיאן, האט ער דעם קוטשער געהייסען פארקירעווען אין אן אנדער זייט און פאהרען שנעלער. אבער יענער האט זיך אויך פערקירעוועט און אויך גענומען פאהרען שנעלער.

א מאסטער זיך אויסצודרעהען פון א שפיאן איז פּאטאפּאוו געוועןָ. איז ווי די קארעטע איז אזוי געלאפען, האט ער גע־געבען א שפּרונג ארונטער און אריין אין דעם ערשטען לויפענדען טראמוויי...

ער איז אבגעפאהרען א שטיק וועג, שוין געקומען אויסער דער שטאדט, ווען ער האט געמיינט, אז יענער בלאנדער יונגער־מאן האט איהם שוין פון אויג פערלארען, אבער ווען ער איז פון׳ם טראמוויי ארונטער, האט ער געזעהן, ווי יענער איז אין דער זעלבער צייט ארונטער פון דער קארעטע. עס איז געווען קענטיג, אז די פערד זיינען מיט א מורא׳דיגער שנעלקייט נאכ׳ן טראמוויי געלאפען. די פיענע האט זיי אזש פון די מיילער געזועצט.

„וואס טהוט מען דא?“ — האט זיך פּאטאפּאוו געקלעהרט. שנעל איז ער ווידער אין טראמוויי אריין. און נאך איידער ער האט אוספּעיעט זיך ארומצוקוקען איז שוין דער בלאנדער יונגערמאן געזעסען אין א ווינקעל פון טראמוויי און פון איהם די אויגען ניט אראבגענומען.

פונקט דאן, ווען דער טראמוויי איז געלאפען זעהר שנעל, האט זיך פּאטאפּאוו געגעבען א דרעה אוים און ארונטערגע־שפּרונגען. פון דאנען איז שוין ניט געווען ווייט צו דער דאטשע. האט ער געכאפּט א בריטשקעלע און געהייסען דעם קוטשער טרייבען שנעל. און ווען ער איז אנגעקומען צו די פעלדער און דערזעהן ווי דער בלאנדער יונגערמאן פאהרט איהם אלץ נאך, איז ער ארונטער פון דער בריטשקע און זיך געלאזט געהן איבער די פעלדער.

כדי צו זיין זיכערער ביי זיך, האט ער דאס מעסער צוגע־גרייט אין איין קעשענע און דעם רעוואלווער אין דער צווייטער קעשענע, און זיך געלאזט שפּאנען שנעל און האסטיג.

פאר כעס האט ער אזש מיט די צייהן געקריצט. ער האט זיך שטארק געערגערט איבער דעם, וואס אין אזא צייט, ווען ער איילט זיך אזוי, דארף ער אנלייגען אזוי פיעל וועג. הינטער זיך

האָט ער געהערט טריט. דער בלאָנדער יונגערמאַן איז איהם נאָכגעגאַנגען.

אין דרויסען איז שוין געווען גוט פינסטער און פּאָטאַפּאָוו האָט זיך נאָך אַלץ געדרעהט, כדי אָבצואווישען דעם שפּור און צומישען דעם שפּיאָן. אַ פּאָר מאָל האָט ער זיך אומיסטען אוועק־געזעצט, און דאַן האָט זיך איהם שוין אויסגעוויזען, אַז יענער איז אוועק. אָבער אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך אויפגעהויבען און ווייעדער גענומען געהן איז יענער ווי פון אונטער דער ערד אויס־געוואַקסען...

שפּאַנענדיג אַזוי, האָט איהם בעהערשט אַ געפיהל, אַז ער איז איצט ניט דער וואָס ער איז... אודאי ניט! ער איז גאָר אַ ווילדער מענש אָדער גאָר אַ ווילדע חיה, נאָך וועמען מען יאָגט זיך... זיין פּנים האָט אין דעם מאָמענט טאַקע אויסגעקוקט שרעק־ליך ווילד פון רציחה, פון זיינע אויגען האָט טאַקע ווירקליך אַ ווילדע חיה אָנגעהויבען אַרויסקוקען...

ווען ער איז שוין געווען ניט ווייט פון דער דאַטשע האָט ער זיך עטליכע מאָל פערדרעהט אין פערשיעדענערליי זייטען, דער־נאָך האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דאָ ניט ווייט געפינט זיך אַ גע־דיכטער וואַלד, און ער האָט זיך אַהין געלאָזט געהן...

אין וואַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז סאַמע אין מיטען גע־פינט זיך אַזאַ ווינקעלע, וואו עס שטעהט אַ באַנק לעבען אַ הויכען בוים, און ער האָט זיך געלאָזט געהן אַהין... דעם וועג אַהין האָט ער גוט געוואוסט, ווייל ער האָט צוזאַמען מיט טאַבאַלצעוו'ן דאָר־טען ניט איינמאָל געשפּאַצירט, האָט ער האַסטיג גענומען שפּאַנען פיהלענדיג ווי ער פערלירט די געדולד און וויל שוין וואָס גיכער מאַכען אַ סוף מיט יענעם בלאָנדען מענשען, וואָס יאָגט זיך נאָך איהם...

שטיל האָט ער געגעבען אַ בויג אַ צווייג פון אַ בוים און זיך אוועקגעשטעלט לעבען דער באַנק, איינהאַלטענדיג דעם אָטהעם. ער האָט ווייעדער דערהערט טריט, פריהער האַסטיגע, דערנאָך פּאַמעליכע, ניט זיכערע.

יענער האָט אַפּנים פערשטאַנען, אַז דאָס וויל מען איהם אריינגאַרען אין אַ פּאַסטקע, האָט ער זיך אָבגעשטעלט, און נאָך דעם ווי ער איז אַ קורצע ווײַלע געשטאַנען, האָט ער זיך גענומען גנב'ענען הינטען ארום...

פּאָטאַפּאָוו'ן האָט דאָס הארץ געקלאַפּט, און ער האָט געהערט ווי צווייגען בויגען זיך...

יענער איז שוין געווען כמעט לעבען בוים. אַזוי נאָהענט איז ער שוין געווען, אַז די צווייגען האָבען זיך אַלע מאָל אָן איהם פערטשעפּעט. ער איז שוין ניט געגאַנגען, נאָר געקראָכען צו דער באַנק... לעבען דער באַנק האָט ער זיך אַ קלאַפּ געטהאָן אָן דער קניע און איז ווידער געגאַנגען.

געזעהן האָט ער גאָרניט, און ער האָט גענומען אָנשטרענגען די אויגען אין דער פינסטערניס.

פון זיין בעהעלטעניס האָט פּאָטאַפּאָוו געזעהן יעדע בעוועגונג וואָס דער שפּיאָן האָט געמאַכט. אָט בויגט ער זיך אָן און קוקט ארונטער און אָט שפּאַרט ער צו איין האַנד צום בוים און קוקט אין דערהויך... און אין דער האַנד האַלט ער אַ גרויסען רע־וואָלווער...

איצט איז ער שוין געווען גאָר נאָהענט, אַזוי נאָהענט, אַז פּאָטאַפּאָוו האָט זיין אָטהעם געפיהלט...

צוויי שפּאַן לעבען פּאָטאַפּאָוו'ן האָט ער זיך אומגעקעהרט מיט דער פּלייצע און אָנגעבויגען אַ גרויסע צווייג, צו זעהן וואָס פון יענער זייט טהוט זיך... דאָס שטאָל פון דעם רעוואָלווער האָט אַ בלענדע געטהאָן פּאָטאַפּאָוו'ן אין די אויגען... איצט האָט מען קיין איין רגע ניט געטאָרט פערלירען. ווי אַ צורייצטער טיגער האָט פּאָטאַפּאָוו מיט זיין ריעזיגער פיגור געטהאָן אַ שפּרונג און מיט אַלע כחות אריינגעזעצט דעם שפּיאָן דאָס מעסער אין הארצען אריין...

יענער האָט בלויז איין קרעכץ געטהאָן און אַ פאַל געטהאָן צום בוים. דער רעוואָלווער איז איהם פון דער האַנד ארויסגע־

פאַלען. אין איין מינוט האָט ער זיך בעגאָסען מיט בלוט און איז געפאַלען אויף דער ערד טויט.

אַרום און אַרום איז ווידער געוואָרען שטיל...

— — — — — — — — — — — — — — —

אונגעדולדיג האָט זיך טאַבאַלצעוו אַרומגעדרעהט אין גאָרטען, און גאָר ניט געקענט פערשטעהן, פאַרוואָס פּאָטאַפּאָוו איז נאָך ניטאָ.

„געשיקט זיך, אַז מען האָט איהם אויפ׳ן וועג אַרעסטירט?“ — איז ער אונרוהיג געוואָרען.

מיט אַמאָל האָט ער דערהערט ווי אימיצער מיט עפּעס אַ בעקאַנטער און דאָך אונבעקאַנטער שטימע פרעגט עפּעס ביים סטאָראָזש. ער איז צוגעגאַנגען און דערקענט פּאָטאַפּאָוו׳ן.

ער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהם און איהם אָנגעכאַפּט ביי ביידע הענד. פון גרויס אויפרעגונג האָט קיינער פון זיי קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסריידען. זיי האָבען ביידע געציטערט.

— שוין געשטאָרבען? — האָט פּאָטאַפּאָוו שוין מיט צרות אַרויסגערעדט.

— סטיאָפּושקאַ! — האָט זיך ביי טאַבאַלצעוו׳ן איין וואָרט פון הארצען אַרויסגעריסען.

פּאָטאַפּאָוו האָט זיך אַ וואַקעל געטהאָן. ער האָט מיט אַמאָל די כחות פערלאָרען. פערשטעלענדיג זיך דאָס פּנים מיט ביידע הענד, האָט ער זיך שווער אַרונטערגעלאָזט אויף דער ערד.

— קום צו איהר... — האָט ער אין אַ ווײלע אַרויסגע־זאָגט, אויסשטרעקענדיג די הענד און עפּעס אַזוי רחמנות׳דיג, ווי אַ קליין קינד, אַן אונבעהאָלפענעס, זיך געבעטען:

— פיהר מיך צו איהר!...

פעדאָסיא האָט לעבען דער טויטע׳ס בעט געדאַוועגט ווען די טהיר האָט זיך געעפענט און פּאָטאַפּאָוו מיט טאַבאַלצעוו׳ן זיינען אַריינגעקומען... טאַבאַלצעוו איז געגאַנגען פאָראויס און פּאָטאַפּאָוו — אַ ריעזיגער אַ גרויסער און דאָך אַזוי אונבעהאָלפען ווי אַ קינד — איז געגאַנגען נאָך איהם. דערזעהענדיג ליזאַ׳ן

א טויטע, האט זיך פון פּאטאפּאָוו'ס ברוסט א ווילדער אויסגעשריי ארויסגעריסען און ער איז געפאלען אויף די קניע לעבען איהר.

אלע אין הויז האבען זיך מיט שרעק א וואָרף געטהאָן, ווען מען האט דעם ווילדען אויסגעשריי דערהערט... עס איז געוואָרען שטיל. מען האט בלויז געהערט, ווי אט דער געזונטער, גרויסער, ריעזיגער מענש וויינט ווי א קליין קינד...

פעדאָסיא איז שיער אין חלשות געפאלען, ווען זי האט דערזעהן וואס פאר א שרעקליכען איינדרוק ליזא'ס טויט האט אויף איהם געמאכט...

זי האט אויף איהר שארף א קוק געטהאָן און שטילערהייט ארוים פונ'ם צימער...

וואוהין זי איז געגאנגען האט מען ניט געוואוסט. בלויז איינע פון די דיענסטען האט געזעהן ווי זי האט פערלייגט ביידע הענד אויפ'ן הארצען און זיך געלאָזט געהן אין וואלד אריין...

* * *

ליזא'ס טויט האט אויף אלעמען ביי די טאבאלצעווס אין הויז א שרעקליכען איינדרוק געמאכט. די אלטע מאדאם טאבאלצעווא איז ארומגעגאנגען ווי א מענש ניט פון דער וועלט און זיך געהאלטען מיט אלעמען פון דערווייטענס, גלייך ווי די גאנצע וועלט וואלט איהר שוין מעהר גאר ניט אנגעגאנגען. טאבאלצעוו האט זיך שטארק בעאונרוהיגט איבער דעם, און נאך גרעסער איז זיין אונרוהיגקייט געוואָרען דערפון, וואס עס האבען זיך ארומגעטראגען אזעלכע מאָדנע קלאנגען וועגען דעם, וואס פעדאָסיא איז פערשוואונדען געוואָרען... און ווען די פּאליציי האט מיט צוויי וואכען שפּעטער געלאָזט וויסען די טאבאלצעווס, אז מען האט ביי זיי אין וואלד געפונען א קערפּער פון א געהאנגענער פרוי, האט טאבאלצעוו בעשלאָסען דער מוטער דאס ניט צו דערצעהלען און אוועקפיהרען זי אין קרים.

עס איז געווען א פערוואָלקענטער אָסיענדיגער טאָג, ווען

טאַבאָלצעוו איז צוזאַמען מיט׳ן סטאַראָזש און מיט אַ גאָראָדאָוואָי (פּאָליסמאַן) אוועק אין וואַלד אַריין, וואו מען האָט דעם טויטען קערפּער געפונען.

— דאָס איז זי, פּעדאָסיאַ, — האָט דער סטאַראָזש אויסגעשריען. — זי! און זעהט נור, פריץ, זי שטעהט גאָר!

און ווירקליך, פּעדאָסיאַ איז געשטאַנען אַ טויטע... און דאָס האָט אויף אַלעמען אַ פּחד אַרויפגעוואָרפען.

נאָכדעם איז דער פּחד ביי די טאַבאָלצעווס אין הויז נאָך גרעסער געוואָרען. ביינאַכט האָט מען אין קיין צימער קיין לאָמפּ ניט אויסגעלאָשען. אין די אויף דער נאַכטען האָט מען איינער פון דעם אַנדערען ניט אָבגעטראָטען. עס איז געווען גענוג אַז אַ פרוי זאָל דערזעהן אין פענסטער אַ מאַנטעל הענגען אויף דער וואַנד, און זי האָט זיך שוין דערשראָקען.

די שעהנע דאַטשע און דער גרינער וואַלד האָבען מיט אַמאָל דעם גאַנצען פּראַכט זייערען פערלאָרען... אָט ערשט ניט לאַנג איז ליזאַ געשטאָרבען; באַלד נאָך דעם האָבען די צייטונגען געשריבען אַז ביי די טאַבאָלצעווס אין וואַלד האָט מען געפונען אַ טויטען קערפּער פון אַ בלאָנדען יונגענמאַן; און אָט שוין ווידער אַ טויטער קערפּער!... עס האָט זיך געדאַכט, אַז בייזע גייסטער לויערען דאָ אין אַלע ווינקעלאַך... אויף אַלעמען איז אָן אימה געפאַלען. אַזוי איבערגעשראָקען זיינען אַלע געווען, אַז איינמאָל, ווען אַ בלאַט פון אַ בוים איז ביינאַכט צום פענסטער צוגעפאַלען, זיינען אַלע פרויען געוואָרען היסטעריש...

און קאַטיאַ׳ן האָט זיך אַלץ אויסגעוויזען, אַז זי הערט ווי ליזאַ שפּאַנט ביינאַכט אַרום אַזוי שטילערהייט אין פינסטערען קאָרידאָר... זי מעג שווערען, אַז זי הערט איהרע לאַנגזאַמע, שטילע טריט...

מעהר האָט מען דאָ שוין ניט געקענט וואָהנען, און מען האָט זיך איבערגעקליבען צוריק אין שטאָדט אַריין.

טאַבאָלצעוו איז מיט דער מוטער אוועקגעפאָהרען קיין קרים. דאָרטען איז ער מיט איהר אין די שעהנסטע פּלעצער געווען, גע־

פּרוּאווט צושטרייען איהר די געדאַנקען און זי בערוהיגען; דאָס גאַנצע לעבען איז איהר ניט אַנגעגאַנגען מעהר, ווייל ליזא איז געשטאָרבען...

אַכט און דרייסיגסטער קאַפּיטעל

ענדע מאָנאַט סעפּטעמבער איז טאַבאָלצעוו מיט דער מוטער געקומען צוריק פון קרים. און אין פּאָר טעג ארום האָט קאַטיא געבאָרען אַ מיידעלע. לויט טאַבאָלצעוו'ס ווילען, האָבען זיי געדונגען אַ וואָהנונג נעהנטער צום צענטער פון שטאָדט. סאָניא האָט אויך געוואָהנט ביי די טאַבאָלצעווס.

איינמאָל, ווען טאַבאָלצעוו איז אין דערהיים ניט געווען, איז טשערנאָוו געקומען צו לויפען אַ בייזער און געשריען אין איין קול:

— גיט מיר אָפּ מיין ווייב!

אויפגעהערט שרייען האָט ער ערשט דאַן, ווען מען האָט איהם געזאָגט, אז ליזא איז געשטאָרבען. דאַן האָט ער זיך צו־וויינט, און שוין שטילער גענומען בעטען סאָניא'ן, אז זי זאָל זיך אומקעהרען צוריק אַהיים און ער וועט איהר אַלעס פערגעבען. אויף די קניע איז ער פאַר איהר געפאַלען און געגעבען דאָס וואָרט, אז ער וועט שוין זיין אַ פיינער מאַן, אז ער וועט שוין מעהר ניט טרינקען און מיט באַריסטקעס זיך ניט ארומשלעפּען. אָבער סאָניא האָט איהם גאָר ניט געענטפערט, ניט יאָ און ניט ניין.

די אַלטע מאדאם טאַבאָלצעווא האָט אויף'ן נאָמען פון'ם נייעם אייניקעל אין באַנק אוועקגעלייגט צעהן טויזענד רובעל, אָבער קיין ליעבע צו דעם האָט זי ניט ארויסגעוויזען. איהר איז איצט קיין זאַך ניט אַנגעגאַנגען, ווייל ליזא האָט איהר געפעהלט...

פון דער איינציגער פאָטאָגראַפישער בילד, וואָס איז פון ליזא'ן געבליבען, האָט די אַלטע מאדאם טאַבאָלצעווא געלאָזט מאַכען אַ גרויסען פּאָרטרעט ביי אַ גוטען מאָהלער. אין איהר

גאַנצען וואוקס איז ליזא אויפ׳ן פּאָרטרעט געווען אויסגעמאָלען. די אַלטע האָט דעם פּאָרטרעט, אין אַ שעהנער ראַם, ביי זיך אין שלאָף־צימער אוועקגעשטעלט. און דאָרט פלעגט טאַבאָלצעוו זעהר אָפט לאַנג שטעהן, קוקען אויפ׳ן פּאָרטרעט און אַלע מאָל אָבּ־זיפצען שווער.

— מאַמע, ניטאָ מעהר ליזא... ליזא איז שוין טויט...

אויף שריט און טריט האָט זי איהם געפעהלט. ער האָט געפיהלט אַ פּוסטקייט אין זיין נשמה, און ער האָט דאָס געמוזט מיט עפּעס אויספילען.

— מאַמע, — האָט ער איינמאָל גאָר פּלוצלינג געזאָגט, — מיר איז דאָ שרעקליך אומעטיג... לאָמיר ביידע אויף אַ שטיקעל צייט אַרויספאָהרען קיין אויסלאַנד... זאָל זיין קיין איטאַליען...

עס קען זיין אַז ער וואָלט מיט איהר טאַקע געווען אוועק־געפאָהרען קיין איטאַליען, אָבער אין יענער צייט האָט אין רוס־לאַנד פּאַסירט אַ נייעס, וואָס האָט טאַבאָלצעוו׳ן שטאַרק פּער־אינטערעסירט. עס האָבען זיך אָנגעהויבען סטרייקס און בונטען דאָ און דאָרט... אין דער לופט האָט זיך געפיהלט, אַז אַ נייע צייט קומט אָן... אין מאָסקווא האָט זיך עס געטומעלט. יעדען טאָג האָט אַ סטרייק אויסגעבראָכען אין אַן אַנדער פאַך. עס האָט אָנגעהויבען אויספעהלען ברויט, פלייש, צוקער, ווייל די געשעפטען זיינען געווען פּערמאַכט. אויף דער בירגערליכער בע־פעלקערונג איז אַ פּחד געפאַלען. קאַטיא האָט זיך געקאָכט:

— דאָס איז אַ רציחה! — האָט זי געשריען. — ווי האָט מען דאָס אַ הארץ ניט צו באַקען קיין ברויט, ניט צו פערקויפען קיין פלייש, קיין מילך, קיין צוקער? עס איז דאָך אַ רחמנות אויף די קליינע קינדערלאַך אין שטאָדט!...

געענדיגט האָבען זיך די סטרייקס דערמיט, וואָס די אַרביי־טער האָבען געקראָגען געהעכערט זייערע שכירות. טאַבאָלצעוו׳ן האָט דאָס זעהר געפרעהט און קאַפּיטאַנ׳ען האָט דאָס שטאַרק פּערדראָסען.

— אַ גליק האָט זיי געטראָפען! — האָט ער געזאָגט, קריי־

מענדיג זיך. — וואָס מעהר זיי וועלען פערדיענען, אלץ מעהר וועלען זיי שכור'ן... —

דיזעלבע מיינונג האָט אויך ארויסגעזאָגט קאטיא...

און ניקאָלאי האָט זיך געקאָכט:

— אָך, ווען איך וואָלט געווען אַ גוברנאטאָר, — האָט ער געזאָגט, — איינס נאָך איינס וואָלט איך אוועקגעלייגט אָט די אַלע בונטאָוושטשיקעס אין מיטען גאס און וואָלט געהייסען דער־לאַנגען שמיץ... אַזעלכע בונטאָוושטשיקעס!...

עס האָט זיך געדוכט, אז נאָך די סטרייקס איז שוין אַלעס איינגעשטילט און עס וועט זיך ווידער אָנהויבען אַ רוהיגער לעבען אין שטאָדט. אָבער מענשען, וואָס זיינען געשטאַנען נאָ־הענט צו דער בעוועגונג, האָבען געוואוסט, אז אָט־אָט וועט אַ שטורם אָנקומען.

און דער שטורם האָט אָנגעהויבען אָנקומען. די אייזענבאַהן־ארבייטער זיינען ארויס אין סטרייק און באַלד נאָך דעם איז די גאַנצע ארבייט אין שטאָדט אָבגעשטעלט געוואָרען.

נייע פּנים'ער האָבען זיך ביי טאַבאַלצעוו'ן אין הויז אָנגע־הויבען ווייזען. דאָס זיינען געווען בעקאַנטע רעוואָלוציאָנערע טהוער, וועלכע זיינען איצט פון אויסלאַנד אָנגעקומען העלפען אין קאַמפּף... קאטיא האָט שוין געהאַט איבער וואָס צו זיין אונרוהיג, און ניט איינמאָל האָט זי געהאַט טענות צו טאַ־באַלצעוו'ן:

— ווער בעט זיי קומען אהער אין אזא צייט?

דעם נייטען אָקטאָבער אויף דער נאַכט איז טאַבאַלצעוו צו־געגאַנגען צום אוניווערסיטעט און ער האָט דערזעהן ווי מאַסען מענשען שטעהען אין הויף. מיט אַמאָל האָט אימיצער אויפגעהויבען אַ גרויסע רויטע פאָהן, און באַלד האָט זיך לעבען דער פאָהן געוויזען אַ רעדנער.

ניט אַלע האָבען געקענט הערען וואָס דער רעדנער זאָגט, און דערפאַר האָבען זיך די מענשען וואָס זיינען געשטאַנען פון דער וויטענס, ניט געהאַלטען אין אָרדנונג. נור אַט איז פונ׳ם אוני־ווערזיטעט ארויסגעגאַנגען אַ הויכער, ריעזיג גרויסער מאַן מיט אַ קאָפּ פון אַ לייב, זיך אוועקגעשטעלט לעבען דער פּאָהן, און ווען ער האָט נור ארויסגעזאָגט דאָס ערשטע וואָרט „טאָווארישטשי (גענאָסען), איז דער גאַנצער עולם ווי צונויפגעשמאָלצען געוואָרען, און אַלע האָבען אויפמערקזאַם גענומען הערען וואָס ער רעדט.

„סטיאָפּושקאַ!״ — האָט זיך טאַבאַלצעוו שטאַרק דערפרעהט ווען ער האָט דעם רעדנער דערזעהן. „ער איז גאָר אין שטאָדט! איך האָב דאָך איהם שוין אַזאַ לאַנגע צייט ניט געזעהן!״

פּאָטאַפּאָוו׳ס רעדע האָט דעם עולם בעצויבערט. פון אַלע זייטען האָט מען געפרעגט ווער ער איז. און ווען ער האָט זיין רעדע געענדיגט, האָט איהם דער גאַנצער עולם שטאַרק אַפּלאָדירט.

נאָך פּאָטאַפּאָוו׳ן האָבען גערעדט נאָך רעוואָלוציאָנערע טהוער. די מייסטע פון זיי אַזעלכע, וואָס זיינען פון אויסלאַנד צוריקגע־קומען. אָבער טאַבאָלצעוו האָט שוין קיינע ניט געוואָלט הערען, ווייל ער האָט שוין געוואָלט זעהן פּאָטאַפּאָוו׳ן.

לאַנג האָט ער איהם געזוכט צווישען עולם, און אויך אין אוניווערזיטעט. און ווען ער האָט איהם אין ערגעץ ניט געקענט געפינען, איז ער אוועק צוריק צו זיך אהיים, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז סטיאָפּושקאַ איז אודאי אוועק צו איהם.

ביי זיך אין דערהיים האָט ער פּאָטאַפּאָוו׳ן ניט געטראָפען. און כאָטש זיין פרוי האָט איהם געזאָגט, אַז דאָס קינד האָט הי־ץ און אַ דאָקטאָר איז שוין געווען, האָט ער גאָר ניט געהערט וואָס זי רעדט צו איהם און איז ווידער אוועק.

אומעטום האָט ער איהם אויסגעזוכט, אָבער ער האָט איהם אין ערגעץ ניט געפונען. ערשט שפּעט אין דער נאַכט איז פּאָ־טאַפּאָוו געקומען אַ מיעדער, אַ פערשטויבטער. צוזאַמען מיט טאַבאָלצעוו׳ן האָט ער זיך אין אַ בעזונדער צימער אוועקגעזעצט און ביידע גוטע פריינד האָבען לאַנג הארציג צווישען זיך גע־

רעדט.

— איצט זעה איך, אז דו ביזט געווען גערעכט... — האט טאבאלצעוו געזאגט צו פאטאפאוו'ן. — גוטע ארבייט ברייננגט גוטע רעזולטאטען... זיצען מיט פערלעגטע הענד טאר מען ניט...

און אין דער צייט ווען טאבאלצעוו האט מיט פאטאפאוו'ן גערעדט, איז קאטיא געזעסען ביים בעטעל פונ'ם קראנקען קינד, מיט מורא זיך צוגעהערט אהין צו יענעם צימער, וואו „דער שרעק־ליכער מענש" איז געזעסען מיט איהר מאן, און האלטענדיג זיך פאר די שלייפען פונ'ם שטערן, האט זי זיך אליין געפרעגט:

— אבער, גאט מיינער, וואס־זשע וועט זיין? ער ווערט דאך וואס אמאל ערגער!

וואס א טאג זיינען די בונטען געווארען ערנסטער. איז דער לופט האט זיך אלץ מעהר געפיהלט, אז א נייע צייט קומט אן. דעם דרייצעהנטען אקטאבער איז טאבאלצעוו בייטאג גאר גע־קומען אהיים און אריינגעגאנגען צו דער מוטער אין צימער.

— וואס איז, מיין זוהן? — האט די אלטע געפרעגט. — ביזט גאר היינט ניט אין באנק?

— ניין, מאמא, — האט ער געענטפערט, — אלע בענק, אלע קראמען, אלע פאבריקען זיינען פערמאכט.

— פארוואס?

— ווייל... דער גרויסער בער הויבט זיך אן אויפכאפען פון שלאף... א נייע צייט קומט אן...

אנגעטהאן אין יום־טוב'דיגע קליידער איז די אלטע מיט'ן זוהן ארויס אין גאס געארעמט, זעהן וואס דארטען טהוט זיך.

אלעס וואס זי האט אין גאס געזעהן האט זי איבערראשט. גימנאזיסטען זיינען אין געשלאסענע רייהען געגאנגען ארונטער־נעהמען זייערע חברים, וועלכע האבען זיך ענטזאגט צו סטרייקען. אלע בולווארען זיינען געווען געפאקט מיט מענשען, אויף די טראָ־טואַרען איז שווער געווען זיך דורכצושפּאַרען און מען האט גע־

מוזט געהן אויפ'ן שאָסעע. אַלע האָבען גערעדט הויך — אַר־בייטער, גימנאַזיסטען, סטודענטען און קורסיסטקעס.

פּאַרנאַכט איז ער מיט איהר אין דער אָפּערא אַוועק. דאָרטען איז אויך געווען לעבעדיג און טומעלדיג. דער עולם האָט עקשנות'־דיג געפאָדערט, אַז די מוזיק זאָל שפּיעלען די מאַרסעליעזע...

אין די טעג איז טאַבאַלצעוו לעדיג ניט געזעסען. ביי יעדער געלעגענהייט האָט ער געזאַמעלט גאַנץ היבשע סומען געלד ביי זיינע בעקאַנטע רייכע סוחרים און עס אַוועקגעגעבען פאַר די סטרייקער, און ווי ער האָט נור געהאַט אַ פרייע שטונדע, איז ער שוין געווען ביי דער שניידערין מאַיסקי, וואו ער האָט געפונען פּאָטאַפּאָוו'ן מיט דער גאַנצער חברה, און דאָרטען האָט מען אַרוים־גערעדט די פּאַסירונגען פון טאָג.

עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס גאַנצע לאַנד איז פערגליווערט געוואָרען אין ערוואַרטונג. די אייזענבאַהנען זיינען ניט געגאַנגען, קיין פּאָסט האָט מען ניט געפיהרט און קיין טעלעגראַמען האָט מען ניט געקענט געבען. די טראַמוויען זיינען ניט געגאַנגען. בריטשקעס האָט מען געקענט קריגען בלויז בייטאָג. ווי עס איז נור געוואָרען נאַכט, זיינען אַלע בריטשקעלאַך זיך צופאָהרען אהיים. בלייבען אויף דערנאַכט אין גאַס האָט מען מורא געהאַט.

עסענוואַרג איז געווען שווער צו קריגען. האָט קאַטיא דער־פאַר געהאַט טענות צו טאַבאַלצעוו'ן.

— אַנדרעי, וואָס וועט זיין? איך קען ניט קריגען קיין מילך פאַר די קינדער.

בייסענדיג די ליפּען האָט זיך טאַבאַלצעוו איבער דער שטוב אַרומגעדרעהט. ער האָט געפּרואווט קאַטיא'ן בערוהיגען מיט אַזעלכע ווערטער:

— קאַטיא, אונזערע קינדער זיינען ניט די איינציגע... דו וועסט איצט אין שטאָדט געפינען טויזענדער אַזעלכע...

— נו, איז טאַקע אויף אָט די אַלע קינדער אַ גרויסער רחמנות, — האָט זי געענטפערט מיט אַ געוויין.

און ענדליך איז געקומען דער 17טער אָקטאָבער. אין דער־

פריה, ווען מען האט ביי די טאבאלצעווס אין הויז געטרונקען קאפע, איז מאניא אריינגעלאפען מיט א גדולה און אויסגעשריען:

— איך בעגרים אייך מיט א קאנסטיטוציע!...

— הורא!... — האט טאבאלצעוו אויסגעשריען מיט פרייד, און פאר גרוים שמחה זיך צוקושט מיט קאטיא׳ן.

— נו, קאטיושא, זעהסטו שוין, מיר האבען געזיעגט!

— דאנקען גאט וואס ס׳האט זיך שוין געענדיגט, — האט קאטיא געזאגט, צלם׳ענדיג זיך...

א פרעהליכער איז טאבאלצעוו אוועק צו דער מוטער איהר אנזאגען די בשורה. יענע האט זיך פאר פרייד אזש צוואויינט און געפאלען דעם זוהן אויפ׳ן האלז.

— דאנקען גאט!... דאנקען גאט!

פון בעקאנטע צו בעקאנטע איז טאבאלצעוו געגאנגען אנזאגען די בשורה. ווען ער איז אריינגעקומען צו דער מאדאם זאסיעצקאיא, האט ער זי פרעהליך בעגריסט אלס א פרייע בירגערין און זיך צוקושט מיט איהר.

און דא קומען אן מענשען און דערצעהלען אזעלכע פרעהליכע נייעסען:

— מען געהט שוין צו דער בוטירקער טורמע בעפרייען די פאליטישע.

— לעבען אוניווערזיטעט איז א גראנדיעזע דעמאנסטראציע.

— מען געהט איבער די גאסען מיט פאהנען.

איז טאבאלצעוו אוועק אויסגעפינען פאטאפאוו׳ן, און ווען ער האט איהם געפונען, זיינען יענעמס ערשטע ווערטער געווען:

— אנדריושא, פארוואס האט ליזא ניט דערלעבט מיט איהרע אויגען דאס אלעס צו זעהן?

פאטאפאוו איז געווען שרעקליך מיעד, איז ער צוזאמען מיט טאבאלצעוו׳ן אוועק צו דער שניידערין מאסקי און דארטען האבען זיי זיך אוועקגעזעצט ביים טיש טרינקען טהעע.

זיי האבען גערעדט וועגען די פאפירונגען פון טאג. מיט

אַמאָל האָט זיך די טהיר געעפענט און בעזסאָנאָוו איז אַריינ־געלאָפען אָהן אַ היטעל:

— קאָזאַקען שיסען! — האָט ער ניט מיט זיין קול אויס־געשריען. — און גאָס גיסט זיך ווידער בלוט. — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַלע טאָג האָט מען געמאַכט אָנפאַלען אויף סטודענטען און גלאַט אינטעליגענטע מענשען. מען האָט געשלאָגען, גע'הרג'עט; עס איז געווען אַ סכנה די גאָס דורכצוגעהן. אין די רעוואָלו־ציאָנערע קרייזען האָט זיך געטומעלט און עס איז ניט געווען דער טאָג מען זאָל ניט דער'הרג'ענען אָדער פערוואונדען איינעם, אָדער איינע פון די אַקטיווע טהוער.

צווישען די דער'הרג'עטע איז אויך געווען טאַניאַ...

אפילו טשערנאָוו האָט אויך געליטען. איהם איז אפילו די גאַנצע איבערקעהרעניש ניט אָנגעגאַנגען. נור איינמאָל איז ער אין גאס געגאַנגען און דערזעהן ווי אַ צווישעטע באַנדע שכורים שלאָגען אַ יונגע מיידעל מיט אונטערגעשאָרענע האָר, האָט עס איהם פארקלעמט ביים הארצען און ער האָט די שכורים אָנגע־הויבען זידלען:

— אויסוואורפען, וואָס האָט איהר צו דער מיידעל? פאַר־וואָס שלאָגט איהר זי?

דאַן האָבען די שכורים אָבגעלאָזט די מיידעל און זיך גע־נומען צו טשערנאָוו'ן. זיי האָבען איהם איבערגעבראָכען די זייטען און מען האָט איהם געמוזט צונעהמען אין האָספּיטאָל. סאָניאַ, טשערנאָוו'ס פרוי, האָט דאַן איינגעלעגט די וועלט. זי האָט גע־וויינט און געקלאָגט, און אַלע טאָג איז זי צו איהם אין האָס־פּיטאָל געפאָהרען, איהם בעזוכען... זי האָט דאַן גאָר אין גאַנצען פערגעסען אָן אַלע קריוודעס, און געזאָגט, אַז אויב ער וועט שטאַר־בען, וועט זי זיך דאָס לעבען נעהמען...

טאַבאַלצעוו האָט דאָס געהערט און אויף זיין פּנים האָט זיך אַ שמייכעל פערשפּרייט.

— נאָך אַלעמען, — האָט ער זיך געקלערט, — זיינען זיי

אזוי א וואויל פאָלק די פרויען... זיי זאָגען טאַקע ניט דאָס וואָס זיי מיינען, אָבער — אנגענעהם אזא זאַך צו הערען איז דאָך פאַרט...

אין שטאָדט האָט זיך אין יענער צייט געטהאָן חושך. אַלע טאָג האָט מען מאסען מענשען ארעסטירט. דאָן איז די פריינד־שאַפט צווישען פּאָטאַפּאָוו'ן און טאַבאַלצעוו'ן נאָך שטאַרקער גע־וואָרען. טאַבאַלצעוו האָט איבער פּאָטאַפּאָוו'ן געציטערט, מורא געהאַט, מען זאָל איהם ניט ארעסטירען. און אין די אויף דער־נאַכטען, ווען זיי פלעגען שטונדען לאַנג צווישען זיך ריידען, פלעגען זיי אויך אמאָל איבערגעהן אויף דעם, אז עס איז ניט גוט צו זיין פערהייראַטה...

— ווי די זאַך זאָל ניט זיין — מיר איז גוט! — האָט פּאָ־טאַפּאָוו געזאָגט גאַנץ ערנסט. — פּאָליציי קוקט מיר נאָך, אָבער ניט מיין ווייב... אָבער דו, אנדריושא, ביזט אויף גרויסע צרות... דיין ווייב לאָזט דיך דיין קאָפּ ניט אויפהויבען און ציטערט צו־פיעל איבער דיר... דיר איז ניט גוט...

— יאָ, — האָט טאַבאַלצעוו געענטפערט כלומר'שט אין שפּאַס, — אז מען וויל קען מען זאָגען, אז עס איז מיר ניט גוט... ווארים אזא מענש ווי איך טאָר ניט זיין פערהייראַטה...

קאַטיא איז נאָך ניט געשלאָפען ווען טאַבאַלצעוו איז אייני־מאָל שפּעט ביינאַכט געקומען אהיים. ער האָט אויסגעטרונקען טהעע און זיך צוגעלייגט שלאָפען ביי זיך אין קאַבינעט.

ארום איינס א זייגער ביינאַכט, ווען ער האָט שוין געהאַט איינגעדרעמעלט, האָט זיך מיט אמאָל דערהערט א קלונג ביי דער טהיר. אויף שנעל האָט ער זיך אָנגעטהאָן און מיט א ליכט אין האַנד איז ער ארויסגעגאַנגען אין פאָדערשטען צימער. אין עס־צימער האָט ער געזעהן ווי קאַטיא לאָזט זיך אויך געהן מיט א ליכט אין האַנד, אָבער ער האָט זיך אויף איהר ניט אומגעקוקט. געקלונגען ביי דער טהיר האָט פּאָטאַפּאָוו. זיינע אויגען

זיינען דאַן געווען שאַרף אַרויסגעשטאַרט און ער האָט אין גאַנצען אויסגעקוקט אַזוי מאָדנע.

— סטיאָפּוקשאַ!... וואָס איז געשעהן?

ווען קאַטיאַ האָט דערזעהן אַז דאָס איז פּאָטאַפּאָוו, האָט זיך ביי איהר דער קאָפּ אַזש אָנגעהויבען טרייסלען. זי האָט אַוועקגעשטעלט דאָס ליכט אויפ'ן טיש און זיך אַוועקגעזעצט. עס האָט איהר געקלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן.

— מען האָט זיך נאָך מיר געיאָגט... — האָט קאַטיאַ גע־הערט ווי פּאָטאַפּאָוו זאָגט שטיל. — איך האָב זיך קוים אַרויס־געדרעהט... עס איז, זאָג איך דיר, פּשוט מיט נסים, וואָס ס'האָט זיך מיר איינגעגעבען צו אַנטלויפען...

— גוט וואָס דו האָסט זיך אויסגעדרעהט, פריינד מיינער!
— איז טאַבאָלצעוו באמת געווען צופריעדען.

— אַז אומעטום, אויף שריט און טריט, דרעהען זיך אַרום קאָזאַקען. — האָט פּאָטאַפּאָוו ווייטער גערעדט. — אַ האַלבע שטונדע ביז איך געלעגען אין אַ גרוב, איידער איך האָב זיך אַהער געלאָזט געהן... איך בעט דיך, אַנדריושאַ, ערלויב מיר היינט צו נעכטיגען ביי דיר!...

— וואָס דאַרפסטו מיך אַזוי בעטען? אודאי וועסטו היינט נעכטיגען ביי מיר! וואָס דען? אין אַזאַ צייט וועל איך דיך אַפּלאָזען?... דו וועסט זיך לייגען ביי מיר אין בעט און איך וועל שלאָפען אויף דער זאָפע. איידער מיר וועלען איינשלאָפען וועלען מיר פּלאַפּלען און פּלאַפּלען, ווי אין יענע גוטע צייטען, ווען איך בין נאָך אַ בחור געווען...

קאַטיאַ'ס פּנים איז געוואָרען ווייס ווי קרייד. מיט אַמאָל האָט זי זיך געטהאָן אַ שטעל אויף, ווייל זי האָט געהערט יעדעס וואָרט, האָט זי שוין רוהיג ניט געקענט איינזיצען, איז צוגע־גאַנגען צו דער טהיר פון יענעם צימער, וואו פּאָטאַפּאָוו איז מיט טאַבאָלצעוו'ן געזעסען, און האָט שטאַרק אָנגעקלאַפּט.

— ווער איז דאָרט?

— דאָס בין איך!... עפען אויף! — האָט זי בעפעהלענד געזאָגט.

נאָך אויף דער שוועל האָט זי בייז אויף פּאָטאַפּאָוו'ן אַ קוק געטהאָן, און ווען ער האָט זיך צו איהר געגריסט, האָט זי איהם אפילו ניט געענטפערט.

— אַנדרעי... — האָט זי גלייך געזאָגט. — דו ערלויבסט איהם דאָ צו בלייבען נעכטיגען?

ער האָט איהר געוואָלט עפּעס ענטפערען, אָבער נאָך איידער ער האָט אויסגעפּיעט אַ וואָרט אַרויסצורעדען, האָט זי אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד און פּעסט געזאָגט:

— גענוג! מעהר וויל איך ניט ליידען! ביז איצט האָב איך געליטען און געשוויגען, אָבער מעהר קען איך ניט... גענוג! דו האָסט קיין רעכט ניט צו ריזיקירען מיט זיך, מיט מיר און מיט די קינדער... און דו פּערשטעהסט ניט אַזאַ פּשוט'ע זאַך, הא...

— אַנדרעי, — האָט זיך פּאָטאַפּאָוו אין מיטען אַריינגע־מישט, — איך געה!

און ער האָט שוין גענומען דאָס היטעל פון'ם טיש און עס אָנגעטהאָן אויפ'ן קאָפּ.

ביי טאַבאַלצעוו'ן האָט זיך אַזש דאָס פּנים פּערקרימט און די אויגען זיינען ביי איהם גרעסער געוואָרען. ער האָט אָנגע־כאַפּט פּאָטאַפּאָוו'ן ביי דער האַנד.

— וואַרט אַ מינוט, סטיאָפּושקאַ!... וואַרט... און דו, קאַטיאַ,

— האָט ער מיט אַ נייעם טאָן געזאָגט, — דו ביזט גערעכט... איך האָב קיין רעכט ניט צו ריזיקירען...

— אודאי האָסטו קיין רעכט ניט! — האָט זי בייז אויס־געשריען, צוגעהענדיג נעהענטער צו איהם. — איך בין אַ מאַמע! פריהער פון אַלץ בין איך אַ מאַמע!.. מיינע קינדער זיינען ביי מיר בילכער פון דער גאַנצער וועלט... ביז'ן בלוט וועל איך זיי בעשיצען! איך האָב אַ סך דערפון געקלערט... בייטאָג און ביי־נאַכט האָב איך געקלעהרט... און פאַר מיר איז איצט אַלעס קלאָהר: אויב דו קענסט ניט פערשטעהן אַזאַ פּשוט'ע זאַך, הייסט עס אַז...

זי האָט ניט געקענט ענדיגען.

— אָבער, בערוהיגט אייך, מאדאם טאבאלבעווא, — האָט פּאָטאפּאָוו זי געפּרואווט איינגעהמען, — איך בלייב דאָ ניט נעכ־טיגען... איך געה שוין אוועק. איהר זייט גערעכט און איך האָב צו אייך גאָרניט.

— איך וויל אייך ניט בעליידיגען, — האָט זי פּאָטאפּאָוו'ן געזאָגט, — און איהר מעגט מיר גלויבען, אז איך בין אייך ניט קיין שונא... עס איז מיר טאקע ניט אנגענעהם אייך ארויסצו־טרייבען פון הויז אין אזא צייט ווען מען יאָגט זיך נאָך אייך... אָבער מיינע קינדער!... גלויבט מיר, אז פאר די לעצטע פּאָר וואָכען שלאָף איך ניט דורך די נעכט... ווען איהר וואָלט געהאט קינדער, וואָלט איהר מיך מעהר פערשטאנען... איך בעט אייך, בעליידיגט אייך ניט!...

פּאָטאפּאָוו האָט גרויס רחמנות געהאט אויף איהר, הערענדיג איהרע ווערטער.

— בערוהיגט אייך!... — האָט ער איהר ווייך געזאָגט, — איך בעליידיג זיך ניט... איך פערשטעה אייך...

— טאקע? — האָט זי איהם אָנגעכאפּט ביי דער האנד און רחמנות'דיג געקוקט אויף איהם. — און איהר וועט ניט האָבען קיין שלעכט הארץ אויף מיר וואָס איך טרייב אייך ארויס אין דרויסען אין אזא נאכט ווען מען זוכט אייך?...

— ביי מיר איז מיין לעבען ניט אזוי וויכטיג און איך ציטער ניט אזוי איבער דעם, — האָט ער ערנסט און איינפאך געזאָגט. — וואָס קען מעהר זיין? וועט מען מיך כאפּען און אויפהענגען...

— גאָט מיינער! — האָט זי זיך מיט ביידע הענד א כאפּ געטהאָן פאר'ן קאָפּ און באלד האָט זי געביטען דעם טאָן: — איך זעה, אז איהר האָט אנדריושא'ן זעהר ליעב. בעט איך אייך אינ'ם נאָמען פון אָט דער ליעבע, אז איהר זאָלט אויפהערען אריינקומען צו אונז!...

— שווייג! — האָט טאבאלצעוו מיט אמאָל אויסגעשריען.

אינ'ם אויסדרוק פון פנים האָ טזי דערקענט אז אין דער מינוט איז זי איהם געוואָרען פרעמד...

— יאָ, דו ביזט גערעכט, קאטיא... — האָט ער א זאָג געטהאָן אין אזא טאָן, וואָס האָט זי דורך און דורך גענומען. — דו ביזט א מאמע, און דיין פליכט איז די קינדער צו בעשיצען... איך האָב אויף דיר קיין פעראיבעל ניט... אָבער איבער מיר קאָמאנדעווען האָסטו קיין רעכט ניט... איבער מיין לעבען בין איך אליין דער בעל־הבית. מיט זיך קען איך טהאָן וואָס איך וויל, און דו קענסט מיר קיין דעות ניט זאָגען...

— נו, אנדרעי, גענוג! — האָט זיך פּאָטאפּאָוו ווידער אריינגעמישט. — איך געה!

— דו געהסט? — האָט טאבאלצעוו אויף איהם די אויגען אנגעשטעלט. — סטיאָפּושקא... דיך טרייבט מען ארויס פון הויז?... דיך?... נו, גוט געה, סטיאָפּושקא... אָבער ווארט! דו געהסט ניט אליין. איך געה אויך מיט דיר...

קאטיא האָט זיך אזש א וואקעל געטהאָן און זיך אנגעכאפּט ביי דער פארענטשע פונ'ם שטוהל.

— אנדרעי, בלייב דאָ! — האָט זיך פּאָטאפּאָוו ביי איהם געבעטען.

אָבער טאבאלצעוו האָט איהם מיט אלע כחות שטארק ביי דער האנד א כאפּ געטהאָן, ווען ער האָט זיך שוין צו דער טהיר א לאָז געטהאָן.

דו וועסט ניט געהן אליין! — האָט ער אויסגעשריען. — סטיאָפּושקא... געשיקט זיך אז דו קענסט זיך פאָרשטעלען, אז א י ך וועל דערלאָזען אזא געמיינהייט? אז איך וועל זיך לעגען שלאָפען אין א ווארימען בעט אין דער צייט ווען דו וואנדערסט ארום אין די גאסען און האָסט זיך ניט וואו צו בעהאלטען, ריזיקירענדיג ניט נור מיט דער פרייהייט, נור אויך מיט'ן לעבען? זאָלסט זיך ניט דערוועגען, זאָג איך דיר, סטעפּאן אזוי צו דענקען! שטיק מיך ניט אין דער צייט ווען מיר איז שוין אזוי אויך שווער צו אטהעמען!... און דיר, קאטיא, זאָג איך: איך געה אוועק.

אָבער מיין ניט אַז מיר איז אַזוי גרינג אַוועקצוגעהן פון דיר...
איך האָב אָבער ניט קיין אַנדער ברירה. דו ביזט אַליין שולדיג.

— אַנדרעי, לאָז מיך געהן! — האָט פּאַטאַפּאָוו ווידער געזאָגט.

— שווייג! שווייג! — האָט ער גענומען שרייען אויפגע־רעגט. — זאָלסט גאָר ניט פּרוּוען מיך איבעררעדען, אַז איך זאָל דאָ בלייבען!... און דו, קאַטיאַ, זיי געזונד! ווייס אַז איך געה אַוועק ניט ווייל איך האָב דיך מעהר ניט ליעב, נור ווייל איך האָב קיין אַנדער ברירה ניט... ווען איך וואָלט איצטער ניט אַוועק־געגאַנגען, וואָלסטו מיך אין דערפּריה געפונען אַ טויטען... איך וואָלט זיך זיכער דערשאָסען... און פּרוּוו גאָר ניט מיך פערהאַל־טען, ווייל דאָס וועט זיין אומזיסט... וואָס דאַרפסטו מיך האָבען? קינדער האָסטו? נו, זיי גליקליך מיט זיי!... איך ווייס, קאַטיאַ, אַז איך האָב צושטערט דיין גליק דיין גלויבען... און אפשר טאַקע דיין לעבען... האָב ליעב די קינדער! אָט דאָס פערגעניגען וועט דיר קיינער ניט פערשטערען. און אויב פאַר דיר וועט זיין גרינגער מיך צו פעראַכטען, מיך צו שילטען, טאָ מעק מיך אין גאַנצען אויס פון דיין זכרון... פערגעס אין גאַנצען אָן מיר... גלייך דו האָסט מיך גאָר קיינמאָל ניט געקענט...

ער האָט זי אַרומגענומען צערטליך, איהרע אויגען אַ קוש געטהאָן, און ווען ער האָט דערפיהלט, אַז די טרעהרען שטעלען זיך איהם אין די אויגען, האָט ער זי אָבגעלאָזט און זיך אַ וואָרף געטהאָן צו דער טהיר... פּאַטאַפּאָוו נאָך איהם. אין זיין פּנים איז קיין איין טראָפּען בלוט ניט געוועזען.

זי האָט געהערט ווי זיי זיינען ביידע פון די שטיגען אַרונטער און ווי די טהיר האָט זיך הינטער זיי צוגעמאַכט.

אַלעס איז געוואָרען שטיל, ווי עס וואָלט אין דער שטילקייט פון דער פינסטערער נאַכט פערזינקען.

קאַטיאַ איז געשטאַנען בעוועגלאָז, ווי אַ פערשטיינערטע.

פון'ם שלאָף־צימער האָט זיך דערהערט אַ געוויין פון אַ קינד. זי איז אַ צוטומעלטע אַהין אריין, און זיך אַוועקגעשטעלט ביים

קינד'ס וויעגעלע. געשטאנען א ווײלע ווי א נעכטיגע און מיט אמאל א פאל געטהאן אויף די קניע, מיט'ן פנים צום אייזערנעם ווענטעל פון דער וויעגעלע... מיט ביידע הענד האט זי דאס איי־זערנע ווענטעל אנגעכאפט א פערצווייפעלטע. פון הארצען האט זיך ביי איהר א טיעפער זיפץ ארויסגעריסען און אין די אויערען האבען איהר זיינע ווערטער געקלונגען:

— „האב ליעב די קינדער!... אט דאס פערגעניגען וועט דיר קיינער ניט פערשטערען!...“

ניין און דרייסיגסטער קאפיטעל

אויף מארגען, זונטאג, ווען מען האט זיך ביי דער אלטער טאבלצעווא אין הויז אוועקגעזעצט איינס א זייגער ביטאג עסען אנבייסען, האט זיך מיט אמאל פון דערוויטענס דערהערט א שטארקער שאס.

אלע האבען זיך געגעבען א הויב אויף פון די שטוהלען און גענומען קוקען איינער אויף דעם אנדערען. דאס קראכען אין דרויסען איז וואס אמאל געווארען שטארקער.

די דיענסט איז אריינגעלאפען א פערשמייעטע און אין איין אטהעם אויסגעשריען:

— אוי, מען שיסט!

און דער לאקעי איז אויך אריינגעלאפען א צוטומעלטער און גענומען שטאמלען:

— פריצים, מען זאגט, אז מען וועט גאנץ מאסקווא צר־שיסען... פון אלע הייזער וועט מען קיין זכר ניט לאזען...

— רעד ניט קיין נארישקייטען! — האט איהם קאפיטאן איבערגעשלאגען די רייד. — שוטה, וואס דו ביזט! האסט גע־הערט קלינגען און קענסט ניט נאכזינגען... יענע חברה בונטעווען זיך, און פון אונזערע הייזער וועט מען קיין זכר ניט לאזען... מען וועט שיסען יענע חברה, אבער אונז וועט מען ניט טשעפען...

ניקאָלאַי׳ען איז געפעלען געוואָרען דער עסק וואָס מען שיסט. ער האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט ביים טיש און מיט אַ נאַרי־שעוואַטען שמייכעל געזאָגט:

— אָט אַזוי דאַרף זיין! אָט דאָס פערשטעה איך!... אַזעלכע געמיינע יונגען דאַרף מען אויסקאָסען!...

נאָכ׳ן עסען האָט קאַפּיטאַן געזאָגט זיין פרוי, אַז ער געהט זיך אַביסעל דורך צו דער שוועגערין, צו קאַטיאַ׳ן...

— ביזט פון זינען אַרונטער! — האָט פימאַ געזאָגט. — דו מיינסט אַז אַיב דו וועסט איין זונטאָג צו איהר ניט געהן, וועט זיין געפעהרליך?... פריש און געזונד און משוגע... אין דרויסען שיסט מען, און איהם איז אָנגעקומען דער חשק זיך צו זעהן מיט דער שוועגערין!...

— עס איז ניט דיין עסק! — האָט איהר קאַפּיטאַן גע־ענטפערט בייז. — איך וויל געהן, געה איך...

און ער איז אַוועק.

אַ האַלבע שטונדע נאָכדעם ווי קאַפּיטאַן איז אַוועק צו קאַ־טיאַ׳ן, איז טאַבאַלצעוו אָנגעקומען אַהער.

די אַלטע האָט זיך דערשראָקען, ווען זי האָט דערזעהן ווי בלאַס ער איז.

— אַנדריושאַ, וואָס איז דיר? ביזט עפּעס ניט געזונד?

און ווען ער האָט איהר געזאָגט, אַז ער איז אַוועק פון דער פרוי, האָט זי זיך אין איין שרעק אַ כאַפּ געטהאָן:

— וואָס?

— איך בין אַוועק פון קאַטיאַ׳ן, — האָט ער נאָך אַמאָל דאָסזעלבע איבערגע׳חזר׳ט. — מיר זיינען ביידע צוויי בעזונ־דערע וועלטען...

— דו האָסט זיך מיט איהר צוקריעגט? — האָט די אַלטע געפרעגט.

— ניין, מאַמע, — האָט ער געענטפערט, — מיר האָבען זיך ניט געקריעגט... אָבער איך בעט דיך, מאַמע, פרעג מיך גאָר־ניט איבער... איך בין געקומען צו דיר ניט ווי אַ זוהן צו אַ מוטער,

גאר ווי א גוטער פריינד צו א גוטען פריינד... ווער פערשטעהט מיך נאך אזוי גוט ווי דו! איך בעט דיך, מאמע, העלף מיר! טהו מיר א טובה און נעהם קאטיא'ן אהער... געה שוין אהין און רעד זיך מיט איהר דורך... מיר וועט זיין גרינגער די לײדען אריבערצוטראגען, ווען איך וועל וויסען אז זי איז ניט אליין...

ער האט זי א קוש געטהאן אין דער האנד און שוין געוואלט אוועקגעהן. אבער זי האט איהם נאך פערהאלטען.

— ווארט, אנדריושא... — האט זי איהם אנגענומען ביי דער האנד. — דו הערסט, וואס אין דרויסען טהוט זיך? איך ווייס דאך וואוהין דו ווילסט געהן... אבער זוהן מיינער, איך בעט דיך, לאז מיך שטארבען רוהיג... איך וועל דא ניט קענען איינזיצען, ווען איך וועל וויסען אז דו ביזט דארטען וואו מען שיסט... בלייב דא, קינד מיינס... וויפיעל איז מיר דען אין גאנצען געבליבען צו לעבען אויף דער וועלט?

מיט אמאל איז ער א פאל געטהאן פאר איהר אויף דער קניע:

— מאמע, אין אזא מאמענט טארסטו מיך ניט פערהאלטען! וויפיעל יאהרען האב איך מיט'ן גרעסטען אונגעדולד געווארט, אז דאס רוסישע פאלק זאל אויפהויבען דעם קאפ און נעהמען קעמפפען געגען די אונטערדריקער! און איצט, ווען דער גוטער מאמענט איז געקומען, טאר איך ניט בלייבען זיצען אין דערהיים...

— אבער מען וועט דיך דאך דער'הרג'ענען, אנדריושא!

— עס קען זיין, — האט ער געענטפערט מוטהיג, — אבער בלייבען אין דערהיים אין אזא מאמענט, דאס קען איך ניט!

— געה, מיין קינד! געה, אנדריושא! — האט זי מיט א טעמפער, פערשטיקטער שטימע געזאגט. — געה, און זאל דיר גאט העלפען.

זיי האבען זיךביידע צוקושט. ער האט מיט א בעזונדער מין צערטליכע ליעבע געקושט איהר שטערן, איהרע אויגען, די הענד, און איז ארויס פון צימער...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט אַ שטונדע שפּעטער האָט די אַלטע מאַדאַם טאַבאַל־צעווא זיך אָנגעטהאָן די פוטערנע ראָטאָנדע און זיך געלאָזט געהן.

— וואוהין געהט איהר שוויגער? — האָט זיך פימא אַ כאַפּ געטהאָן מיט שרעק. — אין שטאָדט איז דאָך איצט אַ שחיטה... מען שיסט.

— איך מוז געהן! — האָט די אַלטע פעסט געענטפערט.

— אויב איהר געהט, געה איך אויך, — האָט פימא גע־זאָגט, — איך וועל אייך ניט לאָזען געהן אַליין אין אַזאַ צייט...

ניקאָלאַי האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, דערזעהענדיג ווי די מוטער געהט מיט פימאַ'ן אַוועק. ער האָט געפּרוּאווט זיי איינשמועסען, אַז זיי זאָלען בלייבען אין דערהיים, אָבער דאָס איז געוועזן אומזיסט.

— אויב דו האָסט מורא דאָס פּנים אין גאַס צו ווייזען, — האָט איהם די מוטער געזאָגט, -- טו בעהאַלט זיך אויפ'ן בוידים אָדער אונטער'ן בעט...

ווען קאַפּיטאַן איז אריינגעקומען צו קאַטיאַ'ן, האָט ער נאָך ניט געוואוסט אַז אַנדרעי איז פון איהר אַוועק.

— וואו איז אַנדרעי? — האָט ער זי געפרעגט, און דער־זעהענדיג ווי זי האָט אויף איהם די אויגען אָנגעשטעלט, זיינען די ווערטער ביי איהם אין האַלז דערשטיקט געוואָרען און ער האָט מעהר ניט געקענט ריידען...

— אַך, דאָס זיינט איהר, קאַפּיטאַן! גוט וואָס איהר זיינט געקומען! פאָהרט מיט מיר שוין אַהין...

— וואוהין? — האָט ער פערוואונדערט געפרעגט.

— דאָרט וואו מען שיסט, — האָט זי געענטפערט.

— נאָט איז מיט אייך, שוועגערין! וואָס רעדט איהר?

— פרעגט מיך גאָרניט, קאַפּיטאַן, — האָט זי כמעט בע־פעהלעריש געזאָגט, — פאָהרט מיט מיר אַהין... ער איז דאָרטען...

עס האָט קאַפּיטאַן'ען גאָר ניט געהאָלפען. ער האָט געמוזט

פאָהרען מיט איהר אין סאַמע צענטער וואו די שלאַכט איז פאָר־געקומען.

אין גאַס האָט זיך דאַן געטהאָן חושך. פון דער ווייטענס האָט מען געהערט ווי עס קראַכען קאַנאָנען און ביקסען. מענשען זיינען געלאָפען אין אַלע זייטען. אויף וועגען האָט מען פער־וואונדעטע געפיהרט, און קאָזאַקען אויף פערד האָבען זיך מיט טייפעלשער שנעלקייט געיאָגט.

אויף קאַפּיטאָן'ען האָט די הויט געציטערט, און ער האָט אַלץ געבעטען די שוועגערין, אַז זי זאָל מיט איהם פאָהרען צוריק, ווייל אין גאַס איז מען מיט'ן לעבען ניט זיכער; אָבער זי האָט איהם קאַלט געענטפערט:

— איך האַלט אייך ניט צו... אויב איהר ווילט פאָהרען צו־ריק, פאָהרט. איך מוז א י ה ם געפינען...

און אַלע מאָל וועט מען האָט דורכגעפיהרט אַ וואָגען מיט פערוואונדעטע האָט זי זיך אַ וואָרף געטהאָן:

— ער איז אויך צווישען זיי!... ער אויך!...

וואָס אמאָל איז דאָס קראַכען פון ביקסען און קאַנאָנען, וואָס האָט זיך געהערט פון דערווייטען, געוואָרען אָפטער און שטאַרקער, און עס האָט זיך געדוכט, אַז די גאַנצע שטאָדט האַלט ביים חרוב ווערען.

קאַפּיטאָן האָט דעם פוהרמאַן געהייסען פערקירעווען צוריק און קאַטיא האָט געהייסען טרייבען ווייטער. דער פוהרמאַן האָט ניט געוואוסט וועמען פריהער צו פאָלגען. ער האָט אָבער פער־שטאַנען, אַז אויב ער וועט פאָהרען דוקא אהין, וואוהין עס איז אַ געפאַהר צו פאָהרען, וועט ער קריגען אַ גרעסערע מטבע, און דערפאַר האָט ער געפאָלגט קאַטיא'ן און ווייטער געטריבען די פערד.

— יערונדא! — האָט ער געזאָגט, פאָכענדיג מיט דער בייטש, — אונז וועט מען ניט הרג'ענען... וואָס זיינען מיר בונ־טאָוושטשיקעס?

אָבער אין דער מינוט האָט ניט ווייט אַ באָמבע אויפגע־ריסען און די פערד האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען.

— בהמה! — האָט קאַפּיטאָן אויסגעשריען מיט כעס און אָנגעכאַפּט דעם פּוהרמאַן פאַר די אַקסלען מיט ביידע הענד. — פּערקירעווע צוריק! אַלאַ ניט וועל איך דיך אויספּאַטשען, אידיאָט איינער!

מען האָט דורכגעפיהרט אַ וואָגען מיט דער'הרג'עטע מענ־שען. קאַטיאַ האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן פאַר די שלייפען פון שטערן און ארויסגעשפּרונגען פון דער קאַרעטע.

— ער איז אויך דאָרטען! — האָט זי היסטעריש אויסגע־שריען און איז געפאַלען חלשות.

„טר־ר־ר־ר־ראַך!" — האָט עס פון דערווייטען אַ הילך גע־טהאָן אין דער מינוט.

מען האָט קאַטיאַ'ן קוים דערמינטערט און זי ווידער אריינ־געזעצט אין דער קאַרעטע.

קאַפּיטאָן און קאַטיאַ זיינען געקומען צוריק ווען די אַלטע מאַדאַם טאַבאַלצעוואַ און פימאַ זיינען ביידע אין גרויסען עס־צימער געזעסען און געוואַרט.

אַדיאַ, דאָס קליינע אינגעלע, ווען עס איז געווען שרעק־ליך אומעטיג אָהן דער מאַמען, האָט זיך צו איהר אַ לאָז געטהאָן מיט גדולה:

— מאַמאַ!

קאַטיאַ האָט איהם אַ כאַפּ געטהאָן אויף די הענד און איהם אָנגעהויבען קושען.

— קינדעלע מיינס... זוהנעלע מיינס, טהייערעס!...

שטיל איז די אַלטע מאַדאַם טאַבאַלצעוואַ אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו קאַטיאַ'ן.

— קאַטינקאַ, — האָט זי איהר צערטליך געזאָגט, ארויפלייגענדיג די האַנד אויף איהר אַקסעל, — אַנדרעי האָט מיך אַהער געשיקט... איך בין געקומען צו דיר...

עס איז געווען שווער צו דערקענען צי קאַטיאַ הערט וואָס

די שווינער רעדט צו איהר, צי גיין... ווי פערגליווערט איז זי געזעסען און צו קיינעם א וואָרט ניט גערעדט.

— קאטיא, קום צו אונז, — האָט פימא מיט א בעטענדען טאָן איהר געזאָגט, — וואָס וועסטו דאָ טהאָן איינע אליין?

— יאָ, קאטיושא, — האָט זיך די שווינער אריינגעמישט, — קום צו אונז. צוליעב דעם בין איך געקומען אהער..

— איך דאנק אייך זעהר, מאמאַ, פאר אייער גוט הארץ, — האָט זיך קאטיא אָנגערופען, — אָבער איך וועל אין ערגעץ ניט געהן... מיין אָרט איז דאָ...

— שוועסטער! — האָט קאפּיטאָן מיט'ן גאנצען הארצען איהר געזאָגט, אָננעהמענדיג זי ביי דער האנד, — זייט ניט אזא עקשן'טע... איך בעט אייך, קומט צו אונז... איהר וועט דאָך ווערען א האַלבער מענש, ווארטענדיג אויף איהם... ווער ווייסט, צי וועט ער גאָר קומען צוריק צו אייך?!...

— איך ווארט ניט אז ער זאָל צוריק קומען, — האָט זי שטאָלץ געזאָגט, — און איך בעט אייך, אז איהר זאָלט אויף מיר קיין רחמנות ניט האָבען! איך אליין וועל אלץ אויף מיינע פּלייצעס אריבערטראָגען!... נו, האָב איך ניט קיין מאן! א קליינער אומגליק... דערפאר אָבער בין איך א מאמע... איך האָב קינדער, און זיי וועט קיינער ביי מיר ניט צונעהמען!...

כאָטש זי האָט געזאָגט, אז זי וואַרט גאָר ניט אז ער זאָל קומען צוריק, האָט זי דאָך געוואַרט...

זי האָט געוואַרט און נאָך מעהר בייננאַכט. אלע מאָל איז זי ארויסגעגאַנגען אין דרויסען, געהערט ווי ביקסען און קאַנאָנען קראַכען אין די גאַסען, און א שוידער האָט זי ארומגענומען פון דעם געדאַנק, אז ער, אנדריושא, איז מעגליך אויך דאָרטען, וואו א מענשענס לעבען האָט קיין ווערדע ניט.

גאַנצע נעכט האָט זי ניט געשלאָפען. פון איין זייט אויף

דער אַנדערער האָט זי זיך איבערגעוואָרפען; ווידער און אָבער געשטאַנען ביים פענסטער און געקוקט אין דער פינסטערנים און געוואַרט אַז ער זאָל קומען צוריק, אָבער ער איז אַלץ ניט גע־קומען...

עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען ניט איינמאָל, אַז אָט הערט זי זיינע טריט אויף די טרעפ; אָט־אָט וועט זיך די טהיר עפענען און ער וועט אריינקומען... אָבער ער איז ניט געקומען...

עס איז געוועזען געגנוג אַז זי זאָל כאַפּען אַ דרעמעל, און עס האָט זיך איהר באַלד גע'חלום'ט אַז ער איז לעבען איהר. אָבער דאָס איז טאַקע געווען ניט מעהר ווי אַ חלום. ער איז ניט גע־קומען...

שרעקליך זיינען געווען די טעג און מורא'דיג זיינען געווען די נעכט. די גאַנצע שטאָדט, האָט זיך געדאַכט, שטעהט ביים ברעג פון אַ פייערשפייענדען באַרג; אָט־אָט וועט עס פון אַלע זייטען נעהמען שפּריצען מיט פייער און אַלעס וועט אומקומען... אויף די רוהיגע בירגער האָט די הויט געציטערט, און ווי עס האָט נור אָנגעהויבען ווערען נאַכט, האָט מען שוין די טהיר און לאַדען צוגעמאַכט און מורא געהאַט דאָס פּנים אין גאַס צו ווייזען.

קאַטיאַ'ן איז געווען שרעקליך שווער אויפ'ן הארצען, און זי האָט זיך שטאַרק גענויטיגט אין אַ מענשען, וואָס זאָל צו איהר זיין נאָהענט. פון דעסטוועגען האָט זי זיך אויף קאַפּיטאַן'ס פריינדשאַפט כמעט ניט אומגעקוקט, כאָטש ער פלעגט יעדען טאָג אריינקומען צו איהר געוואָהר ווערען...

איהם האָט עס געצויגען צו איהר, און ער האָט אַליין ניט פערשטאַנען אָדער מורא געהאַט צו פערשטעהן וואָס פאַר אַ גע־פיהל דאָס איז... עס האָט איהם געצויגען און דאָס אַלעס...

איז ער איינמאָל אין אַ פינסטערער נאַכט געקומען צו לויפען אין איין אטהעם:

— שוועסטער, — האָט ער קוים ארויסגערעדט, — עס איז אַ מורא אין גאַס ארויסצוגעהן... איך האָב אַליין געזעהן, ווי די חברה בונטאָווטשיקעס האָבען זיך בעפעסטיגט געגען דער פּאַ־

ליציי... איך בעט אייך... איך האָב מורא צוריקצוגעהן... ערלויבט מיר, שוועסטער, צו נעכטיגען היינט ביי אייך...

אָבער קאַטיא האָט אויף איהם אַ בייזען קוק געטהאָן און געענטפערט שטרענג:

— ניין, איהר קענט דאָ ניט נעכטיגען... און — עס איז ניט שעהן פאַר אַ מאַן צו זיין אַזאַ טרוס...

סאָניא'ן האָט זי געבעטען, אַז זי זאָל איבערגעהן וואָהנען צו איהר. אָבער יענע האָט דאָס ניט געוואָלט; זי האָט אויך געוואַרט... טיעף ביי איהר אין הארצען האָט אויפגעוואַכט די האָפנונג, אַז איצט וועט טאַבאָלצעוו קומען צו איהר...

ביינאַכט איז סאָניא שטונדען־לאַנג ביי זיך אין צימער געזעסען, און פונקט ווי איהר שוועסטער, האָט זי געוואַרט, אַז טאַבאָלצעוו זאָל קומען. אָבער ער איז צו איהר אויך ניט געקומען...

און איינמאָל, ווען זי איז געקומען פון האָספּיטאַל, וואו איהר מאַן איז געלעגען קראַנק, האָט זי ביי דער טהיר דערהערט אַ קלונג און עס איז אריינגעקומען דער סטודענט דמיטריעוו. ער האָט איהר געבראַכט אַ צעטעלע פון טאַבאָלצעוו'ן. אין צעטעלע האָט ער געשריבען, אַז אויף דמיטריעוו'ן מעג מען זיך פערלאָזען; זי זאָל באַלד קומען מיט איהם אויף אַ פערזאַמלונג, וואָס ווערט איצט אָבגעהאַלטען אויף אַ געוויסען פּלאַץ. און אונטערגעשריבען האָט ער זיך „דיין אַנדרעי".

דערפון האָט זי זיך דערפיהלט אַזוי גליקליך, אַז זי איז געווען גרייט צו טאַנצען פאַר פרייד... ער שרייבט איהר „דיין אַנדרעי... נו, אודאי וועט ער זיין איהר אַנדרעי!...

זי איז געווען גרייט דאָס לעבען איינצושטעלען, אַבי איהם צו זעהן. איז זי צוזאַמען מיט דמיטריעוו'ן אַוועק אויף דער פערזאַמלונג.

זי האָט איהם כמעט ניט דערקענט ווען זי האָט איהם דערזעהן אויף דער פערזאַמלונג. ער איז גאָר אַן אַנדערער געוואָרען אין די עטליכע טעג... אָנגעטהאָן איז ער געווען אין אַ פּשוט

העמדעל אויף דער זייט געשפּיעלעט, און אין אַ פּאָר שטיוועל. ער האָט געטראָגען אַ בערדעל און קליינע וואָנצען. גאָר אַן אַנדער פּנים בעקומען. מען האָט גלייך געקענט דערקענען, אַז ער איז מיט לייב און לעבען פּערטהאָן אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבייט.

צו סאָניא'ן האָט טאַבאַלצעוו איצט געהאַט אַ גרויסע בקשה.

— סאָניא, — האָט ער איהר געזאָגט, — דו קענסט איצט פאַר אונז אויפטהאָן זעהר אַ סך מיט אַ קלייניגקייט. זעהסט אָט דאָס קעסטעלע? פיהר עס אַוועק צו זיך אין צימער און האַלט עס ביז מען וועט עס בעדאַרפען... מיר קענען עס דאָ ניט האַלטען, ווייל דערמיט שטעלען מיר איין זעהר אַ סך... אויף דיר וועט קיין חשד ניט פאַלען... וועסטו דאָס טהאָן?

— אודאי וועל איך דאָס טהאָן! — האָט זי געענטפערט.

— אָבער איך מוז דיר זאָגען פריהער, — האָט טאַבאַלצעוו ווייטער געזאָגט, — אַז אויב מען וועט דיך כאַפּען מיט אָט דעם קעסטעלע וועסטו גלאַט ניט אָבשניידען... דאָס שמעקט מיט סיביר.

— גיב אַהער דאָס קעסטעלע און איך וועל עס שוין פערזאָרגען, — האָט זי ענטשלאָסען געזאָגט.

מיט אַ קוש האָט טאַבאַלצעוו איהר אויסגעדריקט זיין דאַנקבאַרקייט און דערנאָך האָט ער מיט איהר גענומען רעדען וועגען היימישע אַנגעלעגענהייטען.

— וואָס מאַכט קאַטיאַ?

— שטאַרק אַ תל געוואָרען. עס איז זי שוין גאָר ניט צו דערקענען...

— און וואָס מאַכען די קינדער? — האָט ער נאָך אַ קורצען שווייגען געפרעגט.

— זיי בענקען נאָך דיר...

מיט אַמאָל האָט זי אויסגעשאָסען אין אַ געוויין.

— אַנדריושאַ... דאָס איז דאָך שרעקליך! קאַטיאַ וואַרט אַז דו זאָלסט זיך אומקעהרען צוריק אַהיים... ווען וועסטו קומען?

— קיינמאָל ניט, — האָט ער געענטפערט ענטשלאָסען. —

עס איז טאקע שרעקליך, אָבער איך קען זיך גאָר ניט העלפען... זאָג איהר, אז... זאָג איהר, אז איך האָב זי נאָך איצט אויך ליעב, אָבער קומען אהיים — דאָס קען איך ניט! און איבריגענס איצט קען איך מיט דיר וועגען היימישע זאכען ניט ריידען... איצט דאַרף מען ארבייטען פאר'ן כלל... איך האָב דיך געוואָלט בעטען, סאָניא, אז דו זאָלסט ערלויבען אונזערע לייט אמאָל זיך צו בע־נוצען מיט דיין צימער.

— דאָס אודאי! — האָט זי געענטפערט, און איהרע אויגען האָבען גענומען לייכטען. — ווען עס וועט דיר גראָדע אמאָל אויס־קומען אזוי, אז דו וועסט ניט האָבען וואו צו נעכטיגען, זאָלסטו קומען צו מיר... און ניט נור דו, — האָט זי זיך פערכאַפּט, — איך מיין ווער עס איז ניט פון... פון אונזערע...

עס האָט זיך מיט אמאָל דערהערט אַ שטאַרקער קלונג ביי דער טהיר.

— ווער איז דאָרט?

— אַן אייגענער.

עס איז אריינגעקומען דער אידישער סטודענט באַרים זייד־מאַן. ער איז געווען שטאַרק צוטראָגען, זיין פּנים איז געווען בלאַס, און ער האָט אָלעמען אַ טרויעריגע בשורה אָנגעזאָגט:

— היינט האָט מען דערשאָסען די מאַדאַם בעזסאָנאָוואַ.

— וואָס??? — האָבען זיך אָלע אַ כאַפּ געטהאָן.

דערנאָך איז געוואָרען שטיל. זיידמאַן האָט זיך אַוועקגע־זעצט און געווישט דעם שווייס פון שטערן.

סאָניא'ן האָט זיך איינגעגעבען איבערצופיהרען בשלום דאָס קעסטעלע צו זיך אהיים. קיינער האָט זי אין גאַס ניט אָבגע־שטעלט, ווייל ווער מען האָט דאָס גאָר געקענט איינפאַלען, אז אַזאַ שעהנע, רייך־פערפּוצטע יונגע דאַמע פיהרט אַ קעסטעלע מיט רע־וואָלווערען?

דערנאָך איז זי אַוועק צו קאַטיאַ'ן און איהר דערצעהלט אַז זי האָט זיך געזעהן מיט טאַבאַלצעוו'ן.

— וואָס־זשע האָט ער דיר געזאָגט? — האָט קאַטיאַ גע־פרעגט.

— ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט דיך ליעב, — האָט סאָניאַ געענטפערט.

די ליפּען שטייף צונויפגעפּרעסט, איז קאַטיאַ געשטאַנען און געקוקט ווי סאָניאַ טהוט אויס דאָס פוטער'ל און גיט עס אַ וואַרף אויף דער זאָפע. זי האָט זי געפרעגט:

— וואו האָסטו איהם געזעהן?

— דאָס, קאַטיאַ, קען איך דיר ניט זאָגען...

— פאַרוואָס?

— ווייל דאָס איז אַ סוד פון דער פּאַרטיי...

— אָבער ווי קומסטו צו איהם? — האָט זי בייז געפרעגט.

— ער האָט מיר צוגעשיקט אַ צעטעלע, אַז איך זאָל זיך קומען זעהן מיט איהם...

קאַטיאַ איז נאָך בייזער געוואָרען.

— צו וואָס האָט ער דיך געדאַרפט?

— ער האָט מיר געוואָלט איבערגעבען אַ גרוס צו דיר... ער האָט מיר געהייסען איבערגעבען, אַז ער האָט דיך נאָך איצט אויך ליעב...

— שווייג! — האָט קאַטיאַ שטרענג אויסגעשריען, — זאָלסט זיך ניט דערוועגען דערמאָנען מיר אַ וואָרט וועגען זיין ליעבע! איך וויל דאָס גאָר ניט הערען!... און קיין ליגען זאָלסטו זיך אויך ניט דערוועגען מיר צו זאָגען! הערסט? פאַרוואָס איז ער אַליין ניט געקומען אהער, אויב ער האָט מיך ליעב? צו וואָס האָט ער דיך גערופען? אויב ער האָט דיך גערופען, איז אַ סימן אַז דו פעהלסט איהם, אַז ער דאַרף דיך... נו שווייגסטו? הא? שווייג... אָבער וויים אַז מיך אָבנאַרען וועסטו ניט קענען! און געדענק וואָס איך זאָג דיר: ער וועט פון דיר אַרויסקוועטשען דעם גאַנצען לעבענס־זאַפט, פּונקט ווי פון מיר, און דערנאָך

וועט ער דיך אוועקווארפען... ער איז א פאדליעץ!... און אויס־וואורף!... א געמיינער לומפ!... ער האט מיך אונגליקליך גע־מאכט און איצט וויל ער דיך אויך אונגליקליך מאכען...

קאטיא'ס ווערטער האבען סאניא'ן געשטאכען. זי איז אויפ־געשטאנען און געפרואווט זי ארומנעהמען, אבער קאטיא האט זי אבגעשטויסען פון זיך.

— אוועק פון מיר! צו וואס דארפסטו מיך?... איך זעה דאך שוין אז דו ביזט פאר איהם גרייט אין פייער און אין וואסער צו לויפען... מיר אלע זיינען דאך ביי איהם ניט מעהר ווי שפיעלעכלאך... איך.. ליזא.. דו.. די מאמע. אויף וועמען פון אונז האט ער דען אמאל רחמנות געהאט?... ווען ער האט עפעס געדארפט אויספיהרען, איז ביי איהם רעכט געווען אונז אלעמען פונ'ם וועג אבצושארען... און געדענק, סאניא, מיינע ווער־טער: אויב דו וועסט ניט זיין פארזיכטיג מיט איהם, וועט ער דיך בלויז אויסנוצען און דערנאך ארויסווארפען ווי א שמאטע...

— אבער צו וואס רעדסטו אזוי, קאטיא? דו האסט דאך איהם ליעב...

— ניין, מען קען ניט און מען טאר ניט ליעב האבען אזא מענשען, וועלכער צוטרעט דיין נשמה מיט די פיס און ערניעדר־ריגט דיך...

— אין ליעבע איז ניטא קיין שטאלץ, קאטיא! — האט סאניא געזאגט.

— ניין, עס איז יא דא שטאלץ אין ליעבע! — האט קאטיא געזאגט. — מען קען זיין פערליעבט און דאך זיין שטאלץ. יעדער האט ליעב אויף זיין אייגענעם שטייגער... איינער — ווי א קנעכט... א צווייטער — ווי א האר... א דריטער — ווי א חבר... איינער נעהמט אלעס און איינער גארניט... א צווייטער גיט אוועק דאס בלוט טראפענווייז און שמייכעלט נאך דערביי... און איך האב ליעב אויף מיין אייגענעם שטייגער... אויב ער דארף מיך מעהר ניט...

— דאס איז ניט אמת, קאטיא, — האט סאניא איבערגע־

שלאָגען. — ווען דו וואָלסט געזעהן ווי ער איז פאַר די לעצטע עטליכע טעג געוואָרען אַ תּל! בלויז דיך האָט ער שטענדיג ליעב געהאַט...

— איך גלויב איהם ניט!... איך גלויב איהם ניט!... איך גלויב איהם ניט!... — האָט זי גענומען שרייען. — וועט ער וואָלט מיך טאַקע ליעב געהאַט, וואָלט ער געקומען צוריק... און איך זאָג דיר אָן, אַז דו זאָלסט מעהר וועגען איהם אַ וואָרט ניט דערמאָנען!... דו קענסט זיך טהאָן וואָס דו ווילסט... לויף צו איהם... טהו פאַר איהם וואָס דו ווילסט. אָבער דאָ אין הויז זאָלסטו זיין נאָמען ניט דערמאָנען! און ווען ער וועט דיך נאָך אַמאָל פרעגען וואָס איך מאַך, זאָלסטו איהם ענטפערען, אַז פּונקט אַזוי ווי ער האָט מיך אויסגעמעקט פון זיין לעבען, אַזוי האָב איך איהם אויסגעמעקט פון מיין לעבען!...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אָבער...אָבער ס'איז געווען ניט מעהר ווי געזאָגט... זי האָט איהם אַלץ ליעב געהאַט און אַלץ געהאָפט אַז ער וועט נאָך קומען צוריק...

אַ גאַנצע וואָך איז אַוועק. יעדער טאָג איז ווי אַ וואָך געווען. און טאַבאַלצעוו איז אַלץ אַהיים ניט געקומען.

און דער טאָג פונ'ם 17טען אָקטאָבער (1905) איז ענדליך אָנגעקומען.

זיעבען אַ זייגער אין דערפריה האָט זיך קאַטיאַ אויפגעכאַפּט פון דער קאַנאָנען קראַכעניש, וואָס ס'האָט זיך פון דער ווייטענס דערהערט...

— וואו שיסט מען? — האָט זי אַ צוטומעלטע געפרעגט די דיענסט.

— דאַכט זיך אויף דער סמאָלענסקער גאַס, — האָט די דיענסט גענטפערט.

אַ גאַנצען טאָג האָט דאָס שיסעריי ניט אויפגעהערט. און פאַרנאַכט האָט זיך געדאַכט, אַז דער גאַנצער הימעל ברענט. דאַן איז שוין קאַטיאַ, צוזאַמען מיט די אַנדערע שכנים און שכנות,

געשטאנען אין הויף און געקוקט ווי די גערדיכטע וואָלקענס רויך הויבען זיך צום הימעל און שפרייטען זיך איבער דער גאנצער שטאָדט.

די שכנות האָבען ארויסגעזאָגט מיינונגען און השערות; יעדע איינע האָט אנדערש געטראָפען. איינע האָט געזאָגט:

— דאָס ברענט דאָס הויז וואו די בונטאָווטשיקעס האָבען זיך בעפעסטיגט.

— נו, אודאי ברענט עס, — האָט א שכן צוגעגעבען. — פון דאָרטען וועלען זיי שוין קיין לעבעדיגע ניט ארויס... מיט קאנאָנען האָט מען אהין געקנאקט, אז עס איז אזש געגאנגען א רויך...

— נאָך ווי אזוי געקנאקט — טרראך! טר־ר־ר־ראך!

קאטיא׳ן האָט דאָס הארץ געזאָגט, אז אין יענעם הויז איז טאבאָלצעוו אויך געווען. האָט עס זי אָנגעהויבען שטיקען אין האלז און זי האָט דאָ מעהר ניט געקענט איינשטעהן. ווי א מענש וואָס איז ניט ביים קלאָרען פערשטאנד, האָט זי געטהאָן א לויף אין הויז אריין און אָנגעהויבען כליפען אזוי שטארק, אז עס האָט אזש ביים הארצען געריסען...

* * *

פארטאָג, ווען אין דרויסען איז נאָך געווען פינסטערלאך, האָט טאבאָלצעוו בעשלאָסען ארויסצוגעהן פון זיין בעהעלטעניש, וואו ער האָט זיך בעשיצט פון די קוילען...

בעהאלטען האָט ער זיך לעבען א סקלאד פון געהילץ, הינטער א הויכען פארקאן. א צונויפגעקאָרטשעטער אין דרייען איז ער דאָרטען געלעגען און געוואַרט ביז די געפאהר וועט אריבער און ער וועט שוין זיין פנים מעגען ווייזען אין גאס. ביי איין קניע זיינען ביי איהם די הויזען געווען צוריסען. דאָס העמדעל איז געווען נאס, פערשמירט אין בלוט און האָט זיך געקלעפט צום לייב. דאָס היטעל האָט ער אויפ׳ן קאָפּ ניט געהאט, ער האָט עס ערגעץ פערלאָרען.

ווי לאַנג ער איז דאָ געלעגען האָט ער ניט געוואוסט. איהם האָט זיך אָבער געדוכט, אַז ער ליעגט שוין דאָ אַ גאַנצע אייביג־קייט. איהם האָט זיך אויסגעוויזען אַז פון יענעם מאָמענט אָן, וואָס מען האָט זיך נאָך איהם געיאָגט און ווען ער און זיינע חברים זיינען פון דער ברענענדיגער געביידע אַנטלאָפען, זיינען שוין אוועק יאָהרען און יאָהרען. אין די שלייפען האָט עס איהם געדרודערט. אי די נשמה, אי דער קערפּער האָבען ביי איהם נאָך געברענט פון דעם קאַמפּף וואָס ער און זיינע חברים האָבען געפיהרט געגען דער פּאָליציי...

קיין שיסעריי האָט מען שוין מעהר ניט געהערט. פּאַמעלעך־פּאַמעלעך האָט טאַבאַלצעוו אָנגעהויבען קומען צו זיך. דער בע־וואוסטזיין, אַז ער האָט זיך פון אַ זיכערען טויט געראַטעוועט, האָט איהם ניט בערוהיגט, ווייל ער האָט גוט געדענקט ווי אַזוי ער האָט פערלאָרען אויף אייביג זיין בעסטען און ליעבסטען פריינד — פּאָטאַפּאָוו'ן...

און ער האָט זיך גענומען דערמאָנען ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט פון אָנפאַנג אָן... עס איז געווען אַזוי:

...מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קראַך, ווי אַ דונער, און די ווענט פון דער געביידע האָבען זיך אַ הויב גע־טהאָן... עס איז געוואָרען אַ גערודער, אַ טומעל... בעקאַנטע פּנים'ער האָבען זיך גענומען דרעהען... סטיאָפּושקאַ, סיטניקאָוו, דמיטריעוו און נאָך און נאָך אַנדערע... אַלע אייגענע מענשען, גענאָסען, וועלכע האָבען צוזאַמען באַריקאַדעס אין גאַס געמאַכט און דערנאָך זיך בעפעסטיגט אין דער געביידע... אימיצער האָט דאָן אויסגעשריען: „גענאָסען, מיר זיינען ארומגערינגעלט פון אַלע זייטען!"... ווער האָט דאָס אַזוי געשריען? דאכט זיך, דמיטריעוו... די שויבען האָבען זיך אַ טרייסעל געטהאָן. אַ קויל איז אריינגעפלויגען און דורכגעלעכערט אַ וואַנד... אין יענער מינוט האָט פּאָטאַפּאָוו מיט זיין ליייבען־שטימע אויסגעשריען: „לעבעדיגערהייט וועלען מיר זיך אונטערגעבען! די רעוואָלוציע אין די הענד!"... טר־ר־ר־ראַך...

...וואו שיסט מען דאָס?

טאבאָלצעוו האָט מיט'ן גאנצען קערפּער א ציטער געטהאָן און געעפענט די אויגען.

די פּלייצע האָט ביי איהם געברענט. „בין איך פערוואונ־דעט? — האָט ער זיך אליין געפרעגט, — אָבער די וואונד איז ניט קיין ערנסטע... זי וועט זיך גיך פארהיילען... אָבער סטיאָ־פּושקא איז טויט“...

און ער האָט זיך ווייטער דערמאָנט:

...עס איז געווען קאלט ווען זיי האָבען אלע מיט די פער־שוויצטע פּנים'ער גענומען ארויסלויפען אין דרויסען פון דער ברע־נענדער געביידע. „קומט מיט מיר!“ — האָט פּאָטאַפּאָוו גע־שריען. — „דורך איין טהיר קען מען זיך נאָך ראַטעווען!“ ווי שטארק זיין שטימע האָט דאַן געקלונגען און ווי העלדיש ער האָט דאַן אויסגעזעהן! זיי זיינען אריין אין א פרעמדער שטוב, וואָס איז לעבען דער ברענענדיגער געביידע געשטאנען... דאָרטען איז קיינער ניט געווען... אָהן מענשען און אָהן פענסטער... אָט שיסט מען שוין אהער... איין קויל גיט א פליה אריין און באלד נאָך איינע און נאָך איינע... „וואָס טהוט מען איצט? עס בלייבט צו שפּרינגען דורך די פענסטער...

איין שפּרונג פונ'ם צווייטען שטאָק, און ער בלייבט ליגען אויפ'ן שנעע... סטיאָפּושקא! שטעה אויף! אָט יאָגט מען אונז אָן!... דו הערסט, סטיאָפּושקא?...

— ...איך קען ניט... א פוס צובראָכען... שיס מיר אריין א קויל אין הארצען אריין... אין זייערע הענד וויל איך ניט אריינפאלען...

טררררר־אך! און שוין אזוי נאָהענט!...

— „אנדריושא, ראטעווע זיך! — שרייט סטיאָפּושקא. — אנדריושא!... איך בין שוין א פערפאלענער... איך קען ניט לויפען... דער פוס... הערסט? אָט לויפען זיי! אָט קומען זיי, די בעסטיעס!“ און זאָגענדיג דאָס, גיט ער א כאפּ ארויס דעם

רעוואָלווער און שיסט זיך אַליין אריין א קויל אין מויל אריין...
ניטאָ מעהר סטיאָפּושקאַ...

...אין די אויערען קלינגען נאָך זיינע לעצטע ווערטער: —
„אַנדריושאַ, ראַטעווע זיך!" הויבט טאַבאַלצעוו אָן לויפען, אָבער
אין מיטען דערינען לויפט איהם אַקעגען א בריאה מיט א חזיר־
'שען פּרצוף... אין אַזאַ פּרצוף איז פּשוט א פערגעניגען צו דער־
לאַנגען מיט'ן קולאַק איינמאָל און צוויי מאָל... אַט אַזוי, מיט אַלע
בחות... יענער פאַלט אום... שפּרינגט ער אריבער איבער זיין
טויטען קערפּער און לויפט ווייטער...

...ער לויפט און לויפט... קוילען פליהען איבער זיין קאָפּ...
אַט לויפט נאָך א מיאוס'ע בריאה מיט א חיה'שען אויסזעהן...
נאָך א מינוט, נאָך א רגע און יענער כאַפּט איהם... א שאָס פונ'ם
רעוואָלווער, און יענער ליעגט שוין א טויטער... וואוהין־זשע לויפט
מען איצט? מען מוז זיך דאָך ראַטעווען... מען מוז... דערזעהט
ער א הויכען פּאַרקאַן... גאָר א הויכען. שפּרינגט ער איהם אריי־
בער און בעהאַלט זיך דאָרטען"...

— — — — — — — — — — — — — — —

אַט אַזוי איז דאָס געווען מיט אַלע איינצעלהייטען האָט ער
דאָס געדענקט.

עס איז איהם געוואָרען שרעקליך קאַלט. זיך אויפהויבען
איז איהם געווען זעהר שווער. דאָך האָט ער זיך אָנגעטהאָן א כח
און זיך אויפגעהויבען. וואָרים געוואוסט און פערשטאַנען האָט
ער, אַז אויב ער וועט זיך ניט ראַטעווען איצט, ווען אין דרויסען
איז נאָך פינסטער, וועט ער זיכער ארייִנפאַלען...

הארט לעבען די פּאַרקאַנס און לעבען די הייזער האָט ער זיך
שטילינקערהייט גענומען רוקען פאַמעלאַך און פאַרזיכטיג, קיינער
זאָל איהם ניט בעמערקען. איין האנד האָט ער געהאַלטען אין
קעשענע, וואו דער רעוואָלווער איז געלעגען. „אהן א קאַמפּף
וועל איך זיך ניט אונטערגעבען!" — האָט ער פעסט ביי זיך
אין געדאַנקען בעשלאָסען...

אָבגעגאַנגען א שטיק וועג, האָט ער א קלער געטהאָן: —

וואוהין־זשע געהט מען איצט? סטיאפושקא איז שוין ניטא מעהר צווישען די לעבעדיגע... צו דער מאמען קען ער איצט ניט קומען. און צו קאטיא׳ן? ניין. צו איהר קען ער זיך אויף קיין פאל ניט אומקעהרען...

און דא איז ער אזוי מיעד און צובראכען, אז ער קען מיט קיין אבר ניט ריהרען. ווען ער לעגט זיך איצט אוועק אין א ווארימען בעט, וואלט ער זיך פשוט מחיה געווען. איז איהם איינגעפאלען, אז דאס בעסטע איז איצט צוצוגעהן צו סאניא׳ן... זי וועט זיך אודאי שטארק דערפרעהען איבער איהם.

די האנד האט איהם געציטערט, ווען ער האט ביי איהר אין טהיר אנגעקלאפט.

פון אינעווייניג האט זיך דערהערט דאס שארעווען פון פיס.

— דאס איז דו, אנדריושא?

— יא.

ער איז אריינגעגאנגען אינ׳ם פינסטערען צימער און באלד פערשלאסען די טהיר...

— — — — — — — — — — — — — — —

אין א וואך ארום האט מען איהם אין גאס ארעסטירט...

פיערציגסטער קאפיטעל

עס איז אוועק א יאהר.

פאר יום־טוב האט זיך דער אלטער מאדאם טאבאלצעווא איינגעגעבען ארויסצונעהמען אנדריושא׳ן פון דער טורמע. זי האט פאר איהם איינגעלייגט צעהן טויזענד רובעל און מען האט איהם ארויסגעלאזט ביז׳ן פראצעס.

אפילו אין טורמע האט זיך טאבאלצעוו איינגעארדענט אזוי, אז עס זאל איהם זיין ניט שלעכט. אין די ערשטע 4 וואכען האבען איהם שוין אלע ליעב געקראגען און זיך מיט איהם שטארק גערעכענט.

די ערשטע צייט האָט זיך שוין געהאַט פּערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מען וועט איהם דערשיסען... דאַן האָט סאָניא מיט דער אַלטער מאַדאַם טאַבאַלצעווא איינגעלייגט די וועלט. זיי זיינען געלאָפען פון איין אַדוואָקאַט צום צווייטען, פון איין גענעראַל צום צווייטען; אין אַלע טהירען האָבען זיי אָנגעקלאַפּט. און אַלע טהירען האָבען זיך פאַר זיי געעפענט. דערצו האָט געהאָלפען סאָניא'ס שעהן פּנים'ל... קיינער האָט איהר ניט געקענט ענטזאַגען; מיט איהר ליעבליכען קאָקעטישען שמייכעלע האָט זי אַלעמען אָבגעקויפט...

עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזען אַז טאַבאַלצעוו'ס לעבען איז ניט אין געפאַהר, אַז דערשיסען וועט מען איהם ניט, כאָטש ער האָט אויפ'ן פערהער ניט געלייקענט, אַז ער האָט דעם בעריהמטען רעוואָלוציאָנער פּאָטאַפּאָוו גוט געקענט און געווען מיט איהם בעפריינדעט... מען האָט אָבער ניט געקענט פעסטשטעלען, אַז ער האָט זיך אין דער נאַכט פונ'ם 17טען אָקטאָבער אויך בעטהייליגט אין דעם בעוואַפענטען אויפשטאַנד...

בעזוכען איהם אין טורמע זיינען אָפט געקומען זיין מוטער און סאָניא. קאַטיאַ'ן האָט ער ניט געבעטען זי זאָל קומען. און זי איז קיינמאָל צו איהם ניט געקומען... וואָס ווייטער, איז די וואַנד צווישען זיי געוואָרען דיקער און העכער...

און די אַלטע מאַדאַם טאַבאַלצעווא איז צוליעב אַנדריושאַ'ס אַרעסט גאָר אינגער געוואָרען... זי האָט איהם קיין מוסר ניט געזאָגט און קיינעם ניט געלאָזט אַ שלעכט וואָרט אויסריידען אויף איהם. אַ דאַנק זיין אַרעסט, איז איהר לעבען געוואָרען פול מיט אינטערעס. זי האָט זיך שטאַרק פעראינטערעסירט מיט די מענשען, וועלכע זיינען צוזאַמען מיט איהר זוהן אין טורמע געזעסען און זי האָט פאַר זיי געטהאָן וואָס זי האָט נור געקענט. פאַר איינינגע האָט זי איינגעלייגט געלד, מען זאָל זיי אַרויסלאָזען ביז דעם פּראָצעס, און פאַר אַנדערע האָט זי מתנות געקויפט און אויף אַזא'ן אופן זיי לייכטער געמאַכט די שווערע בעדינגונגען. ווי אַן אייגענע מאַמע איז זי צו זיי געווען. און דאָס

איז אַלץ איבער דעם, וואָס אַנדריושאַ האָט זיך אין זייער לעבען פעראינטערעסירט...

אין דרויסען איז געווען אַ שעהנער ווינטערדיגער טאָג, ווען טאַבאַלצעוו איז, נאָך אַ יאָהר זיצען אין טורמע, ארויסגעגאנגען שפּאַצירען איבער דער שטאָדט.

ער האָט לאַנג געשפּאַצירט, ביז ער איז אָנגעקומען צו דער געביידע, וואו ער מיט זיינע חברים האָבען זיך מיט אַ יאָהר צוריק בעפעסטיגט... די ווענט פון דער געביידע זיינען נאָך איצט אויך געווען דורכגעלעכערט. קיין דאַך איז ניט געווען, קיין טהויער אויך ניט... שטעהענדיג אַזוי לעבען דער געביידע, האָט ער אריינגעקוקט אין די שווארצע לעכער, מיט דעם זעלבען געפיהל ווי מען קוקט אריין אין די אויגען אַ בלינדען... אַלעס איז פערשוואונדען... אַלע בעסטע חברים זיינען אומגעקומען...

אַן אומעטיגער, אַן אויסגעבלייכטער האָט ער זיך געלאָזט געהן ווייטער. און נאָך איהם זיינען נאָכגעגאנגען די שאָטענס פון זיינע ליעבע חברים: פּאָטאַפּאָוו, דמיטריעוו, סיטניקאָוו, מאַדאַם בעזסאָנאָווא, טאַניא, נאַטאַשאַ און נאָך אַנדערע...

ווידער אַמאָל האָט ער זיך דערמאָנט אָן יענער שרעקליכער נאַכט, און אין הארצען האָט גענומען נאָגען אַ שווער געפיהל...

אין דעם טאָג האָט מען איהם אָנגעזאָגט איין בשורה שרעקליכער פאַר דער אַנדערער: דער איז פון די וואונדען אין האָספּיטאַל געשטאָרבען, דער איז פערבליבען אַן אייביגער קאַליקע; און מעהר פון אַלעם האָט איהם געריהרט דער סוף, וואָס די אידישע מיידעל, די שניידערין מאַניא מאַיסקאַיא, האָט געהאַט. וואָס פאַר אַ שרעקליכער סוף! זי האָט ניט געקענט אריבערטראָגען דעם טויט פון פּאָטאַפּאָוו'ן, ווצמען זי האָט אַזוי שטארק ליעב געהאַט, און זי איז פון זינען ארונטער... ווי שרעקליך דאָס איז! אָרימע מיידעל!... און וואו זיינען די אַנדערע געבליבען? אייניגע זיינען ענטוישט געוואָרען און זיך אַ נעהם געטהאָן צום לערנען, כדי צו ווערען דאָקטוירים און אַדוואָקאַטען, און אַנדערע זיינען אַוועק קיין אויסלאַנד... עס זיינען אָבער דאָך נאָך געבליבען

מוטהיגע, בראַווע קעמפּפער, וועלכע בייסען די ליפּען שטילער־הייט ביז בלוט און וואַרטען אויף אַ נייעם גינסטיגען מאָמענט, ווען מען וועט ווידער קענען אַרויס אין אַן עפענטליכען קאַמפּף... זיי האָפען, אַז דער מאָמענט וועט קומען, און מיט אָט דער האָפנונג לעבען זיי...

ער איז אַזוי לאַנג געגאַנגען, ביז ער איז צוגעקומען צו זיין הויז. דער גאַראַדאָוואָי (פּאָליסמאַן), וואָס איז אויפ'ן פּאָסט געשטאַנען, האָט איהם גלייך דערקענט, און ווי פאַר אַן אמת'ן פּריץ פאַר איהם זיך געגריסט, צולייגענדיג די האַנד צום דאַשעק. דער „דוואָרניק" (דזשעניטאָר) האָט איהם אויך דערקענט און אונטערטעהניג פאַר איהם דאָס היטעל אַראָפּגענומען.

— איז די „באַריניאַ" (פּריצ'טע) אין דערהיים? — האָט ער דעם דוואָרניק געפרעגט, און נאָך איידער יענער האָט גע־ענטפערט, האָט ער זיך געלאָזט אַרויפגעהן אויף די שטיגען.

איידער ער האָט אָנגעקלונגען ביי דער טהיר, האָט ער איבער־געלעזען די קאַרד וואָס איז דאָרטען געווען צוגעקלעפּט — אַ נ־ד ר ע י ק י ר י ל י ט ש ט אַ ב אַ ל צ ע װ — און ער האָט זיך געוואונדערט, פאַרוואָס קאַטיאַ האָט נאָך ביז איצט פון דער טהיר די קאַרד ניט אַרונטערגענומען...

די דיענסט האָט איהם די טהיר געעפענט און פאַר גרויס פרייד און איבעררעשונג אַ פּאַטש געטהאָן איין האַנד אין דער אַנדערער:

— פּריץ לעבען, דאָס זיינט איהר?!

— ווער איז דאָרטען? — האָט זיך פון אַ צווייטען צימער אַ בעקאַנטע שטימע דערהערט.

— ש־ש־ש־אַ! — האָט ער אַ מאַך געטהאָן צו דער דיענסט מיט דער האַנד. — איך וועל אַליין אַריינקומען... לויפט ניט אין ערגעץ.

ער האָט אויפגעהאַנגען זיין מאַנטעל און זיך געלאָזט אַריינ־געהן אין עס־צימער.

זי האָט דערקענט זיינע טריט, האָט זי זיך געטהאָן אַ הויב

און אויסגעשטאַרט די אויגען... דער קאָפּ האָט זיך איהר אַזוי פערדרעהט, אַז זי איז שיער ניט אומגעפאַלען.

— גוט מאָרגען, קאטיא! — האָט ער געזאָגט און איז גע־בליבען שטעהן ווי אַ פערגליווערטער... גאָט, איז דאָס קאטיא?!

פאַר איהם איז געשטאַנען גאָר אַן אַנדער פרוי... עס איז גאָר אונמעגליך געווען צו דערקענען, אַז דאָס איז קאטיא. די האָר אויף איהר קאָפּ זיינען געווען גרוי, דאָס פּנים איז ביי איהר געווען געל און אין די אויגען איז קיין פונק לעבען ניט געווען...

עס האָט איהם גענומען שטיקען אין האַלז, און ניט ריידענדיג אַ וואָרט, האָט ער אויף איהר געקוקט, פונקט ווי יענער וואָס דערשיסט אין וואַלד אומגערן זיין חבר... דער גאַנצער מוטה איז פון איהם אַוועק, ווען ער האָט איהרע אויסגעלאָשענע אויגען דערזעהן... איצט האָט ער אויף קיין פאַל אפילו ניט געקענט דענקען, אַז ער איז גערעכט דערמיט, וואָס ער האָט אַזוי גע־האַנדעלט...

אינ'ם בליק פון זיינע אויגען האָט זי פערשטאַנען, אַז אין דערזעלבער צייט וואָס דאָס הארץ רייסט איהם אויף איהר קור־קענדיג, האָט ער שוין צו איהר קיין שום אינטערעס ווי צו אַ פרוי. דערפאַר האָט זי זיך שוין איהם אויפ'ן האַלז ניט געקענט וואַרפען, כאָטש פריהער, ווען זי האָט זיינע טריט דערהערט, האָט זי דאָס יאָ געפיהלט ווי צו טהאָן...

— גוט מאָרגען, — האָט זי קאַלט און מיט אַ פערשטיקטער שטימע געענטפערט, אָנהאַלטענדיג זיך ביי דער טהיר פעסט, זי זאָל ניט אומפאַלען...

ער איז אריינגעגאַנגען צו איהר אין שלאָף־צימער, וואו די קינדער זיינען געווען, און אַוועקזעצענדיג זיך ביי איהר אויפ'ן בעט, האָט ער זיך פערשטעלט דעם פּנים מיט ביידע הענד.

זי האָט זיך אויך אַוועקגעזעצט אויפ'ן בעט. אויפ'ן פלוישע־נעם ראָג האָט זיך אַדיא געשפּיעלט. דערזעהענדיג אַ פרעמדען מענשען, האָט ער זיך דערשראָקען און אַ קוק געטהאָן אויף דער

מוטער, ווי איינער רעדט: „זאָל איך אָנהויבען שרייען, אָדער צי זאָל איך גלאַט שטילערהייט אָנהויבען וויינען?"

טאַבאָלצעוו האָט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן קינד און עס האָט איהם שטאַרק פערקלעמט בײם הארצען. דאָס קינד האָט דער־פיהלט דעם ווארימען בליק און האָט ארויסגעפלאַפּעלט:

— מאַ־מאַ, אַן אָנקעל!

— דאָס איז דאָך דער פּאַפּאַ, קינדעלע... — האָט קאַטיא בלומר'שט גלייכגילטיג געזאָגט. — געה צו איהם... דאָס איז דאָך דער פּאַפּאַ...

דאָס קינד האָט קענטיג ניט געגלויבט, קיין מוטה ניט געהאַט צוצוגעהן.

— אַדיאַ!... טהייער אינגעלע מיינס, קום אהער צו מיר! — האָט טאַבאָלצעוו צערטליך געזאָגט.

אָבער דאָס קינד האָט אַלץ מורא געהאַט צוצוגעהן...

— ער דערקענט מיך ניט, — האָט טאַבאָלצעוו טרויעריג געזאָגט. און ער האָט דאָס קינד גענומען אויף די הענד און בע־דעקט דאָס קליינע פּנים'ל מיט קושען.

דאָס קינד האָט זיך נאָך מעהר דערשראָקען, אָנגעהויבען וויינען און זיך גענומען רייסען צו דער מאַמען.

טאַבאָלצעוו'ן האָט דאָס אַזוי וועה געטהאָן...

ער איז צוגעגאַנגען צום וויעגעלע, וואו דאָס קליינע מיידעלע איז געשלאָפען, זיך אָנגעבויגען און לאַנג־לאַנג געקוקט... עס איז איהם געוועזען שווער צו ריידען און נאָך שווערער צו שווייגען...

זיי זיינען ביידע אַריינגעגאַנגען אין גרויסען קאַבינעט און זיך אַוועקגעזעצט בײם טיש.

אין קאַבינעט איז געוועזען ריין און ציכטיג. אַלעס איז גע־שטאַנען אויפ'ן ריכטיגען אָרט, פּונקט ווי אין יענעם אויף דער־נאַכט, ווען ער איז פון דאַנען אַוועק און מיטגענומען מיט זיך דאָס גליק פון זיין פרוי... קיין זאַך האָט זיך דאָ ניט געענדערט. אַלעס איז געוועזען אויף דעם זעלבען פּלאַץ — די בילדער, די ביכער, אפילו דער בוך וואָס ער האָט געלעזען אין יענער נאַכט

ווען פּאַטאַפּאַוו איז אָנגעקומען, איז געלעגען אויף דעם זעלבען פּלאַץ, וואו ער האָט איהם איבערגעלאָזט...

פון די דאָזיגע קליינינקייטען האָט ער קלאָהר פערשטאַנען, אַז זי האָט איהם נאָך קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו ליעבען. און דערפון איז איהם נאָך געוואָרען אומעטהיגער אויפ'ן הארצען. אַ שרעק האָט איהם בעפאַלען.

— קאַטיא, — האָט ער זיך מיט אַ נערוועזער שטימע גע־ווענדעט צו איהר, פּאַרוואָס ביזטו קיין איין מאָל ניט געקומען אין טורמע מיך בעזוכען?

— ווייל דו האָסט מיך ניט גערופען, — האָט זי קורץ גע־ענטפערט.

— איך האָב ניט געסמעיעט דיך צו רופען, ווייל... ווייל איך האָט געמיינט אַז דו האָסט מיך...

— איך האַס דיך ניט און איך ליעב דיך ניט.. — האָט זי געענטפערט, קוקענדיג אויף איהרע הענד. — אָט דיביידע גע־פיהלען האָב איך שוין איבערגעלעבט און עס איז שוין פון זיי קיין זכר ניט געבליבען... איך בין אַ מאַמע... איך האָב קינדער.. און חוץ דעם... יאָ, חוץ דעם האָב איך אַ שוועסטער.. און קאַפּיטאַן איז מיר אַן אמת'ער גוטער פריינד..

— נו, און מיין מאַמא, קאַטיא? זי איז דיר דען ניט קיין פריינד? — האָט ער געפרעגט.

— דער מאַמען דאַנק איך זעהר... — האָט זי געענטפערט, — זי האָט מיינע קינדער פערזאָרגט, און דערפאַר בין איך איהר זעהר דאַנקבאַר... אויף צו לעבען פערדין איך אַליין... און מעגסט זיין זיכער, אַז כל זמן איך וועל לעבען, וועלען מיינע קינדער קיין הונגער ניט ליידען און ביי מיר אין הויז וועט מען זיך אין קיין זאַך ניט נויטיגען...

— דו האָסט די מאַמע מעהר ניט ליעב, קאַטיא? זאָג מיר דעם אמת.

— דאָ קען ניט זיין קיין פראַגע וועגען יאָ ליעבען אָדער ניט ליעבען, — האָט זי שטאָלץ געענטפערט, — איך פיהל בלויז,

אַז מיר זיינען זיך פרעמדע מענשען... ווען מיר בעגעגענען זיך, האָבען מיר ניט וואָס צו ריידען...

— דאָס קען ניט זיין, קאַטיאַ! די מאַמע בעדויערט דיך!...

— פאַרוואָס בעדויערט זי מיך? — האָט זי זיך בעליידיגט, — האָב איך זיך דען פאַר איהר געקלאָגט, אַז איך בין אומגליקליך? איך בעט ניט קיינעם מיך צו בעדויערען! איך וויל ניט אַז מען זאָל אויף מיר רחמנות האָבען!...

אין איהר שטאָלצער האַלטונג און איהרע פעסטע ווערטער האָט ער ווידער דערקענט זיין קאַטיאַ'ן, און די ליידענשאַפט צו איהר האָט ווידער ערוואַכט...

— קאַטיאַ! — האָט ער נאָך אַ קורצען שווייגען געזאָגט, — אפשר ווילסטו אַ גט?

— צו וואָס? — האָט זי אויף איהם מיט די צוויי גרויסע אויגען אַ קוק געטהאָן, — איך וויל ניט קיין גט... נור אויב דו ווילסט יאָ, דאַרפסטו בלויז זאָגען איין וואָרט...

— דו האָסט מיך ניט פערשטאַנען, קאַטיאַ! — האָט ער זיך אַ הויב געטהאָן פון'ם שטוהל. — געשיקט זיך, אַז דיר פאַלט איין, אַז איך קען נאָך אַמאָל חתונה האָבען, קאַטיושאַ? זעהסטו דען ניט, אַז איך בין גליקליך מיט דעם, וואָס דו האָסט זיך ניט אין גאַנצען דערווייטערט פון מיר, וואָס דו קוקסט ניט אויף מיר ווי אויף אַ שונא!

זי האָט געשוויגען.

— פאַר מיר, אַנדרעי, זאָלסטו זיך גאָר ניט זאָרגען, — האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט, — מיין ווייטערדיגער וועג אין לעבען איז פאַר מיר קלאָר ווי דער טאָג... ליעב האָט מען בלויז איין מאָל אין לעבען. און אַזעלכע פרויען ווי איך האָבען צוויי מאָל ניט חתונה?... און צו וואָס זאָל איך דיך אָבשיידען פון די קינדער? וואָס ס'זאָל ניט זיין — אַ טאַטע ביזטו דאָך... די קינדער זיינען דיינע...

ער האָט זיך ווידער אָוועקגעזעצט לעבען איהר. זיינע קניע האָבען זיך אָן איהר אָנגעריהרט, און ער האָט דערפיהלט

א שטאַרקען חשק אָנצונעהמען איהרע הענד און צוטראָגען צו די ליפּען; ער האָט אויך געפיהלט א שטאַרקען חשק צו נעהמען איהר אויף די קניע און מיט איהר צוזאַמען בעווייגען דאָס פערלאָרענע לעבען, דאָס צושטערטע גליק. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער גוט פערשטאַנען, אז דאָס איז אונמעגליך... אזא זאַך וואָלט מעגליך געווען מיט ליזא׳ן, מיט סאָניא׳ן, אָבער ניט מיט איהר, מיט קאַטיא׳ן, וועמענס שטאָלץ קיין זאַך אין דער וועלט קען ניט בויגען...

— קאַטיא דו ביזט גערעכט! — האָט ער איהר געזאָגט. — בלויז איין מאָל אין לעבען האָט מען ליעב... זיך פאַרליעבען, זוכען די געלעגענהייטען זיך צו פערליעבען, און אויך בעגעהן נאַרישקייטען — דאָס קען מען א סך מאָל. אָבער אמת ליעב האָבען — דאָס קען מען בלויז איין מאָל אין לעבען... ערשט איצט פיהל איך דאָס... קאַטיא, איך וויל ביי דיר ניט בעטען, אז דו זאָלסט מיר פערגעבען... איך האָב געהאַנדעלט לויט מיינע פּרינציפּען איך וויל אויך ניט צוגעבען בשום אופן, אז איך בין שולדיג... שכל און געפיהל זיינען צוויי גאַנץ בעזונדערע זאַכען... מיין הארץ, מיין געפיהל בעלאַנגט צו דיר, קאַטיא, פּונקט ווי פריהער... גלויב מיר, אז איך זאָג דאָס וואָס איך מיין... איך האָב דיך ליעב כאָטש דו ביזט שוין גרוי און אָבגעלעבט... דו ביזט קראַנק און דאָך שטאָלץ... אין דיינע אויגען איז שוין דער פונק פון לעבען אויסגעלאָשען, און דאָך ביזטו א פּערזענליכקייט, א מענש מיט א שטאַרקען, פעסטען כאַראַקטער... און איך ווייס, אז דו וועסט מיר קיינמאָל ניט פערגעבען...

— ווי קען איך דיר פערגעבען, אז דו גיסט ניט צו, אז דו האָסט געגען מיר שלעכט געהאַנדעלט? — האָט זי איהם איבערגעשלאָגען.

— קאַטיא! — האָט ער מיט א ווייכען טאָן אָנגעהויבען, — איך בין געקומען איצט צו דיר מיט א בעשטימטען ציעל. מיר שטעהט איצט פאָר פערשיקט צו ווערען קיין סיביר אויף ניט ווייניגער ווי פינף יאָהר... ווען דו וואָלסט געהאַט די זעלבע מיי־

נונגען וואָס איך, וואָלט איך דיך געבעטען, אַז דו זאָלסט מיר נאָכפאָהרען נאָך סיביר.. ליידער ביזטו אַנאַנדער מענש... וויל איך דיך בעטען אַז דו זאָלסט מיט מיר אוועקפאָהרען... די מאַמע וועט אויך קומען צו אונז. מיר וועלען דאָרטען זיין צוזאַמען, און עס קען זיין, אַז דאָרטען זאָל זיך ביי אונז אָנהויבען אַ שפּאָגעל ניי לעבען... קאַטיאַ, איך בעט דיך, פאָהר מיט מיר אוועק.

— וואוהין, — האָט זי איהם מיט די צוויי גרויסע אויגען געגעבען אַ מעסט אָב.

— קיין אויסלאַנד...

— אָבער... אַנדרעי, דו האָסט דאָך קיין רעכט ניט אוועקצר־פאָהרען.. דיין פּראָצעס איז דאָך נאָך ניט געווען...

ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

— נאָכ'ן פּראָצעס וועט זיין צו שפּעט... איך וויל אַנט־לויפען, ווייל דאָס לעבען איז צו קורץ און אוועקגעבען פינף יאָהר אין סיביר לוינט זיך מיר ניט...

— ווּעסטו, הייסט עס, ווערען אַזאַ ווי דיין פריינד פּאָטאַ־פּאָוו, האַ? קומען צוריק קיין רוסלאַנד אונטער דיין אייגענעם נאָמען ווּעסטו מעהר ניט קענען?

— נו, איז וואָס? וועל איך קומען אונטער אַ פרעמדען נאָמען... דו מיינסט אַז דאָס איז אַזוי געפעהרליך?

זי האָט ניט געקענט ענטפערען באַלד, ווייל עס האָט זי גע־וואָרפען אין קעלט און אין היץ. האַסטיג און נערוועז האָט זי זיך דעם שטערן געריבען, ווי פאַר איהר וואָלט עפּעס ניט אין גאַנצען קלאָר געווען. דערנאָך האָט זי איהם ערנסט געפרעגט:

— אַנדרעי, ביזטו נאָך אַלץ דער זעלבער וואָס פריהער?

ער האָט געשוויגען.

— הער מיך אויס, אַנדרעי! — האָט זי אַ זאָג געטהאָן קוקענדיג אויף איהם דורכדרינגענד. — פון יענער נאַכט אָן זינט דו ביזט אוועק, האָב איך אויף דיר געוואַרט... דאָס האַרץ האָט זיך ענטזאָגט צו גלויבען אַזאַ געמיינהייט... דו פיהלסט דאָך אַליין, אַז דו האָסט מיין לעבען צושטערט... אַ יאָ?... מיין ליעבע

צו דיר האָט לאַנג געלעבט... און קוק ניט דארויף, וואָס איך האָב גערעדט צו סאָניא'ן וועגן דיר... געפיהלט האָב איך גאָר אַנ־דערש... די גאַנצע צייט האָב איך געוואַרט, אַז דו זאָלסט קומען צוריק... און דערנאָך, ווען מען האָט דיך ארעסטירט, האָב איך זיך די אויגען אויסגעקוקט צו קריגען אַ בריוועלע פון דיר... אַלעס וואָס דו האָסט מיר איבערגעגעבען מיט סאָניא'ן און מיט דער מאַמען איז מיר אין אויער אריין און דורכ'ן אַנדערען ארויס... פון דיר אַליין האָב איך געוואָלט הערען אָדער זעהן איין וואָרט: „פערגיב". ווען איך הער פון דיר אָט דאָס איינציגע וואָרט, וואָלט איך דיר אַלעס פערגעבען... איך וואָלט פערגעסען אָן אַלע שרעקליכע ליידען, וואָס דו האָסט מיר פערשאַפט. איך וואָלט פערגעסען, אַז איך בין גרוי געוואָרען איבער דיר... און אָט דאָס וואָרט האָב איך נאָך פון דיר ביז איצט ניט געהערט.

— אָט דאָס וואָרט קען איך ניט זאָגען, קאַטיא, — האָט ער געענטפערט בייסענדיג די אונטערשטע ליפּ. קיין ליגען זאָגען קען איך ניט. איך בלייב נאָך אַלץ ביי מיין מיינונג, אַז מיין לעבען בעלאַנגט אין גאַנצען צו מיר...

— אין גאַנצען צו דיר? צו דיר? נו און צו מיר, דיין פרוי? און צו דיינע קינדער? אויב דו קענסט ניט איבעררייסען די בעציהונגען מיט דיינע פריינד, וועלכע האָבען דיך שיער צו דער תליה ניט געבראַכט, דאַן האָבען מיר ניט וואָס צו ריידען... די אַלע גוטע פריינד דיינע זיינען קיין מענשען ניט, נור רוצחים... וואָס פאַר אַ רעכט האָבען זיי געהאַט צו ריזיקירען מיט דיין לעבען און מיט נאָך צעהנדליגע אַנדערע לעבענס? וואָס פאַר אַ רעכט האָבען זיי געהאַט צוצונעהמען דיך פון מיר און פון די קינדער?

— ניט זיי האָבען דאָס געטהאָן, — האָט ער געענטפערט.

— איך האָב אַליין מיין וועג אויסגעקליבען...

זי איז צוגעגאַנגען צו איהם נאָהענט.

— אַנדרעי, — האָט זי געזאָגט, — ענטפער מיר בלויז איינס: קענסטו מיר צוזאָגען, אַז ווען דו וועסט מיט מיר אַ

ניי לעבען אָנהויבען צו פיהרען, וועסטו איבעררייסען די בעצי־הונגען מיט די אַלע גוטע פריינד דיינע און זיין אַ גוטער איבער־געגעבענער פאַמיליען־מאַן? אָבער בעדענק זיך גוט איידער דו ענטפערסט! מיר ריידען איצט ביידע דאָס לעצטע מאָל... עס קען זיין, אַז דאַן, מיט אַ יאָהר צוריק, האָסטו אויף דער הייסער מינוט געקענט פועל׳ן ביי זיך מיך צו פערלאָזען... אָבער איצטער וויל איך הערען פון די קלאָהרע ווערטער!... און מיין ניט, אַנדרעי, אַז מיך שרעקט סיביר... איך בין גרייט צו לאָזען די קינדער ביי קאַפּיטאַן׳ען, כאָטש עס איז מיר שרעקליך שווער מיט זיי זיך צו שיידען... איך בין גרייט דיר נאָכצופאָהרען קיין סיביר, וואוהין מען וועט דיך פערשיקען, אפילו אין׳ם פערוואָרפענסטען געגענד, אבי איך זאָל זיין זיכער אין דעם, אַז דו האָסט מיך ליעב, אַז איך בין ביי דיר דאָס גאַנצע לעבען, אַז אָהן מיר קענסטו זיך ניט בעגעהן, פּונקט אַזוי ווי די קינדער קענען זיך אָהן מיר ניט בעגעהן... פריהער פון אַלץ וויל איך, פאָדער איך, אַז אין דעם נייעם לעבען אין אויסלאַנד זאָלסטו זיין אין גאַנצען נור מיינער... איך האָב אָבער מורא, אַז דו וועסט דאָס ניט קענען... אין אויס־לאַנד וועל איך זיין עלענד און דו וועסט מיך דאַרטען ווידער פּלאַגען... וויל איך, אַנדרעי, אַז דו זאָלסט מיר ענטפערען: קענסטו מיר געבען דיין וואָרט, אַז דו וועסט איבעררייסען די בעציהונגען מיט אַלע דיינע גוטע פריינד און לעבען בלויז פאַר מיר און פאַר די קינדער?

— ניין, קאַטיא!... דאָס קען איך ניט! — האָט ער גע־ענטפערט פעסט און זיך אויפגעהויבען.

זי האָט מיט איין האַנד אַ פיהר געטהאָן איבער די אויגען.

— אויב אַזוי האָבען מיר מעהר ניט וואָס צו ריידען.

ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון הויז, האָט ער געהאַט דאָס געפיהל ווי ער וואָלט דאַרטען אינעווייניג איבערגעלאָזט דאָס בעסטע, דאָס טייערסטע, וואָס ער וועט שוין קיינמאָל אין לעבען ניט האָבען. — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

פארנאכט איז טאבאָלצעוו געזעסען ביי זיין מוטער, ביי וועמען ער האָט זיך די לעצטע צייט אויפגעהאלטען.

מאמא, — האָט ער צו איהר זיך געווענדעט מיט א פראגע,

— ווען איז קאטיא גרוי געוואָרען?

— שוין לאנג, אנדריושא, — האָט זי געענטפערט. — נאָך דאן ווען עס האָט זיך געהאט פערשפרייט א קלאנג, אז מען וועט דיך דערשיסען...

זיי זיינען ביידע לאנג געזעסען איינער לעבען אנדערען און געשוויגען קוקענדיג ווי דאָס האָלץ ברענט אוים אין קאמין. טאַבאָלצעוו האָט געקלערט: „דאָס פאמיליען־לעבען אין היינטיגע צייטען קען ניט זיין גוט, ווייל דאָס איז דער גייסט פון דער צייט... וואָרים עס קען זיין, אז ווען ער וואָלט מיט קאטיא׳ן חתונה געהאט מיט צעהן אָדער מיט פופצעהן יאָהר צוריק, וואָלט געווען אנדערש...“

— אנדריושא, — האָט איהם די מאמע איבערגעשלאָגען די געדאנקען, — פארוואָס וויל קאטיא מיט דיר ניט פאָהרען קיין אויסלאנד?

— ווייל זי איז ניט קיין נאר, מאמעניו, — האָט ער געענטפערט. — וואָס וועט זי דאָרטען טהאָן? איך וועל דאָרטען ניט ווערען קיין אנדערער און זי וועט דאָרטען אויך ניט ווערען קיין אנדערע... ווען זי וואָלט מיט מיר יאָ געפאָהרען, וואָלט איך איהר אויסער צרות גאָר ניט פערשאפט...

— און דו האָסט גאָר קיין רחמנות ניט אויף איהר, אנדריושא?

— פארוואָס דענקסטו אזוי, מאמע?

ער האָט נאָך געוואָלט עפעס זאָגען, אָבער די ווערטער זיינען ביי איהם אין האלז דערשטיקט געוואָרען. ער האָט זיך דאָס פּנים מיט ביידע הענד פערשטעלט...

אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט ווי די אלטע מאדאם טאבאָלצעווא וויינט.

— וויין ניט, מאמע, — האָט ער געפּרואווט זי בערוהיגען,

— היט אָב דיינע כחות, ווייל דו דאַרפסט מיר נאָך אַרויסהעלפען אַ סך, זעהר אַ סך... און ווער דען וועט מיר אַרויסהעלפען ווי אַן אמת׳ער פריינד אויב ניט דו?... מאַמע, איך מוז דיר זאָגען, אַז ווען איך וועל אַוועקפאָהרען, וועט דאָ בלייבען איין מענש, וועמען איך בין דאַנקבאַר, צו וועמען איך בין פערפליכטעט נאָך מעהר ווי צו מיין פרוי...

די מוטער האָט אויפגעהערט וויינען און דורכדרינגענד אויף איהם אַ קוק געטהאָן.

— וואָס מיינסטו דערמיט, אַנדריושאַ?

— דו ווייסט ניט, מאַמע, וואָס פאַר אַ שרעקליכע נאַכט איך האָב איבערגעלעבט דאַן ווען סטיאָפּושקאַ איז דער׳הרג׳עט גע־וואָרען!... איך האָב זיך ניט געהאַט וואו אַהינצוטהאָן, ווייל מען האָט זיך נאָך מיר געיאָגט ווי נאָך אַ חיה... און אין יענער נאַכט האָט מיך סאָניאַ אַריינגענומען צו זיך... זי האָט מיך פונ׳ם טויט געראַטעוועט... פון איין זייט האָט אויף מיר דער שרעקליכער טויט געלויערט און פון דער אַנדערער זייט האָט מיך געמאַניעט און גערייצט דאָס לעבען... אַ גאַנצע וואָך בין איך ביי איהר אין הויז געוועזען ביז די וואונד האָט זיך פערהיילט. זי האָט פאַר מיר אַ לייטישען אַנצוג דערנאָך געקראָגען, כדי איך זאָל דאָס פנים קענען ווייזען אין גאַס... און דו ווייסט, אַז ווען ניט זי, ווען מען וואָלט מיך געוועזען אַרעסטירט פריהער אין די קליידער, וואָס איך האָב געטראָגען, וואָלט דאָס געוועזען אַ בעוויז, אַז איך האָב זיך אינ׳ם בעוואָפענטען אויפשטאַנד בעטהייליגט, און דאַן וואָלט מען מיך זיכער געוועזען דערשאָסען... איך האָב איהר אַלזאָ צו פער־דאַנקען, וואָס איך בין לעבען געבליבען... מאַמע, דו ווייסט דאָך, אַז סאָניאַ האָט געבאָרען אַ מיידעלע... דאָס בין איך דער פאָטער פון דעם קינד. — — — — — — — — — — — — — — — —

די מוטער האָט מיט׳ן גאַנצען קערפּער אַ ציטער געטהאָן. זי האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ. איהרע הענד זיינען מאַכטלאָז אַרונטערגעפאַלען אויף די קניע, און זי האָט קיין איין און איינציג וואָרט ניט געקענט אַרויסריידען.

— און מיין ניט, מאמע, — האָט ער ווייטער גערעדט, אַז איך וויל זיך פאַר דיר פערענטפערען... ניין, מאַמע, אין אַזעלכע פראַגען בין איך איבער זיך אליין דער ריכטער. איך וויל אָבער, אַז אָט דער סוד זאָל בלייבען בלויז צווישען אונז דריי — איך, דו און סאָניאַ... סאָניאַ איז צו אַנשטענדיג, אַז זי זאָל אומברענגען פון דער וועלט איהר שוועסטער מיט אָפענהערציגקייט... זי איז אויך ניט אַזאַ פרוי, וואָס זאָל מיך פערפליכטען, אָדער האָבען טענות צו מיר... איך בין נור וואָס געוועזן ביי איהר... הייסען הייסט עס, אַז טשערנאָוו איז דער פאָטער פון דעם קינד... ביז דער לעצטער מינוט איז ער געוועזן זיכער, אַז דאָס קינד איז זיינס, און מיט דעם בעוואוסטזיין איז ער געשטאָרבען... אַזוי הייסט עס, איז אַרום און אַלעס גלאַטיג... בעט איך דיך, מאַמע, אַז דו זאָלסט צו סאָניאַ'ן זיין גוט! זי איז איצט אַן אלמנה... זי איז עלענד, און דיין פריינדשאַפט וועט ביי איהר זיין שטאַרק אָנגעלעגט... און גלויב מיר, מאַמעניו, אַז אין מיינע בעציהונגען צו איהר איז געוועזן דער שעהנסטער אמת, דאָס לעבען אליין, און זי פערדיענט, אַז איך זאָל איהר דאַנקבאַר זיין...

ער איז אויפגעשטאַנען און זי אַ קוש געטהאָן אין דער האַנד.

— איך דאַנק דיר, מאַמע, פאַר דעם געלד וואָס דו גיסט מיר אַוועקצופאָהרען קיין אויסלאַנד. איך וועל נעהמען בלויז אַזוי פיעל וויפיעל עס איז נויטיג. איך בעט דיך אָבער, מאַמע, אַז דו זאָלסט פערזאָרגען כאָטש מיט אַ קליינעם קאַפּיטאַל סאָניאַ'ס קינד... אַנדערש וועל איך ניט קענען זיין רוהיג... און נאָך אַ בקשה האָב איך צו דיר, מאַמעניו! ווען דו וועסט אַרויספאָהרען צו מיר קיין אויסלאַנד זאָלסטו וויערא איוואַנאָוונאַ'ס קינדער איבערלאָזען ביי קאַפּיטאַן'ען. וויערא'ן פערשיקט מען קיין סיביר און די קינדער איהרע וועלען נעבאַך ניט האָבען וואו צו זיין... קאַפּיטאַן איז אַ גוטער מענש. איך האָב זיך אין דעם איבערציינגט. איך האָב איהם ליעב כאָטש ער איז אויף מיר שטאַרק ברוגז און האַסט מיך...

עס איז ווידער געוואָרען שטיל. טאַבאַלצעוו האָט זיך אַ פערטראַכטער ארומגעדרעהט איבער'ן צימער, און די אַלטע מוטער האָט שטיל געוויינט.

— פאַר וואָס וויינסטו, מאַמע? — האָט ער זי צערטליך געפרעגט.

— ווייל איך האָב רחמנות אויף קאַטיאַ'ן... איך בעדויער איהר גליק וואָס איז אַזוי שנעל צושטערט געוואָרען, — האָט זי געענטפערט דורך טרעהרען. — דוכט זיך ערשט ניט לאַנג האָט איהר חתונה געהאַט... געווען אַ זון און איז אויסגעלאָשען געוואָרען... אַנדריושאַ, זוהן מיינער... פאַרוואָס איז אַזוי שטאַרק פינסטער ארום און אַרום? פאַרוואָס האָט גאָט קאַטיאַ'ן אַזוי געשטראָפט? זי איז דאָך אַן אמת'ע איבערגעגעבענע פרוי און אַן אויסגעצייכענט גוטע מאַמע!... און צום סוף האָסטו גאָר רחמנות אויף סאָניאַ'ן און ניט אויף איהר... מיט יאָהרען צוריק האָבען מיר פרויען אונזערע לעבענס אוועקגעגעבען פאַר די קינדער און קיינער האָט דאַרויף ניט געקוקט קרום... איצט איז גאָר אַ חסרון ווען אַ מאַמע איז צופיעל צו איהרע קינדער איבערגעגעבען... איבער דעם וואָס אַ מאַמע איז צופיעל איבערגעגעבען צו איהרע קינדער, געהט דער מאַן פון איהר אוועק... וואָס פאַר אַ וועלט איז דאָס היינט? מאַמעס לאָזען איבער זייערע קינדער אויף הפקר און גיבען זיך מיט לייב און לעבען אָב דער בעוועגונג... דו, אַנדריושאַ, האָסט פאַר מיר אַ סך זאַכען קלאָהר געמאַכט. ערקלעהר זשע מיר, איך בעט דיך, וואָס פאַר אַ וועלט איז איצט?

טאַבאַלצעוו האָט זיך אוועקגעשטעלט לעבען ליזאַ'ס גרויסען פאָרטרעט, לאַנג געקוקט און דערנאָך צוגעגאַנגען צו דער מוטער און צערטליך ארויפגעלעגט ביידע הענד אויף איהרע אַקסלען.

— מאַמע, — האָט ער ליעבליך געזאָגט, — די איצטיגע וועלט איז אַן איבערגאַנג... אַלטע געטער ווערען צושמעטערט און נייע פערנעהמען זייער פּלאַץ... די מענשען, וועלכע קענען זיך מיט די אַלטע געטער ניט שיידען, מוזען ליידען און אומקומען ליידענדיג... דאָס פאַמיליען־לעבען איז אַמאָל געווען אַ היילינגע

נעסט; אין דער דאָזיגער נעסט איז געווען אַ סך שעהנקייט און פּאָעזיע. אָבער מיט יאָהרען שפּעטער וועט דאָס פאַמיליען־לעבען זיין אַנדערש... עס וועט ניט זיין קיין נעסט, נור אַ פרייע וועלט פון שעהנקייט און גענוס... איך האָב דעם גרעסטען רעספּעקט פאַר אַן איבערגעגעבענער מאַמע, ביי וועמען די קינדער זיינען דאָס גאַנצע לעבען... אָבער לאָמיר זיך ניט נאַרען! ווער קען וויסען, צי אַזוי דאַרף דאָס טאַקע זיין? עס איז דאָך זעהר מעג־ליך, אַז מיינע קינדער, אויף וועמען קאַטיאַ פּאַסט אַזוי גוט אויף, זאָלען אויסוואַקסען מיאוס׳ע עגאָאיסטען, וועלכע וועלען בלויז זיך אַליין ליעב האָבען. און דוקא דער בעזסאָנאָוואַ׳ס קינדער — קינדער פון אַ מוטער, וועלכע האָט זיך מקריב געווען ניט פאַר זיי, נור פאַר אַ אידעאַל — זאָלען אויסוואַקסען גרויסע ליכטיגע העל־דען, וועלכע וועלען העלפען בויען די נייע ליכטיגע וועלט... איך אַליין בין ניט קיין העלד... איך האָב אַלעם געטהאָן בלויז ווייל איך האָב אין דעם געזעהן די שעהנקייט... די נעסט איז פאַר מיר אַ שטייג! איך מוז אַלע מאָל זיין — איך! פאַר מיר איז די אַלטע וועלט געשטאָרבען און די נייע וועלט ציהט מיך מיט איהר ליכטיגען צויבער... מיין לעבען מיט קאַטיאַ׳ן איז געווען אַ צוזאַמענשטויס צווישען דער אַלטע, און איך האָב פעסט פערטהיידיגט דאָס נייע... איצט איז אַן איבערגאַנגס־צייט און מיר אַלע זיינען די קרבנות פון דער דאָזיגער איבערגאַנגס־צייט... איצט איז נאָך פינסטער, אָבער איך גלויב, אַז אַ נייע צייט קומט אָן — אַ צייט פול מיט ליכטיגקייט און זון... גלויב, מאַמע, אין דער נייער צייט אַזוי ווי איך, און וויים, אַז אָט די אַלע קרבנות מוזען זיין ווען עס קומט פאַר אַ קאַמפּף צווישען צוויי וועלטען...

אין צימער איז געווען פינסטער. אַ געהיימע שטילקייט האָט זיך אין דער פינסטערניס געטראָגען ווען טאַבאָלצעוו האָט אויפגעהערט ריידען. שטיל איז ער צוגעגאַנגען צו ליזאַ׳ס פאַר־טרעט, אָבגעפרעסט אַ צערטליכען קוש, דערנאָך צוגעגאַנגען צו דער מוטער און אַ פאַל געטהאָן פאַר איהר אויף די קניע:

— זיי געזונד, מאַמע... זיי געזונד! איך פאָהר...
— פאָהר, מיין קינד, געזונטערהייט, — האָט זי שטיל גע־ענטפערט אַ קוש טהוענדיג איהם אין קאָפּ, און טרעהרען האָבען זיך פון איהרע אויגען געגאָסען...

איין און פערציגסטער קאַפּיטעל

עס איז געווען אַ קאַלטער ווינטער אבענד, ווען טאַבאַלצעוו האָט זיך אין וועג אריין געקליבען. זיינע זאַכען זיינען שוין געווען איינגעפּאַקט, אַ פּאַספּאָרט אויף אַ פרעמדען נאָמען האָט ער שוין געהאַט. אַלעס איז שוין געווען פאַרטיג. מיט דער מוטער האָט ער זיך שוין אויך געהאַט געזעגענט און איהר צו־געזאָגט, אַז ווי ער וועט נור אָנקומען קיין אויסלאַנד, וועט ער איהר גלייך לאָזען וויסען וועגען דעם.

אין די גאַסען איז שוין געווען שטיל ווען טאַבאַלצעוו איז ארויסגעגאַנגען. אַ קאַלטער ווינד האָט געבלאָזען און אונטער די פיס האָט דער שנעע געסקריפּעט. פון דער ווייטענס האָט זיך פון צייט צו צייט געהערט דאַס קלינגען פון קליינינקע גלעקעלאַך.

„ווי שעהן דער רוסישער ווינטער איז!“ — האָט זיך טאַ־באַלצעוו געקלערט. און מיט אַמאָל איז איהם געוואָרען אַזוי אומעטיג אויפ'ן הארצען, אַז ער האָט איינפאַך געפיהלט ווי אַ שווער געפיהל נאָגט און נאָגט און לאָזט איהם ניט רוהען.

אין דער מינוט האָט אַ מורא איהם בעפאַלען פון דעם גע־דאַנק, אַז עס איז זעהר מעגליך דאָס ער זאָל מעהר דעם רו־סישען ווינטער ניט זעהן...

אודאי... עס איז דאָך זעהר מעגליך... אין אַ פרעמדער מדינה, צווישען ווילד פרעמדע מענשען, וועט ער זיין פערוואָרפען פון אַלע זיינע בעסטע פריינד, פון זיין מוטער, וועלכע ער האָט אַזוי ליעב, פון דער ארבייט, וועלכע איז איהם זעהר טהייער, און פון

זיין פאמיליע, מיט וועמען ער האט שוין אלע בעציהונגען איבער־געריסען, און דאך ניט אויפגעגעבען די האפנונג צו זיין נאהענט לעבען איהר...

איהם אליין איז דאך אויסגעקומען מאדנע: ער פאהרט דאך ארויס פון רוסלאנד שוין ניט דאס ערשטע מאל, אבער נאך קיינמאל האט איהם ניט אזוי באנג געטהאן דאס לאנד צו פער־לאזען ווי איצט... ווען ער איז דאס ערשטע מאל פון רוסלאנד ארויסגעפאהרען, האט איהם דאס נייע לעבען אין אויסלאנד גע־צויגען און געמאניעט. ער איז דאן געווען נייגעריג צו זעהן און הערען אזעלכע זאכען, וואס זיינען פאר איהם געווען פרעמד און אונבעקאנט... דאן איז ער ארויסגעפאהרען ווי א רייזענדער, איצט אבער וועט איהם אויסקומען צו פאהרען ווי אן אימיגראנט, ווי א וואנדערער, וועלכער האט קיין אנדער ברירה ניט...

ער האט געהאט דעם זעלבען געפיהל ווי א קינד, וואס איז געצוואונגען זיך צו שיידען מיט דער מאמען און זיך אוועקלאזען אין א ווייטען וועג...

פאר איהם אליין איז דאס געווען א גרויסע איבערראשונג. וואָרים ער האט זיך גאר ניט געריכט, אז ער זאל זיין אזוי סענ־טימענטאל אין אזעלכע זאכען. ער האט שוין גאר געהאט גע־מיינט, אז ער איז מעהר אייראפעער ווי רוס. און מיט אמאל גאר איז איהם אזוי שווער אויפ'ן הארצען ווען ער דארף ארויס־פאהרען פון רוסלאנד אין דער ברייטער ציוויליזירטער אייראפא...

נאך מעהר, ער האט גוט געוואוסט, אז וואוהין ער וועט ניט קומען, וועט ער ניט פערפאלען ווערען; אז אומעטום וועט ער געפינען פריינד, וועלכע וועלען איהם שטארק אינטערעסירען; ער איז אויך געווען זיכער, אז אומעטום וועלען זיך ארום איהם דרעהען שעהנע פרויען, וועלכע וועלען זוכען און גארען נאך זיין ליעבע און נאך דעם פערגעניגען, וואס ער קען זיי געבען...

און דאך...

דאך — „ווי פערלאזט מען דאס רוסלאנד אויף שטענדיג?!"

געהענדיג אזוי איז איהם איינגעפאלען, אז אייגענטליך טהוט

ער אַ גרויסע נאַרישקייט דערמיט, וואָס ער פאַהרט שוין אַוועק... וואָרים וואָס איז דאָ אַזוי די איילעניש? דער פּראָצעס דאַרף דאָך זיין ערשט מיט אַ פּאָר וואָכען שפּעטער, טו וואָס זשע דאַרף ער זיך דאָ אַזוי איילען? קען ער דען ניט אַנטלויפען אַ פּאָר טעג פאַר׳ן פּראָצעס? אודאי קען ער... און דערוייל וועט ער האָבען אַ געלעגענהייט צו זיין אין רוסלאַנד נאָך אַ שטיקעל צייט... פאַרוואָס זאָל ער פערלירען אַזאַ פערגעניגען, וואָס ער וועט שוין אפשר קיינמאָל ניט האָבען?...

די אַלע איבערלעבונגען, וועלכע האָבען איהם פאַר דער לעצטער צייט פערשאַפט אַזוי פיעל פערגעניגען און ליידען... וועגען ליזאַ׳ן, ווי זי האָט זיך פער׳סם׳ט און מיטגענומען דעם סוד אין קבר אריין... ער האָט זיך איצט דערמאָנט אָן סאָניאַ׳ן און אָן דעם קינד, וואָס זי האָט פון איהם געבוירען... און ער האָט זיך אויך דערמאָנט אָן קאַטיאַ׳ן און אָן זיינע צוויי קינדער, וואָס זי האָט איהם געבוירען...

„דאָס זיינען דאָך ניט קיין צופעליגע ראָמאַנען, וועלכע פערשווינדען שנעל, נור גאַנצע שטיקער לעבען... אינטערעסאַנטע קאַפּיטלעך פון די בעסטע און שעהנסטע יאָהרען...“ אַזוי האָט ער זיך געקלערט, און אין קאָפּ האָט עס איהם אַזוי געהוזשעט און געטומעלט, אַז ער האָט ניט געוואוסט וואָס עס טהוט זיך מיט איהם...

ער איז מיעד געוואָרען, איז ער אריינגעגאַנגען אין אַ קאַפּעהויז און זיך געהייסען דערלאַנגען אַ שוואַרצע גלאָז קאַפּע.

אַ גוטע שטונדע איז ער איבער דער גלאָז קאַפּע געזעסען, אויסגערויכערט דערביי עטליכע פּאַפּיראָסען און אַ סיגאַר. דערנאָך איז ער ווידער אַרויס אין גאַס, און אַליין ניט געוואוסט וואוהין ער זאָל געהן...

— — — — — — — — — — — — — — — —

עס איז שוין געווען בלוי אין די פענסטער ווען ער איז צוריק אַהיים געקומען. שטיל האָט ער ביי דער טהיר אָנגעקלונגען, און ווען די אַלטע דיענסט האָט איהם די טהיר גע־

עפענט, האָט ער איהר געהייסען שווייגען און אויף די שפּיץ פינגער איז ער אַריינגעגאַנגען אין דעם צימער, וואו ער איז די לעצטע עטליכע נעכט געשלאָפען.

ער האָט ניט געוואָלט אַז זיין מוטער זאָל איהם איצטער זעהן... וואָס וואָלט ער איהר טאַקע געזאָגט, ווען זי וואָלט פּלוצלינג פון איהר צימער אַרויסגעגאַנגען און אַזוי אַ פרעג געטהאָן:

— אַנדריושאַ, דו ביזט ניט געפאָרען?...

שלאָפען האָט ער ניט געקענט. די אויגען אויסגעשטאַרט אין דער דונקעלהייט האָט ער געהאַלטען אין איין קוקען אויף די וואנד און אויף דער סטעליע און דערביי האָט ער אַליין ניט געקענט נאָכפאָלגען דעם לויף פון די געדאַנקען, וואָס האָבען זיך אין זיין מוח געיאָגט...

בלאַס ווי די וואַנד און מיט בלויע צייכענס אונטער די אויגען איז ער געבליבען שטעהן אין דער פריה, ווען זיין מוטער האָט איהם דערזעהן...

— אַנדריושאַ, — האָט זי אויף איהם פערוואונדערט אַ קוק געטהאָן, — דו ביזט גאָר דאָ?...

— פרעג מיך גאָר ניט, מאַמע, — האָט ער איהר שטיל געענטפערט. — איך קען איצט גאָר ניט ריידען און גאָר ניט זאָגען...

ביים פריהשטיק איז ער אויך לאַנג געזעסען אַ פערטראַכטער, געגעסען אָהן חשק אָן עפּעס אַזוי ווי פער'עקשן'ט אין איין פינטעל געקוקט. די אַלטע מוטער איז אויף אַ שטוהל אַנטקעגען איהם געזעסען, נאָכגעפאָלגט יעדע בעוועגונג זיינע, געוואָלט עפּעס זאָגען און ניט געוואוסט וואָס. ביידע זיינען זיי אַזוי לאַנג געזעסען און געשוויגען, ווי זיי וואָלטען מורא געהאַט מיט אַ מינדעסט וואָרט אַ טיעפען וועהטאָג אָנצוריהרען.

טאַבאַלצעוו איז געווען מיעד און אויסגעמאַטערט פון דער נאַכט און עס האָט איהם געצויגען צום בעט זיך אויסצורוהען. דאָך האָט ער זיך נאָכ'ן עסען אַ שטיק צייט אַרומגעדרעהט הין

און הער, געריוכערט אַ סך, די נעגעל זיך געביסען און נערוועז זיך דעם גרויסען שטערן געריבען...

— מאַמע, — האָט ער עפּעס ווי פון דער העלער הויט אַ פרעג געטהאָן, — וואָלסטו געוואָלט, אַז איך זאָל ניט פאָהרען קיין אויסלאַנד און זיך לאָזען פערשיקען קיין סיביר?...

— אָבער זוהן מיינער! — האָט זי אויף איהם ניט אָהן שרעק די אויגען אָנגעשטעלט, מען וועט דיך דאָך פערשיקען אויף עטליכע יאָהר! ווי וועסטו דאָס אריבערטראָגען?!

— שרעק זיך ניט, מאַמע, — האָט ער זי בערוהיגט, — קיין סיביר וועל איך ניט געהן, ווייל מיין פרייהייט איז ביי מיר טהייערער ווי אַלעס אין דער וועלט. צוליעב מיין פרייהייט האָב איך מיין פאַמיליע צובראָכען... צוליעב מיין פרייהייט האָב איך זיך פון קיינעם ניט געלאָזט בעהערשען... איך האָב דאָס געפרעגט גלאַט אזוי...

ער איז שטיל געבליבען. און אין אַ ווייל אַרום האָט ער זיך ווייטער אָנגערופען:

— צוליעב פרייהייט מוז מען אַמאָל מקריב זיין די שעהנסטע געפיהלען, אפילו די ליעבע צו אַ פרוי און אויך די ליעבע צו דער היימאַט... דו ווייסט, איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז איך האָב אזוי ליעב רוסלאַנד... ערשט איצט פיהל איך ווי שטאַרק עס איז די ליעבע צו מיין היימאַט, צו מיין פאָטערלאַנד... אָבער דאָך וועל איך אוועקפאָהרען קיין אויסלאַנד... איך וועל אוועק אין דער פרייער ענגלאַנד, וואו איך וועל קענען זיין פריי און לעבען אזוי ווי איך וויל... מיין פרייהייט וועט קיין געפיהל ביי מיר ניט צונעהמען...

צו קיין פעסטען בעשלוס האָט ער אַליץ ניט געקענט קומען. ער האָט ווידער גענומען מאַכען נייע פאָרבערייטונגען צו דער רייזע, כאָטש ער איז אַליין ניט געווען זיכער צו ער פאָהרט טאַקע קיין אויסלאַנד.

טאַבאַלצעוו האָט געפיהלט, אַז דער נייער שריט, וואָס ער נעהמט איצט מאַכען, איז אַן אָנפאַנג פון אַן ערנסטען קריזיס אין

זיין לעבען. ער האָט געפּיהלט, אַז אַ נייע צייט קומט אָן, נייע אומשטענדען וועלען זיך אונטעררוקען און ווילען איהם סוף כל סוף ברעכען... ווארים וואָס־וואָס, ער איז דאָך שוין טאַקע ניט קיין אינגעלע, נור אַ טאַטע פון דריי קינדער... עס איז דאָך אונ־מעגליך, אַז אייביג זאָל אַ מענש קוקען אויפ׳ן לעבען מיט די־זעלבע אויגען און זיך בעציהען צו זאַכען אַזוי לייכט ווי אַ קינסט־לער, וואָס זוכט בלויז גענוס און פערגעניגען... עס קומט דאָך אַמאָל אַ צייט, ווען אַ מענש ווערט ערנסטער און דערפּיהלט, אַז זיין ראָלע איז אויסגעשפּיעלט און ער געהט אַרונטער פון דער ביהנע...

דעם גאַנצען טאָג איז ער אין הויז געווען, כאָטש ער האָט זיך אין ערגעץ קיין פּלאַץ ניט געפונען. אַלע מאָל האָט ער גע־נומען שפּאַנען הין און הער איבער׳ן צימער און אָט — זיך גאָר אָוועקגעלעגט אויף דער ווייכער זאָפע און ווי אַ נעכטיגער גע־קוקט אויף דער סטעליע.

און ווען די זון האָט מיט איהרע לעצטע שטראַהלען דורכ׳ן פענסטער אין הויז אַריינגעקוקט, האָט זיך טאַבאַלצעוו געטהאָן אַ כאַפּ פאַר דער זאָפע, אין איילעניש זיך אָנגעטהאָן און איז אַרויס אין גאַס.

אָנגעטהאָן אין ווארימען פוטערל, מיט אַ גוטער קאַראַקולנער שוואַרצער קוטשמע אויפ׳ן קאָפּ, האָט ער גענומען שפּאַנען אין איי־לעניש. ווי ער וואָלט פאַר זיך אַ בעשטימטען ציעל געהאַט. אַזוי איז ער אָבגעגאַנגען אַ שטיק וועג און מיט אַמאָל האָט ער זיך גע־געבען אַ שטעל אָב און אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד.

— איזוואָשטשיק! (פורהמאַן).

אַ איזוואָשטשיק איז צוגעפאָהרען.

— וואוהין, פּריץ, וועט איהר בעפעהלען צו פאָהרען?

— צום בית־עלמין, — האָט טאַבאַלצעוו געענטפערט.

דער איזוואָשטשיק האָט איהם אָבגעמאָסטען מיט די אויגען פונ׳ם קאָפּ ביז די פיס. און ווען טאַבאַלצעוו איז שוין אין דער ברישקע געזעסען, האָט דער איזוואָשטשיק אַ קירעווע געטהאָן

דאָס פערדעל און געבענדיג אַ קנאַק מיט דער בייטש אין דער לופטען, האָט ער זיך אַ לאָז געטהאָן איבער'ן גלאַטען פערשנעעטען שאָסעע.

לעבען אַ בלומען־געוועלב האָט טאַבאַלצעוו דעם קוטשער זיך געהייסען אָבשטעלען. ער איז אהין אריינגעגאַנגען און האָט גע־קויפט אַ שעהנעם בוקעט בלומען, און דערנאָך האָט ער זיך צוריק אין דער בריטשקע אריינגעזעצט און געהייסען דעם קוטשער פאָה־רען ווייטער.

טאַבאַלצעוו האָט גאָר ניט בעמערקט ווי די זון האָט זיך גע־זעצט ווען ער איז ביי ליזא'ס קבר געשטאַנען... ער האָט גאָר ניט בעמערקט ווי די פינסטערנים נעהמט איהם ארום און דעקט איהם צו צוזאַמען מיט די קברים וואָס געפינען זיך דאָ.

די פינסטערנים און די טויטע שטילקייט, וואָס האָט דאָ גע־הערשט, האָט איהם אריינגעוואָרפען אין אַ מאָדנער שוידערלי־כער שטימונג, און געדאַנקען אַזעלכע, וואָס וואָלטען איהם קיינ־מאָל גאָר אויפ'ן זינען ניט געקומען, זיינען איהם איצט דוקא אין קאָפּ אריין געקראָכען אַן ער האָט געטראַכט:

„...אָט אַ שטייגער ליזא... אַ ריינער מענש געווען... אַ מענש מיט אַן עדעלער נשמה און מיט אַן עדעלען כאַראַקטער... יאָהרען־לאַנג האָט זי געגאַרט צו געניסען פון מיין ליעבע... די ליידענ־שאַפט צו מיר האָט זי רוהען ניט געלאָזט און זי האָט מיט זיך אַליין אַ שווערען קאַמפּף געפיהרט... איהר אָרענטליכקייט האָט זי ניט דערלאָזט בעגעהן אַזא שריט, וואָס האָט ביי איהר געהייסען אַ זינד... און דאָך... דאָך האָט זי דעם קאַמפּף ניט געקענט ביי־שטעהן און האָט זיך דאָך איבערגעגעבען... זי האָט איהר שטרעבונג סוף כל סוף פערווירקליכט...אודאי האָט זי געקענט לעבען, אָבער דער בעגעהר, אַז איך זאָל נור זיין איהרער, אינגאַנצען איהרער, האָט זי געבראַכט דערצו, אַז זי זאָל מאַכען אַ סוף צו איהר לעבען... און איצט פוילט איהר שעהנער קערפּער אין נאַסען קבר... ליזא... די שעהנע ליזא, די „ציגיינערין", פוילט אין אַ נאַסען קבר... גאָט, ווי שרעקליך דאָס איז!... און ווער איז אין דעם שולדיג? איך... ווען איך

וואָלט זיך צו איהר געוועז בעצויגען אזוי הייליג ווי זי צו מיר, וואָלט זי איצט אין קבר ניט געלעגען, נור זי וואָלט צוזאַמען מיט מיר געוועז ערגעץ אין א גרויסער שטאָדט אין אויסלאַנד... זי וואָלט זיך צו מיר אזוי געלאַסטשעט און איהרע צוויי גרויסע אויגען וואָלטען געלויכטען פאַר פרייד... בין איך דאָך אָבער אַן אנדערער, איז זי, די שעהנע, עדעלע ליזא, איבער מיר פון דער וועלט געגאַנגען... איבער מיר..."

ביז איצט האָט ער זיך קיינמאָל ערנסט ניט פערטראַכט וועגען דעם, אז ער איז דער שולדיגער אין ליזא'ס טויט. ביז איצט האָט איהם זיין געוויסען גאָר ניט געפּלאָגט איבער דעם... אָבער אין דער פינסטערנים פון דער נאַכט, צווישען די קברים, וואו דער טויט שוועבט ארום, האָט זיין געוויסען ערוואַכט און ער האָט געהאַט דאָס געפיהל ווי א מענש, וואָס שטעהט ביים קבר פון זיין קרבן, וועמען ער האָט אונגערן דער'הרג'עט...

און דאַן האָבען זיך נאָך שרעקליכערע געדאַנקען ביי איהם אין קאָפּ גענומען פלאָנטערען, און ער האָט זיך שוין פאָרגע־שטעלט אזא בילד:

יאָהרען וועלען אוועק און ער וועט קומען צוריק קיין רוס־לאַנד. עס איז מעגליך, אז רוסלאַנד וועט שוין דאַן זיין א פרייע לאַנד און אַלע פערוואָגעלטע זיהן איהרע וועלען זיך אומקעהרען צוריק אהיים... צוזאַמען מיט די פערוואָגעלטע וועט ער אויך קומען צוריק אהיים, און דאַן וועט שוין קיין איינע פון זיינע געליעבטע פרויען ניט זיין צווישען די לעבעדיגע... קאַטיא וועט שוין זיין טויט... סאָניא וועט שוין אויך זיין טויט. צו שווער וועלען פאַר זיי זיין די איבערלעבונגען, וואָס ער האָט אויף זיי געבראַכט, און דערפאַר וועלען זיי פון דער וועלט געהן... און ער וועט קומען אויפ'ן בית־עלמין ברענגען בלומען אויף זייערע קברים און קלערען פון יענע גוטע צייטען, ווען אָט די אַלע פרויען האָבען נאָך גע־לעבט און איהם די שעהנסטע און אנגענעהמסטע מאָמענטען פער־שאַפט... און אויך וועגען דעם, וואָס ער האָט זיי פון דער וועלט אומגעבראַכט...

גאָט, פאַרוואָס מוזען מענשען בעצאָהלען אזוי טייער פאַר יעדע שטיקעלע גענוס?!

כאָטש ער איז קיין שרעקעדיגער ניט געווען, איז אויף איהם דאָך געפאַלען אזא פּחד, אזא אימה, אז הענד און פיס האָבען איהם אָנגעהויבען ציטערען.

אפילו קיין מינוט האָט ער דאָ מעהר ניט געקענט פערבלייבען. ער האָט מורא געקראָגען פאַר זיך אַליין אין דעם מאָמענט ווען זיין געוויסען ערוואַכט צווישען קברים אויף א בית־עלמין און ער איז שנעל אוועק פון דאָרטען...

ווען ער איז געקומען אין שטאָדט אריין און נאָך אמאָל דערפיהלט ארום זיך דאָס גערויש און דעם פולס פון לעבען; ווען ער האָט דערזעהן ווי יונגע פרויען מיט אָנגערויטעלטע באַקען שפּאַצירען ארום אין די גאַסען, האָט זיך אויף זיין פּנים א שמייכעל פערשפּרייט, און ער האָט זיך שוין געקלערט אזוי:

— א מאָדנע זאַך... דאָס איז דאָך ניט מעהר ווי א נאַרישקייט... ווען א מענש שטעהט ביינאַכט אויף א בית־עלמין, מוזען איהם דאָך איינפאַלען אזעלכע שרעקליכע געדאַנקען... און דערפון איז געדרונגען, אז לעבדיגע מענשען מוזען אַלע מאָל זיין מיט'ן טויט פון דער ווייטענס... גאָר פערגעסען, אז אין דער שטאָדט, וואו שעהנע דאַמען שמייכלען, געפינט זיך א בית־עולם אויך.

קיין אומעט האָט ער צו זיך ניט געוואָלט צולאָזען. אַלע מאָל האָט ער זיך געקענט אויסדרעהען אזוי, אז בעסער פון אַלעס אין דער וועלט איז — לעבען און זיין פריי.

און דאָך האָט ער איצט געהאַט א שטאַרקען פערלאַנג צו זיין מעהרסטענטהיילס מיט זיך אַליין און קלערען וועגען דעם, וואָס ס'איז געווען, און אויך וועגען דעם, וואָס עס וועט זיין... וואָרים כאָטש ער האָט דאָס ניט געוואָלט, האָט ער דאָך געפיהלט, אז פון איצט אָן הויבט זיך אָן א נייער קאַפּיטעל, וואָס וועט מאַכען א סוף פון די אַלע פריהערדיגע קאַפּיטלען פון זיין לעבענס־געשיכטע.

עטליכע טעג זיינען אוועק און ער האט מיט זיך אליין גע־פירט א קאמפף — יא אוועקפאהרען קיין אויסלאנד, אדער ניט? ווען סטיאפושקא וואלט איצט געלעבט, וואלט איהם געווען גרינגער אלעם אריבערצוטראגען... מיט איהם צוזאמען וואלט ער געפאהרען אפילו אין עק וועלט; מיט איהם צוזאמען וואלט דאס לעבען געווען אינטערעסאנטער...

סאניא׳ן האט ער די גאנצע צייט ניט געזעהן. און עפעס האט ער מורא געהאט זיך צו זעהן מיט איהר. נור איין מאל אין אן אויף דערנאכט איז ער דאך צו איהם אוועק, און ער האט זי געטראפען אין דערהיים.

זי האט זיך אזש דערשראקען ווען זי האט איהם דערזעהן.

— וואס איז מיט דיר, אנדריושא? — האט זי איהם גע־פרעגט, — ביזט עפעס ניט געזונד?

ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף א שטוהל לעבען טיש, אנ־געשפארט דעם קאפ אן דער האנד, פערלעגט א פוס איבער א פוס און פעררויכערט א פאפיראס.

דאס קינד איז שוין געשלאפען אין א צווייטען צימער, אין שטוב איז געווען שטיל, און סאניא, וועלכע האט איצט אויסגע־קוקט נאך שעהנער ווי אלע מאל, איז געזעסען א פערזארגטע און פאר איהר איז געלעגען אן אפענער בוך.

— דו ווייסט, סאניא, — האט ער נאך א קורצען שוויינען געזאגט, — איך פאר אוועק קיין אויסלאנד.

— און וואס וועט זיין מיט מיר? — האט זי געפרעגט און איהם געקוקט גלייך אין די אויגען.

— דו דארפסט זיך ניט זארגען, — האט ער געענטפערט, — איך האב שוין מיט דער מאמען גערעדט וועגען דעם. זי וועט דאס קינד פערזארגען...

ביי סאניא׳ן האבען זיך געשטעלט טרערען אין די אויגען.

— דאס קינד... — האט זי קוים ארויסגערעדט, — און וואס וועט זיין מיט מיר?...

אונבעהאלפען און רחמנות׳דיג האט איהר שטימע געקלונגען.

זי איז צוגעגאַנגען צו איהם נאָהענט, אַרויפגעלעגט ביידע הענד אויף זיינע און אַריינקוקענדיג איהם טיעף אין די אויגען, האָט זי זיך געבעטען:

— אַנדריושאַ, נעהם מיך אויך מיט קיין אויסלאַנד... איך בין גרייט אַלעס אין דער וועלט אַריבערצוטראָגען, אַבי זיין שטענדיג דיינע!...

ער האָט איהר ניט באַלד געענטפערט. אַ ווייל האָט ער געקוקט אויף איהר נאָכפאָרשענד, ווי ער וואָלט איהרע געדאַנקען פון דעם אויסדרוק פון איהרע אויגען געוואָלט אַרויסלעזען, און דערנאָך האָט ער שטיל געפרעגט:

— און קאַטיאַ? פאַר איהר וועט דיך גאָר ניט אַרען?...

— פרעג מיך ניט אַזעלכע פראַגעס! — איז זי געוואָרען בייז. — איך וויל פון קיינעם ניט קלערען! מיך אַרט ניט פאַר קיינעם... איך וויל לעבען, און אָהן דיר קען איך ניט לעבען!

— אָבער, סאָניאַטשקאַ, — האָט ער זי אָנגעהויבען בערוהיגען, — דאָס איז דאָך ניט מעגליך... מיט דיר אַוועקפאָהרען קען איך ניט!

— פאַרוואָס?

— ווייל איך פאָהר אַוועק ווי אַ מענש, ביי וועמען אַ פרייער לעבען איז ביליגער פון אַלעס אין דער וועלט, און ניט ווי אַ מאַן, וואָס אַנטלויפט פון זיין פאַמיליע מיט אַן אַנדער פרוי... סאָניאַ, — האָט ער גענומען רעדען ווייכער און זי אָנגענומען ביי ביידע הענד, — איך בין דיר דאַנקבאַר פאַר יעדען גוטען מאָמענט, וואָס דו האָסט מיר פערשאַפט... איך בין דיר זעהר דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס דו האָסט מיך פונ'ם טויט געראַטעוועט... איך ווייס, אז ווען ניט דו, וואָלט מען מיך געוועזן אַרעסטירט מיט די פערבלוטיגטע קליידער אין גאַס, און דאַן וואָלט מען מיך זיכער געווען פערמשפט צום טויט... דיר דאַרף איך דעריבער זיין דאַנקבאַר מעהר פון אַלעמען, אפילו מעהר פאַר קאַטיאַ'ן, ווייל ווען ניט דו, וואָלט איך איצט ניט געלעבט, וואָלט איך מעהר קיין אַנגענעהמע מאָמענטען אין לעבען ניט געהאַט... אין די אַלע שעהנע און זיסע

איבערלעבונגען, וואָס שטעהען מיר נאָך פאָר אין דיזר צוקונפט, וועסטו א גרויסען אנטהייל האָבען... דו וועסט זיין איינע פון מיינע שעהנסטע עראינערונגען... אָבער אוועק מיט דיר קען איך דאָך ניט, ווייל דאָס וואָלט געווען געמיין... אין אלע מיינע האנדלונגען, אין אלע מיינע איבערלעבונגען בין איך א קינסטלער, אָבער ניט קיין געמיינער מענש... ווען איך וואָלט איצט מיט דיר אוועק קיין אויסלאַנד און איבערגעלאָזט קאטיא׳ן מיט די קינדער דאָ, וואָלט איך זיך אליין אין פנים געשפּיגען, ווייל דאַן וואָלט איך געווען אזוי געמיין, ווי יעדער רייכער סוחר׳ל, וועלכער פערלאָזט זיין פרוי כדי צו לעבען א טאָג מיט אן אנדער פרוי, אין וועלכער ער זאָל זיין צוגעבונדען... איך בין ניט אזא מענש!... איך האָב קאטא׳ן ניט אויפגעהערט ליעבען... אפילו דאַן ווען זי וועט פאָר מיר פערלירען דעם צויבער אלס פרוי... און דאָך פערלאָז איך זי, ווייל איך וויל זיין פריי; ווייל מיין לעבען בעלאַנגט צו מיר אליין און ניט צו קיינעם...

— נו, און מיין לעבען? — האָט סאָניא געפרעגט ניט אראָבגעהמענדיג די אויגען פון איהם.

— דיין לעבען בעלאַנגט צו דיר, — האָט ער קורץ געענטפערט.

— און צו דיר ניט?

— ניין, איך האָב דערויף קיין רעכט ניט.

— וועסטו, הייסט עס, אוועקפאָהרען און מיך וועסטו דאָ איבערלאָזען?

— איך האָב קיין אנדער ברירה ניט, — האָט ער געענטפערט. — איך מוז אוועקפאָהרען. וואָס איך האָב געקענט, האָב איך געטהאָן. איך האָב געבעטען די מאַמע, אז זי זאָל דאָס קינד פערזאָרגען, און איך אליין וועל אויך ארויסהעלפען.

א פערוויינטע איז סאָניא געזעסען און געהערט וואָס ער רעדט. זי האָט זיך דערמאָנט אן דעם, וואָס קאטיא האָט איהר אמאָל געזאָגט, אז אנדריושא וועט זי אויסנוצען און דערנאָך אוועקוואַרפען... זי האָט אויך געוואָלט דענקען אזוי ווי קאטיא

דאַן, אַז ער איז אַ פּאַדליעץ, אַ געמיינער מענש, וואָס זוכט בלויז זיין אייגענעם פערגעניגען און עס אַרט איהם גאָר ניט וואָס שפּעטער וועט זיין. אָבער זי האָט דאָס ניט געקענט.

ווי איז גאָר מעגליך, אַז זי זאָל ווענען איהם אַזעלכעם דענקען? האָט ער איהר דען עפּעס צוגעזאָגט? האָט זי זיך דען איהם אַליין ניט אויפ׳ן האַלז געוואָרפען און מיט דער גרעסטער אונערדולד געוואַרט דאַרויף, אַז זי זאָל זיין זיינע?... און לוינט זיך דען ניט דאָס גאַנצע לעבען צו ליידען צוליעב יענע שעהנע און זיסע מאָמענטען וואָס ער האָט איהר פערשאַפט דאַן ווען ער איז ביי איהר אין הויז אַ וואָך צייט געווען? ער איז דאָך געווען אין גאַנצען איהרער...

אָבער די צוקונפט האָט זי געשראָקען. זי האָט מורא געהאַט, אַז ווען זי וועט דאָ בלייבען אַליין אָהן איהם, וועט זי זיך אַ סך דאַרפען פּלאָגען און מוטשען... זי האָט אויך מורא געהאַט, אַז סוף כל סוף וועט זיך קאַטיאַ דעם סוד דערוויסען און זיך אין גאַנצען דערווייטערען פון איהר; און דאַן וועט זי זיין עלענד אויף דער גאַנצער וועלט, און עס וועט זיך פאַר איהר אָנהויבען אַ לעבען פון צרות און אָבקומעניש...

קיינער האָט קיין וואָרט ניט גערעדט. ביידע זיינען איינער אַקעגען דעם אַנדערען געזעסען, די קעפּ אַרונטערגעלאָזט, און גע־שוויגען.

טאָבאָלצעוו׳ן האָט דאָס שווייגען געדריקט און ער האָט גע־וואָלט, אַז עס זאָל וואָס גיכער נעהמען אַ סוף דערצו. מיט אַמאָל האָט ער דערהערט ווי סאָניאַ כליפּעט, און ווען ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר, האָט ער דערזעהן ווי זי האַלט דעם קאָפּ אין ביידע הענד און איהרע אַקסלען טרייסלען זיך.

איז ער צוגעגאַנגען צו איהר און גענומען גלעטען איהרע האָר.

— סאָניאַ... סאָניטשקאַ, האָט ער צערטליך צו איהר גע־זאָגט, — וויין ניט, בערוהיג זיך... זיי ניט פון די אונגליקליכע

פרויען, וועלכע מאכען פון דער ליעבע א טראגעדיע, נאר זיי פון די פרויען ביי וועמען די ליעבע איז א געננוס...

—אבער איך וועל אן דיר ניט קענען פערגעסען! — האט זי מיט געבעטען אין איהר שטימע כמעט ווי אויסגעשריען. — אנ' דריושא...

— עס איז ניט קיין חוב, אז דו זאלסט מיך פערגעסען, — האט ער געזאגט, געבענדיג איהר א קוש אין קאפ. — געדענק די גוטע און שעהנע מאמענטען, וואס מיר האבען צוזאמען איבער־געלעבט. און ווען עס וועט דיר זיין אומעטיג אויפ'ן הארצען און דו וועסט זיך נויטיגען אין א פריינדליכען ווארט, שרייב מיר אן א בריעף און איך וועל דיר ענטפערען... זאלען ביי אונז ביידען די איבערלעבונגען בלייבען אלס א שעהנע עראינערונג און לאמיר ביידע זיין פרייע מענשען...

סאניא האט זיך אבער פון זיינע ווערטער ניט געקענט בע־רוהיגען. מיט אמאל האט זי געטהאן א פאל צו זיינע קניע און רחמנות'דיג זיך אנגעהויבען בעטען:

— אנדריושענקא... טהייערער, פערלאז מיך ניט!...

טאבאלצעוו'ן האט עס אויפגעשוידערט. סאניא איז אויף דער ערד געפאלען. ער האט ניט געקענט זעהן ווי א מענש ערניעד־ריגט זיך. האט ער געטהאן א קריץ מיט די צייהן און מיט אלע כחות איהם געגעבען א הויב אויף דער ערד...

ער איז געווען גרייט זיך אויסצובייזערען אויף איהר פאר־וואס זי האט ניט געגוג שטאלץ; ער האט איהר שוין געוואלט זאגען, אז זי זאל זיך ארויבנעהמען א מוסר פון קאטיא'ן; פון איהר זיך לערנען ווי שטאלץ א פרוי דארף זיין. אבער ער האט געוואוסט, אז דערמיט וועט ער נאך ערגער מאכען, און דערפאר האט ער איהר גאר ניט געזאגט.

שטיל, אהן ווערטער, האט ער זי אונטער'ן ארעם אנגענומען, זי צוגעפירט צו דער זאפע אן זי אוועקגעלעגט צערטליך, ווי מען לעגט אוועק א קינד, וועמען מען קען מיט שכל ניט איבערצייגען, אז עס איז ניט גערעכט.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבען איהר. מיט איין האַנד זי אַרומגענומען פאַר דער טאַליע, און מיט דער אַנדערער זיך אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ. אַזוי איז ער אַ ווײַלע געזעסען און אויף זיין פּנים איז געווען קענטיג, אַז ער לעבט איצט איבער זעהר אַ סך. מיט אַמאָל האָט סאָניא דערהערט ווי ער גיט אַ שטאַרקען קריץ מיט די צייהן, און ווען זי האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן, האָט זי דערזעהן ווי ער גיט זיך אַ שטאַרקען ריס ביי די האָר פונ׳ם קאָפּ און דערביי פערקרימט זיך זיין פּנים אַזוי, אַז עס איז איהם גאָר ניט צו דערקענען...

רעדען צו איהם איצט האָט זי ניט געקענט. עפּעס האָט זי מורא געהאַט פאַר איהם, ווייל איהר האָט זיך געדאַכט, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט שרעקליכע געדאַנקען... עס איז דאָך מעגליך, אַז ער זאָל פאַר צרות בעגעהן זעלבסטמאָרד, אַבי פּטור צו ווערען פון דעם פּלאָנטער.

און עס האָט איהר שוין געריסען דאָס הארץ אויף איהם, דעם אונגליקליכען מענשען, וועלכער וועט אַזוי יונג פון דער וועלט געהן...

מיט אַ בעזונדער מין ליעבשאַפט האָט זי זיינע הענד אָנגע־נומען און זיי אַרומגעוויקעלט אַרום איהר האַלז. זי האָט איהם געקושט אין די ליפּען, אין די אויגען און אינ׳ם שטערען, און שטיל געשעפּטשעט:

— אַנדריושאַ, טהו דאָס ניט...

דערמיט האָט זי געמיינט, אַז ער זאָל קיין זעלבסטמאָרד ניט בעגעהן. ער אָבער האָט געמיינט, אַז זי מיינט דערמיט, אַז ער זאָל זי ניט איבערלאָזען, און איבער דעם האָט זיך זיין פּנים נאָך מעהר פערקרימט און ער האָט כמעט מיט כעס געזאָגט:

— איך בעט דיך, רעד גאָר ניט!...

און זי איז געבליבען ליעגען שטיל, אונטערטהעניג און קיין וואָרט מעהר ניט אַרויסגעזאָגט.

סאָניא איז איינגעשלאָפען. דאַן איז טאַבאָלצעוו אויפגע־שטאַנען, איהר געגעבען אַ קוש אין שטערן, דערנאָך האָט ער פון

דערווייטענס א קוק געטהאָן אויפ'ן קינד, ווי עס שלאָפט זיך אזוי רוהיג און שעהן, און ער איז שטילערהייט ארויסגעגאנגען...

אויפ'ן וועג צוריק האָט ער זיך געקלערט:

„צוויי שוועסטער — קאטיא און סאָניא... און וואָס פאר אַן אונטערשיעד עס איז צווישען זיי! קאטיא, מיט אַלע איהרע חסרונות, איז אַ פערזענליכקייט, אַ מענש מיט שטאָלץ און ווירדע... און סאָניא, מיט אַלע איהרע מעלות, איז אַ... שמאטע."

* * *

דאָס ארומגעהן לעדיג האָט טאבאָלצעוו'ן שטארק גענערגערט און די אונבעשטימטקייט האָט איהם שרעקליך געקרענקט. יעדער טאָג איז פאר איהם געווען אַן אייביגקייט און ווי אַ שווערע מ'שא זיך אויפ'ן הארצען געלעגט. ביי דער מוטער אין הויז האָט ער ניט געקענט איינזיצען, און וואוהין צו געהן האָט ער אויך ניט געהאט.

און וואוהין געהט מען טאקע? די בעסטע חברים, וועלכע זיינען איהם געווען אזוי ליעב און סימפאטיש, זיינען שוין ניטאָ. אייניגע זיינען דער'הרג'עט געוואָרען און אייניגע זיינען שוין קיין אויסלאַנד אנטלאָפען... אַך, ווען סטיאָפושקא וואָלט איצט גע־לעבט!...

אין אַן אבענד האָט ער איינמאָל גענומען אַ בריטשקעלע און גלאַט אזוי, אָהן אַ ציעל, זיך געלאָזט פאָהרען איבער דער שטאָדט.

איבער פערשיעדענערליי גאסען איז ער געפאָהרען און אַלעס, וואָס ער האָט געזעהן, האָט ער געוואָלט אין זיין מוח אָבקריצען אזוי שטארק, אז ער זאָל עס גוט געדענקען. יעדע קלייניגקייט איז איהם געווען זעהר טהייער — די איזאָוושטשיקעס מיט די צילינדערס, די שליטעלעך, די קליינע גלעקעלעך, די קראָמען, די מענשען — דאָס קלינגען פון די קלויסטערס — אַלעס. און ער האָט געפיהלט, אז עס איז איהם שווער זיך צו שיידען מיט מאָסקווא, מיט'ן הארץ פון רוסלאַנד...

אין דעם זעלבען אבענד איז ער געווען ביים אידישען סטו־דענט זיידמאן.

ביידע חברים האָבען זיך ביי א זודיגען סאמאָוואר אוועקגע־זעצט און פערפיהרט א געשפּרעך...

זיי האָבען גערעדט פון די אַלע חברים, וועלכע האָבען מיט זייער לעבען בעצאָהלט קעמפּפענדיג פאר רוסלאנד'ס פרייהייט און מעהר ווי פון אַלעמען האָבען זיי גערעדט וועגען פּאָטאַפּאָוו'ן.

— ניטאָ קיין סך אַזעלכע מענשען, — האָט זיידמאן גע־זאָגט. — דאָס איז געווען אַן אמת'ער רוסישער העלד, א גאנצער מענש, וועלכער איז מיט לייב און לעבען געווען איבערגעגעבען דעם פאָלק.

— אָבער דאָס פאָלק איז אונוויסענד און נאָך ניט רייף גענוג צו שעצען אַזעלכע העלדען, — האָט טאַבאָלצעוו מיט בעדויערען געזאָגט. — ביי אַנדערע פעלקער האָט אַזא העלד כבוד און ביי אונז רוסען איז אַזא העלד א מארטירער... סטיאָפּושקאָ'ס לעבען איז געווען איין גרויסע טראגעדיע; ער אַליין האָט ליעב געהאַט שעהנקייט, קונסט, טהעאַטער, מוזיק, און דאָך איז ער קיינמאָל אַפילו צו קיין קונסט־אויסשטעלונג ניט געגאַנגען; מיט'ן טהע־אַטער האָט ער זיך ניט אינטערעסירט, אין אָפּערא איז ער ניט געגאַנגען, און שטענדיג האָט ער געהאַט איין תירוץ: „וואָס ס'איז ניט פאר'ן פאָלק איז ניט פאר מיר...״ איהר פערשטעהט, ער האָט אין זיך געפיהלען דערשטיקט, ביי זיך אַליין פערגעניגענס צוגע־נומען און זיך אין גאַנצען אָבגעגעבען דעם קאַמפּף פאר'ן פאָלקס־פרייהייט. אַן אמת'ער מארטירער איז ער געווען... אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער געלעבט ווי א העלד און איז געשטאָרבען ווי א העלד!

אַלע מאָל האָט זיך אַן אַנדערער דערמאָנט עפּעס אַן אינטע־רעסאַנטען כאַראַקטער־שטריך פון פּאָטאַפּאָוו'ן. מיט דער גרעס־טער בעגייסטערונג האָבען זיי וועגען איהם גערעדט, און ווען טאַ־באָלצעוו האָט געגומען דערצעהלען די איינצעלהייטען פון זיין טרא־

גישען טויט, ווי ער האט זיך אין מויל אריינגעשאסען א קויל, האט זיך זיידמאן אזש ביים קאפ אנגעכאפט.

דערנאך זיינען זיי ביידע לאנג איבער די קאלטע גלעזער טהעע געזעסען און געשוויגען. אין א ווייל ארום האט זיידמאן זיך אנגערופען:

— און דאך בין איך איהם מקנא וואס ער איז שוין טויט...

— פארוואס? — האט טאבאלצעוו געפרעגט, קוקענדיג אויף איהם נאכפארשענד.

— ווייל די טויטע איז יעצט בעסער ווי די לעבעדיגע... יענע זיינען געפאלען אין קאמפף און מיר וועלען אויסגעהן אין אומעט... יענע זיינען געפאלען ווי העלדען און מיר וועלען מיט הארץ־וועהטאג צוקוקען ווי דאס פאלק ווערט געפייניגט און קושט נאך די ריטער פון דעם פייניגער... מיר מוזען צוזעהן ווי מענשען, וועלכע זיינען ערשט ניט לאנג צוריק העלדען געווען, זיינען מיט אמאל געווארען אזוי קליינליך, נישטיג, און אויפגעהערט גלויבען אין דעם, וואס מיר האבען אלע צוזאמען אזוי הייליג געגלויבט... מיר קומט איצטער אויס זיך צו בעגעגענען אין אוניווערזיטעט מיט מענשען, וועלכע זיינען מיט אונז צוזאמען אין איינע רייהען געווען, און ווען איך הער זייערע רייד, זייערע טענות, פיהל איך ווי אנצושפייען זיי אין פנים אריין... זיי רעדען וועגען דעם גאנצען קאמפף ווי וועגען אן איבריגע זאך... דער הויפט־ציעל פון זייער לעבען איז — ענדיגען דעם אוניווערזיטעט און קומען צו א תכלית... וואו אידעאל! וואס אידעאל! די הויפט־זאך איז ביי זיי דער תכלית.

און זיידמאן האט איהם געבראכט א גאנצע רייהע ביישפיעלען פון אזעלכע מענשען, וואס ער האט געקענט.

ביז שפעט אין דער נאכט איז ער געזעסען ביי זיידמאן'ען און גערעדט. און ווען ער איז אוועק האט ער זיך געפיהלט אזוי צובראכען, און אויפ'ן הארצען איז איהם געווען אזוי שווער, אז ער האט זיך געפיהלט ווי אן איבריגער אויף דער וועלט.

ביי וואס בלייבט איצט אבער זיך צו האלטען? וואס פאר

אָן אינטערעס געפינט מען איצט?... מיט וואָס באַגייסטערט מען זיך?...

אָט די פראַגען האָבען טאַבאַלצעוו'ן געמוטשעט. ער האָט זיך דעם קאָפּ געבראָכען און קיין ענטפער ניט געקענט געפינען...

דעם סך־הכל פון דער גאַנצער שטורעמדיגער צייט האָט ער אונטערגעצויגען אַזוי:

געפאַלענע העלדען... אַנטלאָפענע אידעאַליסטען... ענטוישטע מענשען... אַן אונוויסענד פאָלק... און אַ בלאַנקע שווערד, וואָס הענגט איבער'ן קאָפּ און איז גרייט יעדע מינוט זיך אַראָבצור־לאָזען און מאַכען אַ סוף צו דעם לעבען, וואָס איז קיין לעבען...

„טו וואָס־זשע בלייבט איבער אַזוי?" — האָט ער זיך אַליין געפרעגט.

און דאָ האָט ער זיך דערמאָנט וואָס קאַטיאַ פאָדערט ביי איהם... זי פאָדערט, ער זאָל איהר געבען דאָס וואָרט, אַז מעהר וועט ער זיך מיט זיינע חברים ניט בעגעגענען... מיט וועלכע חברים? די בעסערע זיינען דאָך שוין נישטאָ... צוליעב סטיאַ־פושקאַ'ן האָט זיך געלוינט איבערצורייסען מיט דער פאַמיליע, אָבער איצט צוליעב וועמען?...

אונגעריכט פאַר זיך אַליין איז ביי איהם אַ נייער בעשלוס מיט אַמאָל געשאַפען געוואָרען. אָבער ער האָט זיך אַליין דער־פאַר דערשראָקען... ניין! צוזאָגען קאַטיאַ'ן, אַז ער וועט שוין זיין בלויז אַן איבערגעגעבענער פאַמיליען־מאַן — דאָס וועט ער ניט טהאָן! בשום אופן ניט! — — — — — — — — — — —

און דאָך, אַז ער איז צוגעקומען צום הויז...

ביי דער טהיר האָט ער זיך אָבגעשטעלט, איבערגעלייענט פאַר זיך דעם אויפשריפט „אַנדרעי קיריליטש טאַבאַלצעוו", גע־שטאַנען אַ ווייל ניט ענטשלאָסען, ווי ער וואָלט זיך געשלאָגען מיט דער דעה. און ווען ער האָט שוין געהאַט אויסגעשטרעקט די האַנד אָנצוקלינגען, האָט ער זיך געגעבען אַ כאַפּ צוריק, און איז אַוועק...

* * *

מיט א פּאָר טעג שפּעטער איז ער דאָך געקומען אהיים...

— — — — — — — — — — — — — — —

ער איז אריינגעגאַנגען מיט ניט זיכערע טריט.

— גוט מאָרגען, קאַטיא!

אויף זיין פּנים האָט זי גלייך דערקענט, אַז ער האָט פאר די לעצטע עטליכע טעג א סך געליטען און איבערגעלעבט. זיין פּנים איז געווען בלאַס און די אויגען זיינען איהם טיעף אונטער׳ן שטערן ארונטער. זי האָט אויך דערקענט אָן איהם, אַז א וויכטיגע ענדע־רונג איז פּאָרגעקומען, אַז ער קוקט עפּעס אוים ווי אונטערטעהע־ניג. און כאָטש זי האָט געפיהלט ווי צו פאַלען אויף זיין האַלז און איהם א קוש טהאָן אזוי שטאַרק. אַז ער זאָל פיהלען ווי הייס זי ליעבט איהם און וויפיעל זי קלערט פון איהם, האָט זי דאָך קאַלט געענטפערט:

— גוט מאָרגען...

— קאַטיא, — האָט ער געזאָגט, אַוועקזעצענדיג זיך אויף א שטהול נעבען טיש — איך בין געקומען זיך געזעגענען מיט דיר...

— און איך האָב געמיינט, אַז דו ביזט שוין לאַנג אַוועקגע־פאָהרען. — האָט זי מיט געמאַכטער גלייכגילטיגקייט געענט־פערט.

— איך האָב נאָך דאָ געהאַט געוויסע זאַכען צו פאַרזאָר־גען, — האָט ער ניט זיכער ארויסגערעדט, — און דערפאר בין איך דאָ געבליבען נאָך אויף א פּאָר טעג... איך דענק, אַז היינט, אָדער מאָרגען, וועל איך אַוועקפאָהרען...

אין זיין ריידען האָט זי דערקענט, אַז היינט אָדער מאָרגען וועט ער ניט פאָהרען. אין דערזעלבער צייט אָבער האָט זי זעהר קליינע האָפנונגען געהאַט, אַז ער זאָל זיך איהר אין גאַנצען אונ־טערגעבען און זיין אַזאַ מענש ווי זי וויל.

א העלפט פון איהר לעבען וואָלט זי אַוועקגעגעבען ווען ער וואָלט געקענט זיין אַן אַנדערער. זי איז געווען גרייט אפילו אין עק וועלט מיט איהם צו פאָהרען אבי ער זאָל איהר געבען דאָס וואָרט,

אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט ער שוין זיין אַן איבערגעגע־בענער מאַן און אַ געטרייער פאָטער און ניט אין זינען האָבען מעהר די זאַכען, וועלכע זיינען ביי איהר געווען געפעהרליכע נאַריש־קייטען... ווי גוט עס וואָלט איהר דאַן געווען!... אָבער ער וועט דאָך אַנדערש ניט זיין!

עס איז פאַר זייביידען געווען שווער אין דעם איצטיגען מאָמענט אַ וואָרט צו ריידען.ביידע האָבען געפיהלט, אַז זיי ריידען ניט דאָס, וואָס זיי ווילען.

— קאַטיא, — האָט ער ווידער ניט זיכער זיך אָנגערופען,

— פאַרוואָס פרעגסטו מיך ניט צי איך וועל דיר שרייבען אַ בריעף?

זי האָט אַ ציה געטהאָן מיט די אַקסלען און געענטפערט:

— אויב דו וועסט געפינען פאַר נויטיג וועסטו שרייבען... איך פאָדער ניט ביי דיר קיין זאַך...

— פאַרשטעהסטו דען ניט פון מיר, אַז איך זאָל ווערען אַן אַנדער מענש?

— דאָס איז עפּעס אַנדערש, — האָט זי דרייסט און פעסט געענטפערט. — אָבער כל זמן דו ביזט דאָס ניט געוואָרען, קען איך פון דיר גאָר ניט פאָדערען, פונקט ווי איך קען ביי קיין פרעמדען מענשען גאָר ניט פאָדערען...

טאַבאַלצעוו'ן האָט דאָס שטאַרק וועה געטהאָן און אין דער־זעלבער צייט האָט ער בעוואונדערט איהר שטאָלצען האַלטען זיך אין דער פעסטקייט פון איהר טאָן.

ער האָט געקוקט ווי זי זיצט אויפ'ן שטוהל און אין איין אויגענבליק האָט זיך ביי איהם אין קאָפּ אַ מיש געטהאָן די איבערלעבנונגען פון יענער צייט, ווען ער האָט זיך אין איהר פערליעבט; ווי ער האָט געהאָפט, אַז מיט דער צייט וועט זי נאָך ווערען אַ וועלט בעריהמטע קינסטלערין; אַלע איהרע זעלטענע מעלות האָט ער איצט ביי זיך אין געדאַנק איבערגעמישט, און עס איז ביי איהם אויסגעקומען אַזוי:

„אָט דאָס הייסט אַ מענש!... אָט דאָס הייסט אַ פּערזענ־

ליכקייט!... צוליעב אן ארימער מוטער און א קלענערער שוועס־טער האט זי א קינסטלער־קאריערע געאפפערט... צוליעב איהרע קינדער האט זי זיך פון איהר איינען לעבען אבגעזאגט... און צו־ליעב איהר מערקווירדיגען שטאלץ געהט זי איצט אפפערען איהר לעבען... ווי פון איין שטיק אויסגעגאסען און פעסט ווי א גראניט איז זי... א גאנצער מענש אין פולען זינען פון ווארט"...

מיט אמאל האט ער זיך געגעבען א שטעל אויף, צוגעגאנגען צו איהר און האלטענדיג די אויגען ארונטערגעלאזט האט ער גע־זאגט:

— קאטיושא... פאר וואס זאלען מיר איינער דעם אנדערען ניט זאגען דאס וואס מיר פיהלען?... לאמיר פערגעסען אן דער וואנט, וואס האט זיך צווישען אונז ביידען אוועקגעשטעלט... קאטיא...

— וואס מיינסטו דערמיט? — האט זי פון איהם קלאהרע ווערטער געוואלט הערען.

— איך מיין... — האט ער געזאגט קוקענדיג איהר גלייך אין די אויגען, — אז דו זאלסט פאהרען צוזאמען מיט מיר קיין אויסלאנד...

— נו און דארט וועסטו זיין אן אנדערער? — האט זי מיט א ציטערדיגער שטימע געפרעגט און איהם גלייך אין די אויגען געקוקט.

— יא... — האט ער געענטפערט שטיל און א ביסעל פער־שעהמט.

און מאדנע! אויף דעם ווארט האט זי דאך אזוי לאנג ארויס־געקוקט, פשוט געגארט דאס פון זיין מויל צו הערען. און דאך האט איהר עפעס אזוי שטארק אין הארצען א קלאפ געטהאן ווען זי האט דאס פון זיין מויל דערהערט... און עפעס האט איהר אזוי וועה געטהאן דערויף, וואס ער איז אזוי אונטערטהעניג געווארען... זי האט זיך איהם אזש געשעהמט אין די אויגען אריין צו קוקען...

— אנדריושא... — האט זי מיט א שלוכץ ארויסגעזאגט, —

אַנדריושאַ. — און ווען זי האָט איהם אַ קוש געטהאָן האָט ער בעמערקט טרעהרען אין איהרע אויגען...

ניט קיין פריידענס־טרעהרען זיינען דאָס געווען, נור אַזעלכע, וואָס קומען אין די אויגען אריין אין אַ מאָמענט ווען עס טהוט שטאַרק וועה און מען ווייסט אַליין ניט צי מען זאָל זיך פרעהען דערמיט, וואָס האָט זיך געענדיגט אַזוי און ניט אַנדערש, צי ניין...

— — — — — — — — — — — — — — —

ביידע זיינען געווען קלוג גענוג און אויך עמפפינדליך גענוג צו פערשטעהן, אַז אין'ם איצטיגען מאָמענט דאַרף מען מעהר וועגען דעם ניט ריידען... און זיי האָבען טאַקע מעהר וועגען דעם ניט גערעדט...

זי האָט איהם צוגעפיהרט צו די קינדער, וועלכע זיינען נאָך אין די בעטעלאַך געשלאָפען, און אָנווייזענדיג אויף זיי האָט זי איהם שטילערהייט געזאָגט:

— זעה, אַנדריושאַ, ווי שעהן זיי זיינען!...

דערנאָך האָט זי איהם צערטליך אונטער'ן אָרעם אָנגענומען און אריינקוקענדיג איהם ליעבליך אין די אויגען האָט זי געזאָגט:

— דו ביזט אַזוי מיעד... געה לעג זיך צו אַביסעל און רוה זיך אויס...

טאַבאַלצעוו האָט דערפיהלט אַ וואַרימע אַטמאָספערע אַרום זיך. אָבער דאָס איז איהם ניט בעקומען און ער האָט זיך גע־פיהלט עפּעס מאָדנע...

— — — — — — — — — — — — — — —

און אויף מאָרגען האָט ער שוין גענומען מאַכען די פאָרבע־רייטונגען פאַר דער רייזע. ער האָט פאַר קאַטיאַ'ן אויך געקראָגען אַ פּאַספּאָרט, און עס איז שוין געווען אָבגעמאַכט, אַז זיי פאָהרען ביידע צוזאַמען, מיט די קינדער.

געטהאָן האָט ער אַלעס ווי אַ מענש ניט פון דער וועלט. צופיעל צוטומעלט און צומישט איז ער געווען, כאָטש צייטענווייז האָט ער געפּרואווט מאַכען דעם אָנשטעל, אַז ער איז שטאַרק צו־פריעדען דערפון, וואָס עס האָט זיך אַזוי געענדיגט.

קאטיא האט זיך פול מיט האפנונגען אין וועג אריין געגרייט, כאטש צייטענווייז האט איהר דאס הארץ עפּעס אזוי מאָדנע גע־נאַגט און זי האט מורא געהאט צו קלעהרען פאר וואס דאס איז אזוי...

און ווען דער בעשטימטער טאַג איז געקומען איז טאבאלצעוו אוועקגעפאהרען אליין...

פונ'ם וואקזאל האט ער קאטיא'ן צוגעשיקט א קליין בריי־וועלע.

„טהייערע קאטיושא, — האט ער איהר געשריבען, — עס איז געווען א נארישקייט פון מיין זייט, וואס איך האב זיך אונטער־גענעבען... ווען איך וואלט מיט דיר צוזאמען קיין אויסלאנד גע־פאהרען אויף די בעדינגונגען, וואס דו האסט געוואלט, וואלט איך זיך אליין אין פנים אריין געשפיגען. אין איין שעהנעם פריה־מאָרגען וואלסט דו מיך געפונען א טוידטען אין מיין צימער... איך וואלט זיך אליין דערשאסען... דיך האב איך ליעב... אבער איבער מיין לעבען בין איך אליין דער בעל־הבית"...

— — — — — — — — — — — — — — —

דאס בריוועלע האט קאטיא געהאלטען און אלע מאל ווען עס איז איהר אויפ'ן הארצען געוואָרען מורא'דיג שווער, האט זי עס גענומען לעזען און געפיהלט ווי פרייד און טרויער מישען זיך ביי איהר אין הארצען...

(ענדע).

איהר וועט פיעל געווינען ווען איהר וועט זיך דורכשרייבען מיט אונז וועגען ביכער.

ווען איהר ווילט אן אינטערעסאנטען בוך, שרייבט צו אונז, איהר וועט פיעל געווינען דערביי. אונזערע ביכער זיינען די בעסטע און שעהנסטע ארויסגעגעבען, און ביליג לויט די יעצטיגע פרייזען.

דאס איז אונזער דערווייליגער קאטאלאג:

אומרוהיגע נשמות

א שעהנער באנד, שפאנענדע ערצעהלונגען פון מ. אשעראוויטש; 272 פיידזשעס. פרייז $1.60.

„דער דאמען-העלד"

ראמאן אין צוויי בענדער פון פיער טהיילען, פון אננא ווערביצקאיא, איבערזעצט פון רוסיש, פון מ. אשעראוויטש. פרייז פאר ביידע בענדער $3.00.

„גרינע צרות"

א הומאריסטיש־סאטירישער בוך אין דריי טהיילען, פון מאררים ראזענפעלד. פרייז $1.60.

„משה קאפויר"

פון ב. קאוונער. פרייז בלויז 50 סענט.

פרעהליכע מינוטען

צוויי הומאריסטישע בענדער, מיט נאהענט 200 ערצעהלונגען פון ב. קאוונער. פרייז $2.25.

„ווער איז שולדיג?"

אן אינטערעסאנטער בוך, בילדער פון די קרימינעלע קאורטס, פון סארא ב. סמיטה. פרייז בלויז $1.25.

די פרוי און קייטען

ראמאן, פון סארא ב. סמיטה פרייז $1.00.

די ביכער זיינען צו בעקומען אין אלע בוך סטארס אדער ווען איהר שיקט אונז די סומע, אין טשעק אדער מאני ארדער. אדרעסירט:

M. M. HERSHENSON (Literature Publishing Co.)
346 East 173rd Street New York, N. Y.

מאררים ראָזענפעלדיר בריעף וועגען זיינע ווערק וואָס מיר האָבען אָבגעקויפט:

„זעהר געעהרטער הערר הערשענזאהן, פערלאג ליטעראטור:—
מיינע נייעסטע, לעטצטע ווערק, וואָס איך האָב אייך פער־קויפט אויף ארוים צו געבען, די פּאָעטישע, ווי די פּראָזאישע, זיינען גאנץ אָבגעראָטהען פון מיינע ביכער, וואָס געפינען זיך אויף דעם ביכער־מאַרק.

יענע זיינען געוועזן בלויז מיינע ערשטע ליטעראַרישע פּראָבען. איך בין נאָך דעמאָלט ניט געוועזן קיין פּאָלשטענדיגער מייסטער, האָב אויך ניט געהאַט די פולע מעגליכקייט מיינע ווערק טיכטיג צו רעווידירען. די שלעכטע מאַטעריעלע לאגע האָט דאָס מיר ניט ערלויבט, ווייל איך בין דעמאָלט געוועזן אַן ארבייטער, דאָך גאָט צו דאַנקען, מיינע אומשטענדען האָבען זיך געביטען צו גוטען.

די בעסטע ווערק פון מיין לעבען האָב איך נאָך סיי ווי סיי גע־דאַרפט ערשט שרייבען און אין פערלויף פון די לאַנגע יאָהרען האָב איך זיי אָנגעשריעבען. איך האָב מיר גענומען צייט מיינע לעצטע ווערק צו שלייפען און פּוליטורען, איך האָב זיך בעמיהט זיי צו מאַכען ליטעראַריש, אַרטיסטיש אַרום און אַרום. מען האָט אָט די דאָזיגע ווערק מיינע געזוכט פון מיר אָב צו קויפען, אָבער איך האָב זיך ניט געאיילט דאָס צו טהאָן. איך האָב מיינע בעסטע, נייעסטע און לעצטע ביכער בעטראַכט אַלס די שטיצע אויף מיינע עלטערע יאָהרען און האָב זיי ערשט איצט אייך פערקויפט גאַנץ און פּאָללענדעט, אַז איך מעג זיך מיט זיי בעריהמען. איך האָף, אַז איהר וועט טהאָן דאָס בעסט מיינע בעסטע ביכער צום בעסטען ארוים צו געבען, אַלס אַ פרייד פיר מיר און אַלס זעלטענעם פיר דעם אידישען לעזער.

מיט הויכאַכטונג אייער גאַנץ ערגעבענסטער,

מאָררים ראָזענפעלד“.

דאס איז דער אָריגינאַל פון דעם בריעף וואס מאררים ראָ־זענפעלד האָט אונז צוגעשיקט, נאָכדעם ווי מיר האבען אָפּגע־קויפט ביי איהם אַלע זיינע ווערק:



ערוואַרטעט דאס גרויסע הומאָריסטיש־סאטירישע ווערק „גרינע צרות" פון גרויסען אידישען דיכטער און שריפטשטעלער מאררים ראזענפעלד. דער בוך וועט גאר קירצליך ערשיינען — שרייבט זיך דורך מיט אונז.